טיללער

אלטע און נייע פאלעסטינא

UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 12 10 06 11 016 6

631

40

45
38
6 19.
470
60
65

אַרבעטער רינג
ש: ליעסין-ביבליאָטעק

דער שילער קלוב
פון דער טאראנטער
נאציאנאלע-ראדיקאלע שולע

Digitized by the Internet Archive
in 2011 with funding from
University of Toronto

http://www.archive.org/details/nayeunalepalesin00mill

נייע און אלטע
פֿאלעסטינא

רייזע בילדער

פון

ל. ע. מיללער

אילוסטרירט

ארויסגעגעבן פון
וואַרהייט פּאַבלישינג קאָמפּאַני
153 EAST BROADWAY, NEW YORK

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

Copyright, 1912,
by the Warheit Publishing Co.

אַרבעטער רינג
ש. גינסין-ביבליאטעק

פאָרוואָרט

יער צוועק פון מיין רייזע קיין פאלעסטינא איז געווען צו זעהען דאָרט דעם אמת און זאָגען דעם אמת. פאר דיא לעזער וועט איצט בלייבען צו אורטהיילען, אויף וויא וויוט דאס איז מיר געלונגען.

דיא „רייזע בילדער" אין דיעזען ביכעל זיינען געשריבען אָריגינעל אלס קאָררעספאָנדענצען פאר דער „ווארהייט." זיי קענען ניט האבען דעם סיסטעמאטישען כאראקטער, וועלכען זיי וואָלטען געהאט, ווען זיי וואָלטען פלאנירט געוואָרען פאר א בוך.

איניגע פון דיא בריעף זיינען געשריעבען אין היילעניש, ערגעץ אויף א וועקזאל; איניגע אין מיטען וועג, אין א האָטעל, מאנכע אין די וואַגאָנען פון אייזען־באהן און מייסטען אויף פערשיעדענע שיפען. אויך פון דעם מוז פיעל ליידען דיא גאנצהייט פון ווערק. דיא שפראכע און דיא פאָרמע מוז אונפערמיידליך זיין א וואנדער נדע, א גערוסענע.

דאָך זיינען פאָרגענומען געווארען זעהר ווענינ ענדערונגען. א גרינדליכערע רעוויזיאָן, וואָלט פיעללייכט גלאטער געמאכט דיא פאָרמע און שפראכע. עס וואָלט אָבער דאביי געמוזט פערלאָרען געהן דיא אונמיטעלבארקייט פון דיא איינדריקע און דיא אטמאָספערע.

1.

דיא פערלארענע שכנים דיא געפונענע קרובים

דיא רייזענדע, ווען זיי בעשרייבען א ווייטע נסיעה, דריי־קען זיי זעהר זעלטען ווענען דעם צו זייערע לעזער קענען גענוי דיא געאָגראפיע פון לאנד, וועלכע זיי בעשרייבען, צי זיי קענען ניט.

און דער פאקט איז, אז זעהר ווייניג פון דיא לעזער קענען גענוי דיא לאגע פון לענדער און פלעצער וואס ועדען פאר זיי בעשריעבען, און אפילו דיא דאזיגע וואס ווייסען דאס, ווייסען דאס אויך ניט.

פיעלע מענשען, וואס האָבען זיך געלערענט אין דיא שוהלען, ווייסען נאטירליך, אז ערגעץ אונטען, אויף דער לאנד־קארטע, אין דעם פאדוואל פון אייראפא, וואס איז דער אויבערש־טער שטאק פון אפריקא, און דער פאראדנער אריינגאנג קיין אזיען. נעמליך, אויף יענעם עק פון דער מאפע וואס שטעלט פאר דעם זיער, אדער דרום זייט, איז דא א ים, וואס הייסט מיטעל־לענדישער, און אז נאך מעהר אונטען פון דער קארטע איז דא אנגעדייטעט ערגעץ א פינטעלע וואס הייסט אלעקסאנדריא, און נאך א פינטעלע, וואס הייסט פארט סאיד, און וויעדער א פינ־טעלע וואס הייסט יפו, און דאן איז דארט ערגעץ דא כאיפא, און ביירוט, און ערגעץ געפינען זיך דארט שטעדט וויא קאירא און ירושלים, און דאמאסק איז ניט ווייט, און דארט דארף אויך ערגעץ זיין דער בעריהמטער סועז קאנאל, און ווייטער ווייס מען, אז דא פאלען צוזאמען דיא גרענצען פון אייראפא, און אזיען, און אפריקא, און אלעס צוזאמען איז פערבונדען אין אונזער קאפ מיט ארץ ישראל.

און וואס קען מעהר ויסען א מענש ווען ער האט גע־חזר'ט זיין געאָגראפיע אפילו אויף א „פינף מיט א פלוס“ אין רוסלאנד, אדער אויסגעהאלטען אלע קאונטס אין אמעריקא?

און איך ערווארט ניט, אז איהר, לעזער, זאלט ויסען מעהר



לאנדקארטע פון נייען מצרים און ארץ ישראל.

און בעסער דיא געאָגראַפּישע לאַגע, וויא איך אַליין האָב עס גע־וואוכט, איידער איך האָב אָנגעהויבען צו גרייטען זיך פאַר ארץ ישראל.

איך גיעב דארום אַ קליינע קאַרטע, ספּעציעל פאַרבערייטעט פאַר דיעזען ביכעל. פון איהר, פון דיעזער קאַרטע, קענט איהר קריגען אַ מעהר קלאָהרען בעגריעף פון דאָס לאַנד וועלכע איך וויל איצט בעשרייבען.

מיין שיף האָט געדאַרפט שטעהן אין אַלעקסאַנדריא צוויי טעג. אַרונטערלאָזען קארגא, און נעהמען קארגא, און דאַן געהן קיין פּאָרט סאַאיד, וואו עס האָט ווידער געדאַרפט שטעהן אַ טאָג, פאַר זיין ווייטערע רייזע קיין יפו. מיט דיעזע דריי טעג האָב איך בעשלאָסען זיך צו בענוצען אין זעהען אַלעקסאַנדריא, דיא אידישע כקיהלס אין אַלעקסאַנדריא, דאָס לעבען פון דיא אידען אין מצרים, וואו זייערע זיידעס זיינען געוועזען קנעכט. איך האָב געוואָלט זעהען דיא אַמאָליגע הערדען און מייסטער פון מיינע אבות; איך האָב געוואָלט זעהען אין קאירא דיא פּיראַמידען — דעם שרעק פון אַלטען יודענטהום, דעם וואונדער־פּלאַטץ פון דער מאָדערנער מענשהייט, און דאַן האָב איך געוואָלט צוריקקעהרען זיך צום שיף ניט קיין אַלעקכאַנדריא נור דורך פּאָרט סאַאיד, כדי צו פאָהרען ביים ברעג פון דעם וואונדער פון אַלע וואונדער — פאַרביי דעם בעריהמטען סועז קאַנאַל.

אַזוי האָב איך אויף מיין וועג קיין פּאַלעסטינא „געטאָהן" דריי טעג מצרים.

און וועהרענד איך וויים ניט, איך קען אייך נאָך ניט זאָגען, וואָס עס וועט זיין מיין לעצטער איינדרוק, און מיין לעצ־טער וואָרט וועגען פּאַלעסטינא, דיא לעצטע געפיהלען מיינע וועגען עגיפּטען זיינען געפיהלען פון אַזאַ היים־וועהעניש, איך וואָלט געזאָגט פון אַזאַ ב י י נ ק ע נ י ש, וועז דיזער שעהנער וואָרט וואָלט ניט געוואָרען דיא לעצטע צייט אזוי פאַרפאַסקו־דעט — וועלכען איך האָב אין ערגעץ ניט געפיהלט אויף מיינע לאַנגע און ווייטע רייזען, אין ערגעץ ניט, אפילו ניט אין רוס־לאַנד.

און איצט זיצענדיג ביי אַן אָפענעם פענסטער, מיט דעם שעהנעם ירושלים - הימעל איבער מיר, שיועבט נאָך אַלץ פאַר

מיינע אויגען דער הימעל, דיא וואַסערן פון אַלעקסאַנדריא. אויך פון פאָרט סאַאיד, אויך פון יפו, אָבער מעהר פאר אַלץ פון אַלעקסאַנדריא. דיא בלויע פאַרב פון עגיפּטישען הימעל, וועלכער פאַרבט בלוי דיא גרויע ערד, דיא שוואַרצע ערד, דיא געלע ערד, אונטער אייערע פיס, וועלכע דרינגט דורך אייער אויג אין דיא נשמה, און דורך דיא נשמה אין יעדען בלוט־טראָפּען, אין יעדע נערווען־צעלע פון אייער גוף.

פון אונטען אין גאַס טראָגען זיך טענער, דיא אַלטע האַרץ־ציהענדע זעעלען־קוועלענדע טענער, פון אַ גריכיש־קאַטוי־לישער לויה. אונטען געהען גלחים מיט קאַדילניצעס, רוסישע מוזשיקעס, פילִיגרימען, אָהן היטלען און אין לאַפּטעס, אַ כאָר יונגע קינדער זינגען „פּסאַלמען“, פיער מאָנאַכען טראָגען אַן אָפּע־נע טרונע, אין איהר ליגט אַ יונגע רוסישע מאָנאַשקע. איהר בלאַסער און דינער פּנים איז שעהן אפילו אין טויט. דיא זונן לאַשטשעט צערטליך דאָס יונגע געזיכט פון דער טויטער מיידעל, וועלכע איז געווענדעט צום הימעל, און אפילו דער רויך און דער טשאַד פון דיא קאַדילניצעס, און דיא זאַטע, פעטע פּנים'ער פון דיא גלחים וואָס ברומען „האָספּאָדי פּאָמילוי“ קען ניט צושטערען דיא ריהרענדע, דיא טראַגישע פּאָעזיע פון דער פּראָצעסיאָן. און איך האָב זיך דערמאָהנט אַן אַנדער פּראָצעסיאָן אין קאַירא, אויך אַ לויה פון אַן אַלטער פרוי. אַ פּאָר ברעטער אויף צוויי רעדער געשלעפּט פון אַן עזעל; אַ שוואַרצער טויטען קאַסטען, און אויף נאָך אַ פּאָר ברעטער ווידער אויף צוויי רעדער האָבען זיך געוויגט און נעטרייסעלט אַ קופּע ווייבער און קינדער, וועלכע האָבען געשריען און געוויינט און געשנייצט זיך, און געזידעלט זיך צווישען זיך און ווידער געיאָמערט, און ווידער געשריגן. עס איז געווען באַרג אַרויף; דער קליינצינקער עזעל, וועלכער איז אַזוי גרויס וויא אַ מיטעל־וואוקסיגע ליטווישע ציעג, האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט ניט געקענט ווייטער געהן מיט דער משא, און דיא קברות־לייט האָבען אָנגעהויבען צו שמייסען דעם עזעל, און דער עזעל האָט אָנגעהויבען צו ברומען און שרייען, און עס איז שווער זיך פאָר־צושטעלען אַ סצענע וואָס וואָלט געקענט זיין מעהר קאָמיש און לעכערליך, און עקעלהאַפּט, און, ווען איהר ווילט, מעהר אַב־שטויסענד.

און איך ווייס ניט פאר וואָס דיא שעהנע איינדרוקספאָלע ריהרענדע בעגרעבענים פון דער טויטער מאָנאַשקע האָט אויף מיר קיין איינדרוק ניט געמאכט; דאָס הייסט, ס'האָט מיר ניט גע־נומען אזוי ביים הארצען וויא דיזע דומע, העסליכע, עקעלהאפטע פראָצעסיע פון דער אַלטער אראבערין.

פאר וואָס?

און דאָ דערמאָן איך זיך אן אנדער סצענע.

מען האָט אויסגעלאָדען אונזער שיף. א קאָמפּאניע באָרוועסע, האלב נאקעטע שמוציגע אראבער האָבען דאָס געטאָהן. מיט דעם נאָמען פון „אלאה" און מאחאמעד, האָבען פינף פון זיי גע־הויבען א קליינעם קעסטעלע, און מיט פסוקים פון קאָראן האָבען צעהן פון זיי געשלעפּט א גרויסען קאסטען. 35 סענט א טאָג זיי־נען זייערע ווייזשעס, דאָס הייסט א זעקסט חלק פון דיא וויי־דזשעס פון א נויאָרקער לאָנגשאָרמען. נאָך דיא ארבייט אָבער וואָס זיי האָבען אויפגעטאָהן, האָט יעדער פון זיי געקראָגען אם וויי־ניגסטען פינף מאָהל אזוי פיעל, וויא פיעל א נויאָרקער דאָק־ארבייטער.

שמוציג זיינען געווען זייערע פּנים'ער, פויל איז געווען יע־דער ריהר זייערער, און הונגעריג האָט אויסגעזעהען אי דער פּנים, אי דער קערפּער.

איך האָב ניט פערשטאַנען קיין וואָרט וואָס זיי האָבען גערעדט, איך האָב ניט בעגריפען קיין איינציגען וואונש זייערען, ווייט און פרעמד זיינען זיי געווען פון מיר, אי אין זייער געדאנק, אי אין זייער געפיהל.

און צוזאַמען מיט מיר זיינען געשטאַנען און געקוקט אויף דיזע האַלבע בארבארען, מיינע מיט - פּאסאַזשירען: דייטשען, אמעריקאַנער, ענגלענדער, פראַנצויזען, מיט פיעלע פון דיזע בין איך בעקאַנט געוואָרען אין דער צייט פון מיין רייזע, מיט איניגע פון זיי זאָגאר בעפריינדעט.

איך האָב גערעדט זייער שפּראך, איך האָב געלעבט זייער לעבען. זייער געשמאַק איז ביז א גראד געווען מיין געשמאַק, זיי־ערע ווינשע — מיינע ווינשע, זייערע בעגריפע וועגען פיעלעס — מיינע בעגריפע.

קינדער פון איין ציוויליזאציאָן, ערצויגען אויף דערזעלבער

וויסענשאפט, אין דיא לעהרען פון דערזועלבער מאראל, מיט שטרעבונגען צו דיזעלבע אידעאלען אין קונסט, אין לעבען.

ביז א גראד, מעהר אדער וויניגער.

און דאך האב איך גענומען פיהלען, אז איך בין נעהענטער אט צו יענע האלבע בארבארען, אז דיעזע אונוויסענדע, שמוציגע, וויסטע, פרעמדע, אונפערשטענדליכע און אונבעגריפענע קינדער פון איזמאאיל זיינען מיר נעהענטער, זיינען מיר מעהר קרובים וויא דיא ראסען, וויא דיא מענשען פון דיא פעלקער, צווישען וועלכע איך בין געוואקסען און וועמעס גייסט און לעבענס־גע־וואהנהייטען זיינען געווארען מיין גייסט און מיינע לעבענס־געוואהנהייטען.

פערשטעהט איהר דאס? קענט איהר דאס פערשטעהן, בעגרייפען? וועט איהר דאס גלויבען?

דא, אין פאלעסטינא, דיא מענשען וועמען איך האב איבערגעגעבען דיעזען געפיהל מיינעם, דיעזע מיינע איינדריקע, פערשטעהען זיי דאס גוט, און פיעלע פון זיי זאגען, אז זיי האבען געפיהלט דאס זעלבע ווען זיי זיינען אהערצו געקומען.

2.

דער נייער דור פון „עבדים היינו"

וויא פיעל איך וואָלט נאָך אייך וועלען דערציילען וועגען מצרים! וועגען דיא מענשען, און דאָס לאַנד!

וויא איך וואָלט וועלען איהר זאָלט זעהען, וויא איך, דיא הויכע, דינע, שלאַנקע פיגורען פון דיא אראבער, און דיא קלאַסישע, דיא קעניגליכע געשטאַלטען פון דיא יונגע עגיפּטערינען, דאָרט, וואו דער העסליכער „יאשליק" פאַרדעקט ניט אין גאַנצען פון דעם דיא מענשען (וואָס האָבען לאַנד) ; דער טייך, וואָס ערלויבט מיט נייגעריגען אויג דיא שיינהייט פון קלעאָפּאטרא'ס ראַכע.

און וויא איך וואָלט מיט אייך צוזאַמען וועלען פערשטעהן, פון וואַנען קומט עס, פון וואַנען נעהמט זיך דאָס, אז מענשען וואָס זיינען אונוויסענד, און שמוציג, און גראָב, און הונגעריג, און שלעפּען שטענדיג משאות אויף זייערע רוקענס, אויף זייער קארק, — אז פרויען, וואָס זיינען אייביג אין צוואַנציג געבויגען, קענען נאָך בלייבען פריי אין יעדען שריט זייערען, אין יעדער בעוועגונג, אזוי גראַציעז, פריי און חן'עוודיג, וויא קיין אנדער פאָלק, קיין אנ־דער ראַסע אין דער גאַנצער וועלט, אויסער פיעלייכט געוויסע שבטים אין קאַווקאַז?

און וויא זאָגט מען ניט אייניגע ווערטער וועגען דעם קליינעם, שעהנעם פּאָרט סאַאיד, וואָס איז אויסגעבויט ביים אנ־הויב פון דעם סועז קאַנאַל, אויסגעבויט פון דיא מענשען פון סועז קאַנאַל, אויסגעבויעט פאר דעם סועז קאַנאַל, — דיא אינטערע־סאַנטסטע שטאָדט אין דער וועלט, וואו עס איז ניטאָ קיין טאָג, ניטאָ קיין נאַכט, ניטאָ קיין וואָכענטאָג, ניט קיין יום טוב ; ווען א שיף קומט אָן, עפענט זיך אַלץ אויף און הויבט אָן צו לעבען ; ווען דאָס שיף געהט אוועק, ווערט אַלץ געשלאָסען און טויט.

און וועגען דעם טייך ניל וואָלט איך אויך וועלען רעדען, ווע־גען דעם וואונדערבארען טייך, וואָס מאַכט פעט דאָס לאַנד און זאָט

וויניג ארבייט דריי מאָל א יאָהר צו זייען און שניידען ; דער טייך, וועלכער איינער אליין מיט זיין אייגענער קראַפט האָט געמאַכט א וויין גאָרטען פון א לאַנד, וואָס אָהן איהם וואָלט געמוזט זיין א וויכטענים. וועגען דעם טייך און נאָך מעהר וואָלט זיך מיר וועלען אייך דערציילען, וויא עס האָבען זיך דאָ צוזאַמענגעשמאָלצען דיא צוויי ציוויליזאַציעס — דיא אייראָפּעאישע און דיא אָריענטאַלישע, און דיא ארבייט, וואָס זייביידען טהוען יעצט אין עגיפּטען.

און וועגען דיא ראָלע, וואָס ענגלאַנד שפּיעלט אין דעם, וועגען דיא מערקווירדיגע קולטורעלע ארבייט פון דיא ענגלענדער.

און וועגען דעם פרייען גייסט אין עגיפּטען, און וועגען דיא פעהיגקייט פון פאָלק צו שעטצען וואָס איז גוט אין דער אלטער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציאָן און צופּאַסען זיך צו איהר.

און וועגען דיא וואונדערבאַרע שיינהייט פון קאַאירא...

אָבער קאַאירא איז א וועלט פאר זיך אליין, זיא איז פאר זיך אליין א גאַנצע פּאָליטישע עקאָנאָמיע, א גאַנצער בוך פון סאָציאַלער מאָראַל.

איצט בין איך שוין דריי טאָג אין ירושלים, און עס איז צייט איך זאָל איבערגיין צו פּאַלעסטינא. איך וועל דארום ענדיגען אין דיעזען בריעף מיט מצרים.

ניט פריהער אָבער ביז איך וועל אייך דערציילען וואָס איך האָב געזעהען און געהערט פון דיא אידען פון מצרים, — אין אלעקסאַנדריא.

ניט פון דיא אידען־באַנקיערען, וואס זיינען דאָרט גרויס און מעכטיג, און גיעבען דעם טאָן, און פיהרען דיא פּאָליטיק, און די פינאַנסען פון אלעקסאנדריא. זיי לאָז איך איבער פאר יענע אידישע רייזענדע, ביי וועמען דער אידישער לעבען הויבט זיך אָן מיט דער נדבה פון מאָזעס מאָנטעפיאָרי, און ענדיגט זיך, מיט דיא זאָגעכצען און טהועכצען פון א באַראָן ראָטהשילד.

א סקוהל האב איך געפונען אין אלעקסאנדריא — א אידישע סקול, און וויא מיר וואָלט זיך וועלען איך זאָל קענען דיעזע סקוהל אריבערנעהמען קיין ניו־יאָרק, איהר זאָלט זיא קענען אָנזעהען, אדער אייך אריבערברענגען אין אלעקסאנדריא, איהר זאָלט זיא קענען אָנזעהען.

שטעלט זיך פאָר, א ריעזיגע געביידע, פיעל גרעסער וויא

ריא גרויסע פּאבליק סקוהל, וואס איז געגען סיוארד פּארק צווישען עססעקס און נאָרפאָלק סטריט, און א געביידע, וועלכע, ווען איהר וױלט, איז כמעט אזוי שעהן, וויא דיעזע גרויסע סקוהל פון סיוארד פּארק. שטעלט זיך פאָר, אז אין דיעזער סקוהל לערנען זיך 1350 אידישע קינדער, און אז די אידען פון אלעקסאנדריא האלטען אויף די סקוהל מיט זייערע גראָשענס.

און ווען איהר וועט זיך דאס אלעס פאָרשטעלען, און ווי־סען, און פיהלען, דאן וועט איהר זיך גאָר ניט האבען פאָרגע־שטעלט, איהר וועט גאָר ניט וויסען און ניט פיהלען, וועגען דיעזע וואונדערבארע אידישע שוהל, ווייל דאס איז דיא קלענסטע, און דאס אונבעדייטענדסטע טהייל פון דער געשיכטע, דען ווען איהר געהט נעהענטער אריין אין דיא וױיטערע איינצעלהייטען, ווייסט איהר אליין ניט, צו איהר זאָלט זיך פרעהען וואס ווייט, ווייט פון אייך, אין לאנד פון דיא פרעה׳ס, האבען דיא אייניקלעך פון זייערע קנעכט אזוי גוט זיך עטאבלירט, אָדער זאָלען מיר בעדויערן, וואס מיר, דיא שטאָלצע בירגער פון דער פרייעסטער רעפּובליק אין דער וועלט זיינען אזעלכע שלימ־מזל׳ניקעס.

דיא סקוהל איז איינגעטהיילט אין ניין גריידס אדער קלאַ־סען, אויסער דעם גרויסען קינדער־גארטען, וואס דיא סקוהל האט פאר דיא 600 קליינינקע אינגעלעך און מיידעלעך פון די דאָרטיגע אידען, וואס האלטען אויף דיא שוהלע. עס איז אויך דאָ א ספּעציע־לער קלאס, וואו דיא גרעסערע מיידלעך ווערען געלערענט האנד־ארבייט.

די הויפּט שפּראכע פון דער סקוהל איז פראנצויזיש. דאס הייסט, אז אלץ וואס ווערט געלערענט אין דער שוהלע, ווערט גע־לערענט אין פראנצויזיש. דאס איז דערפאר, וואס פראנצויזיש איז אין אלעקסאנדריא כמעט וויא דיא אָפיציעלע לאנדעס־שפּרא־כע. עס איז אמת, אז דאס פאָלק אין דיא גאסען רעדט אראביש, און דיא פּאָליסלייטע און דיא קליינע בעאמטע ריידען נור אראַ־ביש, און דיא הויפּט רעגיערונג פון אלעקסאנדריא איז ענגליש, און דאָך איז דיא שפּראך פון דער אינטעליגענץ, דיא שפּראך פון קאָמערץ, פון אלע הערשענדע עלעמענטען — פראנצויזיש. אין אידישע הייזער אין אלעקסאנדריא, — דאָס הייסט, אין דיא הייזער, וואָס מען רופט „בעל־הבתישע", רעדט מען ווען ניט ווען

אביסעל אראביש, אביסעל אידיש, הויפטזעכליך אבער, ווייס מען נור פראנצויזיש.

וועהרענד פראנצויזיש איז דיא הויפט־שפראך פון דער אידישער שוהל, ווערט דארט פיעל צייט אבגעגעבען העברעאיש. און אבוואהל זיי, דיא קינדער פון דער שוהלע, קענען ניט העב־רעאיש אזוי גוט, וויא דיא קינדער פון פאלעסטינא, קענען זיי עס פיעל בעסער, וויא דיא קינדער וואס געהען אין חדר אין אמעריקא און זאגאר — רוסלאנד. אויסער פראנצויזיש, וועלכע דיא קינדער געברויכען צווישען זיך אלס דיא שפראכע פון זייער היים, און העברעאיש, ווערט אין דער שוהל אויך געלערנט אראביש, — וואס איז דיא שפראכע פון דיא מאסען, און דער לשון פון דער נאס.

אבער עס זיינען ניט דיא שפראכען, און ניט דיא פיעלע לעהר־געגענשטענדע, און דיא לייכטע, נויטיגע פאפולערע וויסענ־שאפטען, וואס דיא קינדער לערנען און קענען, אין דער גרייסער אידישער געמיינדע שוהל פון אלעקסאנדריא וואס גיט דיזער שוהל איהר מערקווירדיג אנציהענדען און בעלעהרענדען כאראקטער. אין דיזער שוהל, אין דיזער שוהל פון אידישען פאלק אין מצרים, שטעלט זיך פאר לעזער, האב איך געפונען צום ערשטען מאהל רעאליזירט דעם וואונש, דיא פראגראם און דעם אידעאל פאר וועל־כען עס איז אזוי פיעל געקעמפפט געווארען פון דיא שוהל־רעפאר־מערס אין ענגלאנד, אין דייטשלאנד, פראנקרייך און אמעריקא אהן ערפאלג.

דאס ערשטע, וואס אייך ווארפט זיך אין דיא אויגען, ווען איהר געהט אריין אין דער אידישער געמיינדע־סקוהל פון אלעק־סאנדריא, אויסער דיא ליכטיגע, לעבעדיגע, פול מיט לעבען, פריי־הייט און חן פניב'לעך, דיא לייכטענדע, בלישטשענדיגע אויגעלעך פון דיא קינדער, איז אויך זייער מערקווירדיגע ריינליכקייט און נעטליכקייט פון דיא קליידער, און ווען איהר פרעגט, פון וואנען דאס קומט? געפינט איהר אויס, אז אויסער דעם, וואס דיא אידישע אינגעלעך און מיידעלעך קריגען אין דיא שוהלען אזוי גוט וויא א גאנץ פרייען אונטערריכט, און אויסערדעם, וואס זיי קריגען זייערע ביכער און שוהל מאטעריאל פונקט אזוי פריי וויא אין אמעריקא, קריגט נאך יעדעס קינד פון דער שוהלע גאנץ פריי זיין מיטאג־עסען אין דער שוהלע און אויך דיא נויטיגע קליידער.

און ווילט איהר וויסען, וואָס עס קאָסט דער אידישער געמיינדע פון אלעקסאנדריא דיעזער לוקסוס? איך האָב עס אונטער־



בית המדרש אין אלעקסאנדריא.

זוכט, און אָט האָט איהר דיא ציפערן, לעזט זיי. זיי זיינען אינטע־רעסאנט.

דיא פראכטפאָלע געשמאקפאָלע געביידע — איינע פון דיא שעהנסטע אין אלעקסאנדריא האָט דיא געמיינדע פאר זיך געשאַ־פען מיט דער הילפע פון דעם פאָנד פון באראָן מנשה, — דער־זעלבער באראָן וואָס האָט אויך אויסגעבויט דעם אידישען האָס־פיטאל אין אלעקסאנדריא, און געהאָלפען אויסבויען דיא פראכט־פאָלע סינאגאָגע, וואָס שטעהט אין דעם זעלבען פארק, וואו עס גע־פינט זיך דיא געמיינדע שוהלע.

און אויסער דער געביידע, וואָס איז איצט דאָס אייגענטהום

פון דער אידישער געמיינדע, קאָסט דיא שוהלע אויפצוהאַלטען, דאָס הייסט, דיא לעהרער, און לעהר - מאַטעריאַל, און דאָס עסען פון דיא קינדער און זייערע קליידער און אַלע איבריגע אויסגאַבען צוזאַמען מיט דער אַדמיניסטראַציאָן, זעכציג טויזענד דאָלאַר א יאָהר. אזוי וויא דיא שוהלע ווערט בעזוכט פון 1350 קינדער, הייסט עס, אַז יעדעס קינד קאָסט ניט מעהר וויא אַן ערך פון 80 סענט א וואָך.

פאַרגלייכט עס מיט דעם בודזשעט פון אַן אַמעריקאַנער סקוהל, וואו א קינד קאָסט דריי מאָהל אַזוי פיעל, אָהן עסען און אָהן קליידער, און איהר ווערט פאַרשטעהן, וואָס הייסט פ אָ ל ק ס־ פ ע ר וו אַ ל ט ו נ ג, נאַטירליך, ווען דאָס איז ניט „פאָלקס־ פערוואַלטונג“ פון א פּאָליטישער מאַשין, אָדער פון א גענאָסענ־ שאַפטליכער מאַשין.

און צו קריגען אַ גענויערע פאַרשטעלונג וואָס עס בעדייד־ טעט דיעזעס סקוהל, דאַרפט איהר אימער האַלטען אין אויג דעם אָרומיגען לעבען, דעם שוידערליכען לעבען פון דלות, פון נויטה, פון הונגער, גראָבהייט און אונוויסענהייט, וואָס איז אַרום דיא וואַנד פון דיעזער שוהלע.

עס ווערט גערעכענט, אַז אין אַלעקסאַנדריא זיינען דאָ אַן ערך פון 25000 אידען. מיט דער אויסנאַהמע פון דיא עטליכע גרויסע באַנקירען און געשעפטסלייט, קען מען ניט זאָגען, אַז דאָס לעבען פון דיא אידישע מאַסען איז דאָרט זיס. מיט דער אויס־ נאַהמע פון אונגעפעהר 33 פּראָצענט פון דער אידישער בעפעלקע־ רונג, וואָס מאַכען זייער לעבען אַלס קלויזקס, לעהרער, קליינע גע־ שעפטסלייטע און אָנגעשטעלטע, וועמעס דורכשניטליכער פאַר־ דיענסט איז אונגעפעהר פון 30 ביז 40 דאָלער א מאָנאַט, לעבט דאָס איבריגע טהייל פון פאָלק, וואָס מען רופט, פון ווינד: אייניגע פעד־ לען, אייניגע בעטלען, פיעלע זיינען בעשעפטיגט מיט דעם, וואָס זיי שטעהען אין גאַס פערקויפענדיג לאָטעריע בילעטען, אָדער ריכ־ טיגער, בעטלענדיג מען זאָל ביי זיי קויפען לאָטעריע בילעטען, ווייל אין דיא פיעלע פיעלע שטונדען וואָס איך האָב בעאָבאַכטעט דיעזען ספּעציפיש אָריענטאַלישען קלאַס סוחרים, אין לאַנגע שטרע־ קעס אויף דיא גאַסען פון אַלעקסאַנדריא און קאירא, האָב איך ניט

געזעהען קיין איינעם ניט, וואס האט ווען עס איז געמאכט אן איינ־ציגען „געשעפט“.

און א גרויסע טהייל פון אידישען פאלק אין אלעקסאנדריא טהוט אפילו דאס אויך ניט, און זיי ליגען, דיא אידען פון מצרים, אויף דיא בוידעמס און אין דיא קעלערן פון דיא פארנאנדערגעפא־לענע חורבות, אין פערווערימטע קליידער, און לעבען ניט, און שטארבען ניט, און מען דארף זיי דא, — אין אריענט, צו געפינען א ווארט וואס זאל אויסדריקען זייער עקזיסטענץ.

ון דיעזע עלענדע, הונגעריגע, קבצנישע אידען, פיעלע פון וועלכע זיינען געזונקען אויף א שטופע, אז זיי האבען שוין אפילו קיין אמביציע ניט צו בעטלען, האלטען אויף דיזע וואונדערבארע אינסטיטוציאן, זיי האלטען זיא אויף וויא א מוטער, וועלכע טרינקט זיך אין ים און האלט איבער'ן קאפ איהר קינד, דיזע זאל נאך אטהעמען, ווען דיא מאמע וועט זיין פארזונקען.

3

דער סוד וואס דיא פּיראמידען האלטען פאר דער מענשהייט פון צוקונפט

איך וועל ניט פּרויברען מאכען אָרדנונג אין מיינע געדאנקען, געפיהלען און איינדריקע. עס וואָלט פאר מיר געוועזען אונמעגליך דאָס צו טהאָן, ווען איך וואָלט דאָס געוואָלט, און וויל דאָס ניט טהאָן ווען איך וואָלט אפילו געקאָנט.

עס איז ניט נויטיג אז איהר זאָלט אַלץ זעהען, וויא איך האָב געזעהען, אין דערזועלבער אָרדנונג, און אין דערזועלבער רייהע.

שטעלט זיך פּאָר אַ פּאַנאָראמא, אַ „באַטלייקע", וויא מען רופט דאָס אין אידיש, וואו עס דרעהען זיך, בייטען זיך, פליהען איין בילד נאָך אַ צווייטער, איין סצענע נאָך אַן אַנדערע. שטעלט זיך פּאָר אַז דיא האַנד וואָס דרעהט דעם וואליק, דרעהט איהם שנעל, בערוישענד־שנעל, און וויא בליצען טראָגען זיך פּאַר דיא אויגען און וועקסלען זיך פאר אייך אויסזיכטען און געשעהענישען. און שטעלט זיך פּאָר, אַז דיזע פּאַנאָראַמאַ איז ניט אַ קליינע קעסטעלע, מיט אַ גלעזעל, נור עס איז דיא וועלט, דיא ערד, עס איז דער ים, עס איז דער הימעל מיט אַלע זיינע לייכטענדע זונען. צווישען זיי און דורך זיי, און אין זיי, און מיט זיי, קוקט איהר אויף דיא ענדלאָזיגקייט און זעהט דיא אייביגקייט, — שטעלט זיך דאָס אַלץ פּאָר, ווען איהר קענט, און איהר וועט פארשטעהן וואָס איך האָב געפיהלט, וואָס איך פיהל איצט שרייבענדיג פּאַר אייך דיעזע ציילען, און האָבענדיג פּאַר מיינע אויגען דיא געלע, דיא גרינע, דיא ווייסע, דיא פיעל־פּאַרביגע און פאַרבלאָזע שטיינער פון דעם אַלטען, דעם גרויסען, פארשטיינערטען גרייז, ירושלים.

עס זיינען קיינע צעהן טעג, וויא אין דעם דינעם נעבעל איבער דעם ים פון מיטעל־לאנד, ביי אַן אויסגעלאָשענער זונן און אָנגעצונדענעם הימעל זיינען פערשוואונדען דיא לעצטע ליניעס פון דער ערד, וואָס זיינען בעצייכענט אויף דער קארטע אַלס פראַנקרייך, און זייט דעם איז ניט אַוועק אַ שטונדע אָהן אַ נייע

בילד, א נייעם וואונדער דער נאַטור, א נייע אויפרעגונג פון גייסט, א נייער זעעלען־שטורם.

אַט הייבט זיך פאַר אייך אָן צו ציהען שאַטענס, לאַנגע, ציטערנדע. איהר קוקט זיך צו, דאָס זיינען הייזער. אָבער הייזער ניט אויף דער ערד, נור אויפ'ן ים, ביים סאַמע ברעג, אַזוי וויא זיי וואָלטען אַרויסגעוואקסען פון וואַסער. איהר ווייסט אַז דאָס קען ניט זיין, אַז עס וואַקסען קיינע הייזער אין וואַסער. איהר נעהמט א שפּאַקטיווע, דיא אילוזיאָן ווערט נאָך גרעסער. יא, עס זיינען הייזער וואָס וואַקסען פון וואַסער.

איהר קומט צו נעהנטער. דאָס איז פאַר אייך דער דרום ברעג פון איטאַליען. וואָס פאַר א רייכע נאַטור, וואָס פאַר א שעה־נע נאַטור און וויא גליקליך עס מוזען זיין דיא מענשען פון יענע שטעדט, וועלכע זיינען אַזוי וויא פאַטשערקעס אָנגעצויגען אויף דעם לאַנגען שנור פון ברעג . . .

איהר קומט צו נעהענטער, איהר דערזעהט בעסער דיא היי־זער, אויפן ברעג, וואָס האָבען זיך געדאכט פון ווייטען, וויא אויפ'ן וואַסער, — וויא אָרים, וויא עלענד עס זיינען דאָרט דיא מענשען, וויא הונגעריג זיי זעהען אויס אפילו פון ווייטען.

איהר פליהט פאַרביי דעם אינזעל קאָרסיקא, וועלכער האָט געגעבען דער וועלט נאַפּאָלעאָנען, האָט אָבער ניט געקענט געבען נאַפּאָלעאָנען דיא וועלט, — ניט שעהן און ניט אַנציהענד איז דיזער אינזעל. עס ווערט נאַכט, פינסטער. הימעל און ים און ערד ווערט איין געדיכטע מצרים פינסטערנים. מיט אַמאָהל דערזעהט איהר פון ווייטען אַזוי וויא א שרפה. דער הימעל איז רויט, און א ליכט וויא א בליטץ האקט דורך דעם חושך און בעלייכטעט א ים פון רויך וואָס פאַלט אין ים פון וואַסער. דאָס איז דער וואולקאַן סטראַמבאָלאַ, וואָס הערט קיין מאָהל ניט אויף צו „זיין טהעטיג“. אונטער'ן וואולקאַן זעהט איהר הייזקעס, מענשען, זיי לעבען דאָרט, דיעזע מענשען, זיי מאַכען דאָרט זייער לעבען, אין לאַוואַ און רויך. איך האָב זיך נאָך אַמאָהל דערמאָהנט אָן דיא אידען פון רוסלאַנד.

פריהמאָרגען. דיא זונן ברענט מענשען און שמעלצט שטיי־נער. אַט ליגט אין חורבות דיא אומגליקליכע מעסינא, דער לעצטער קרבן פון דער גרויסער ערד־ציטערניש. א בית עולם אָהן מצבות. א גאַנצע שטאָדט אויף יענער וועלט. ארום אויסגעטריקענטע ברי־

ימער, טייכען אָהן וואסער, אין איין פּלאַץ פליהט דורך א צוג אָהן פּאַסאַזשירען, אין אַן אַנדער פּלאַץ ציהט א פישער ארויס א נעטץ אָהן פיש.

און דיא זונן באַקט דיא מענשען, ברענט דיא שטיינער און שמעלצט דעם אייזען.

און איהר פליהט פּארביי דיא ווייסע און דיא געלע ברעגען פון איטאַליען און עס הייבען זיך אָן בערג, און עס בייט זיך איבער דיא נאַטור, און עס בייט זיך איבער דיא לופט. דיא ערד ווערט גרין, דיא פעלדער פריש, זאַפטיג, דיא מענשען — זאַט, און עס ברענט ניט מעהר אַזוי דיא זונן, און עס ווערט ווידער נאַכט און ווידער טאָג, און וואָס פאַר א נאַכט, און וואָס פאַר א טאָג!

איהר פאָהרט צו צו אַלעקסאַנדריא. וואָס פאַר א ים, וואָס פאַר א הימעל! אומזיסט וויל איך זוכען ווערטער, אומזיסט וועט איהר זוכען פּארבען, ניט מיר און ניט אייך, וועט עס ווען עס איז געלינגען.

אויף אייער לשון און אויף מיין לשון הייסט עס ב ל א ג. א בלויער הימעל, א בלויער ים. אָבער בלוי איז פּונקט אַזוי דער וואָרט פאַר דער פּאַרב פון דעם דאָרטיגען הימעל און ים, וויא דער וואָרט „קאַלט“ איז דער וואָרט פאַר דעם נאָרד־פּאָל; וויא דער וואָרט „הייס“ איז דער וואָרט פאַר דער זונן. עס איז ניט קיין טיעפע בלויקייט, ניט קיין העלע בלויקייט, איך ווייס אַליין ניט וואָס דאָס איז. עס איז הארט וויא בלויער קאַנאָנען שטאָהל, און דורכזיכטיג וויא בלויער טול; ווען איהר זעהט דעם הימעל פון מיטעלענדישען ים לעבען מצרים הייבט איהר אָן צו פערשטעהען, פאַר וואָס דיא אידען פון אַמאָהל האָבען געגלויבט אין זיעבען הימלען, און איהר וואונדערט זיך, ווארום נור אין זיעבען און ניט מעהר.

און וויא דער הימעל אַזוי דער ים. אָפּט ווייסט איהר ניט, וואו עס ענדיגט זיך איינס, און וואו עס הייבט זיך אָן דאָס אַנ־דערע. קוקט לאַנג אויף ביידען, און איהר פערליערט יעדען בע־גריף, וואָס איז פון אויבען און וואָס איז פון אונטען. אייך דאכט זיך, אַז איהר געפינט זיך אין א ריעזיגען בלויען קויל, אַז אין דיי־זען קויל שוועבט איהר מיט אייער שיף און מיט־פּאַסאַזשירען וויא א קליינצינקע שווארצע און העסליכע וועלטעלע. וואָס שטערט דיא

וואונדערבארע הארמאניע פון בלויער עוויגקייט, פון ענדלאזער בלויקייט.

פערצייהט מיר, לעזער, וואס איך האב זיך אזוי לאנג אבגעשטעלט אויף דיא פארבען פון הימעל און פון ים ביי מצרים. איך האב דאס ניט געטהאן אויסצוגיסען דיא געפיהלען, אויסצולייידיגען מיין הארץ.

ווען איהר וועט ניט פארשטעהען, ווען איהר וועט ניט בעגרייפען דעם הימעל און דעם ים פון אריענט, וועט איהר קיין מאהל ניט פארשטעהן, קיין מאהל ניט בעגרייפען דיא ערד פון אריענט, און אויך ניט דיא מענשען פון אריענט. צו לאנג האבען זיך אונזערע פאלקס־היסטאריקער געגראבען אין דעם זאמד און אין דיא שטיינער פון אמאהל צו ערקלעהרען זיך דיזען אמאהל, און צו ווייניג האבען זיי זיך אבגעגעבען מיט יענע געגענשטענדע פון אונענדליכער שעהנהייט און ערהאבענהייט, וואס זיינען געוועזן דיא אמת'ע און דיא וויכטיגכטע קוועלען פאר אלץ וואס האט אייביג געמאכט און טהייער געמאכט פאר אונז דעם זאמד און דיא שטיינער פון דער פערגאנגענהייט.

און אין דיזען צושטאנד פון בעצויבערטען ערשטוינען קומט איהר אן אין אלעקסאנדריא. דער ערשטער עטאפ פון מצרים. איהר דערזעהט דיא מצריים, איהר דערזעהט דיא אראבער, אייערע אמאליגע טיראנען, אייערע פייניגער, אייערע איצטיגע שטיעף־ברידער.

איך לאז איצט דיזע דורך. זיי זיינען א צו וויכטיגער קאפיטעל פון דיזער געשיכטע. וועגען זיי וועל איך ריידען, ווען איך וועל ריידען וועגען ז י י. פיעלעס וועט מיר אויסקומען צו זאגען וועגען זיי, וואס איהר האט פיעלייכט קיין מאהל ניט געוואוסט, וואס איך אם ווייניגסטען האב קיין מאל ניט פארדעכטיגט.

איך בין געקומען צו דיא פיראמידען, צו דיא גרויסע פיראמידען לעבען קאירא. איך בין ארויף אויבען, איך בין ארונטער אונטען. איך האב געזעהען דיא גרויסע, דיא שרעקליכע, דיא ערהאבענע און דיא פערשאלטענע, דיא וואונדערשעהנע, און דיא וואהנזיניגע העסליכע געביידען, וואס זיינען געוועזן געבויעט פון עגיפטישע שטיינער און וואפנע אידישע ביינער און בלוט, איך האב זיי געזעהען וויא זיי, דיזע ריעזען מאנומענטען, פון טיראנען־

ריעזען, שטעהען אויף דער וואך אין מדבר 4000 יאָהר, מיט א מעסעדזש פון אלטערטהום פאר דיא דורות פון דער צוקונפט.

איז ווערטה געווען צוליעב דיעזען „מעסעדזש“ צו שלעפען שטיינער, צו קנעטען ליים, גאנצע יאהר־הונדערטע ? איז

א׳ אראבאשער דאָרף ביי דיא פיראמידען לעבען קאאירא.

ווערטה געווען מקריב צו זיין מענשען, און דורות, און א גאנצעס פאָלק, איבערצוגעבען דער צוקונפט, דיא צואה פון דער פערגאנגענהייט ?

וואָס איז דיעזע „מעסעדזש“, וועלכע דיא הויכע פיראמידען, און דער העסליכער ספינקס אונטער זיי, האלט אזוי לאנג און אזוי טהייער, און היט זיי וויא דעם טהייערסטען שאטץ פון דער מענשהייט ?

ווען נאפּאָלעאָן, פאר ווען דיא וועלט פון זיין צייט איז געווען צו קליין, און האט געוואָלט אויך האָבען דיא וועלט פון

אמאהל, — ווען דער גרויסער פעלד - מארשאל איז אנגעקומען מיט זיין ארמיי צו דיא פיראמידען, האט ער אויסגערופען, אז דיא 40 יאהר־הונדערטע וואס דיזע פיראמידען האבען געווארט, האבען זיי געווארט אויף איהם, אויף זיין ארמיי, און אויף קיין אנדערע.

דאס איז אבער ניט געוועזען וואהר. נאפאלעאן איז פערשוואונדען און דיא פיראמידען זיינען דארט וואו זיי זיינען, און זייער סוד איז נאך היינט זייער סוד און מעהר קיינעם'ס ניט.

און ניט איך דא, וועל זיך היינט אונטערנעהמען צו טרעפען דעם סוד, וואס אנדערע האבען געוואלט טרעפען און ניט געקענט, און ניט דערפאר, ווייל איך בין צו בעשיידען, נור דערפאר, ווייל איך בין מעהר פארנינפטיג.

איך וועל ניט זוכען צו זיין דער שליח פון דיא אייביגע ריעזען אין דער וויסטענעס, לעבען קאירא.

אבער אלס איד, אלס א קינד פון'ם פאלק, וואס האט זיי אויפגעבויט, דיזע פיראמידען; אלס א מענש וועמעס זיידעס זיינען געוועזען שקלאווען ביי דיא פיראמידען, דאכט זיך מיר, אז אונטער דער ערד, ביי דיא פיראמידען, וואו מעי פלעגט פארשיטען דיא טויטע קערפער פון דיא פיראמידען־קנעכט, — אז דא אונטער דער ערד קען היינט יעדער, וועד עס וויל, הערען דיא שטימען פון דיא פערשאטענע אידען, וועלכע זיי האבען ניט געקענט לאזען הערען פריי, ווען זיי האבען געלעבט.

אט דיזע שטימען, דעם קול פון אונזערע אבות, ניט פון דיא אבות פון ירושלים, נור פון דיא אבות פון יענע אבות, וועל איך פרובירען אויפנעהמען, ווען איך וועל דאס נור קענען אויפנעהמען, אזוי וויא מיינע בעשרענקטע קרעפטען וועלען דאס ערלויבען.

האט קיין מורא ניט, איהר, אידען פון אמעריקא, פיעלע פון וועלכע איך פיהל, וועלען ניט פארשטעהען קיין העלפט פון דעם וואס איך האב היינט געשריבען, — האט קיין מורא ניט, איך וועל ניט אנהויבען פאר פסח א נייע יציאת מצרים. איך וועל אין גאנצען ניט אנריהרען קיין יציאת מצרים.

עס איז ניט נויטיג. אויסער פיעלייכט איין זאך וועגען יציאת מצרים וואס איך וועל יא דערמאהנען.

נעמליך :

מאכענדיג מיין קורצע פלוג־רייזע איבער מצרים — זעהענ־
דיג, בעטראכטענדיג, בעוואונדערנדיג דיעזען וואונדערבארען ווינ־
קעל פון דער זינדיגער ערד, דיזען גן עדן, אויף דעם יאמער־טהאל
פון דער גרויסער וועלט, האָב איך פערשטאַנען, וויא אזוי עס איז
מעגליך געווען, אז דיא אידען אין מדבר האָבען געשאָלטען משה

ביים ספינקס.

רבינו, פאר וואָס ער האָט זיי אוועקגענומען פון מצרים.

ווען דאָס וואָלטען ניט געווען דיא אידען פון אמאָהל, ווען
דאָס וואָלט פאסירט מיט איינינגע פון אונזערע גוטע און בראווע
בני ישראל פון היינטיגע צייטען, וואָלטען זיי פאר איהם זיכער
אויסגעגראָבען א גרוב און פערשאָטען איהם לעבעדיגערהייט.

.4

דער ערשטער שמערצליכער איינדרוק און די צווייטע שעהנע איבערראשונג

איך בין נור איין מאָהל אין מיין לעבען געוועזן אין צירק פון דעם פערשטאָרבענעם בארנום. דאס איז געוועזן מיט פיעלע, פיעלע יאהרען צוריק. אלץ וואס איך געדיינק פון דיעזען בעזוך מיינעם פון דער וועלט־בעריהמטער „שאָו" איז א שרעקליכער קאָפּ־ווייטאָג, און דיא שבועה וואס איך האָב זיך זעלבסט געגעבען, קיין מאָל מעהר ניט צו בעזוכען בארנום'ס צירק.

דאס איז ניט געוועזן דערפאר וואס דיא „שאָו" איז ניט געוועזן אינטערעסאנט גענוג, אדער בעלעהרענד. איך האב ליעב גימנאסטיקע. איך האב ליעב צו זעהען גוט־דרעסירטע פערד מיט קונסטשטיקלעך, בייגזאמע, שלאנקע רייטער און רייטערינס אויף זיי. איך האב אויך ליעב די אויפרעגונג, די סענזאציאָנען, די נערווען־ציהענדע סאלטא־מאָרטאלעס פון דיא מענשען גאנץ הויך, וועלכע פליהען וויא פויגלען אין דער לופט, און פאלען וויא פיש אין נעטין.

איך האב דאס אלץ ליעב. דאָך האב איך מיר געגעבען א וואָרט ניט צו בעזוכען מעהר אזעלכע „שאָוס" וויא פון דעם אונשטערבליכען צירק־מייסטער, און איך האָב מיין וואָרט געהאלטען.

פאַר וואָס האָב איך אויף זיך פרייוויליג גענומען אזא נדר?

ווייל אויף דריי ארענען ווערען גלייכצייטיג געגעבען די אלע פערשיעדענע פאָרשטעלונגען, אויף דריי ארענען מיט אמאָהל בלענדעט מען אייך די אויגען, ציהט מען אייך דאָרט דיא נערווען. אין דריי אַרענען גלייכצייטיג ווערט אייך געקלאפט, געשריען, געשפרונגען, געטאנצט, געטומעלט דער מח, אייער בליק ווארפט זיך פון איינס אויף דאס צוויייטע, אייער אויג ווערט געריסען אין אלע מעגליכע ריכטונגען, און איהר ווערט צומישט, איהר פערלירט זיך, אלץ ווערט צופלאָנטערט אין אייער קאָפּ, און איהר געהט ארויס א צודולטער און אן ענטווישטער.

איהר זייט אונצופריעדען מיט דעם וואָס „דיא כלה איז צו

שעהן.״ דיא פיעלע פערשיעדענע איינדריקע וועלכע איהר קריגט מיט אמאהל און גלייכצייטיג, מאכען אייך אונפעהיג אבצושטעלען זיך אויף איין רגע אויף וואס עס איז, פארוויילען איין אויגענבליק אויף איין איינציגער ערשיינונג.

עס איז ניט דאס, וואס איהר זיצט אין וואגאן פון א פליהענדען צוג, און מיט אייך צוזאמען פליהט דיא נאטור, פליהען די וואונדער דער נאטור, פליהען דיא שעהנהייטען פון דער נאטור, — דא זיינען דא מאמענטען, דא זיינען דא איבערגעננגע, דא זיינען דא איינצעלנדע בילדער.

ניט אזוי ווען איהר קומט אן אין פאלעסטינא. מיט איין מאל און פלוצים עפענט זיך אונטער אייך דיא ערד, און איבער אייך דער הימעל, ארום אייך די בערג, און זיי שיטען, ווארפען, שליידערן פאר אייך, הינטער אייך, צו אייך, אויף אייך, אלץ וואס הימעל, ערד און בערג האבען נור פאר דעז מענשען — אי דאס וואס איז שעהן, און רייך, און ערהאבען, און גרויס, און מעכטיג, און וואס בעצויבערט דעם אויג און פאנגט דיא נשמה, ציהט אייך צו זיך מיט מיליאנען מאגנעטען און הויבט אייך אויף אין דיא ספערען, וואו עס זיינען ניטא קיינע וואלקענס, און גלייכצייטיג אי דאס וואס איז ארים און עלענד, וואס איז ביין און שטיין, וואס איז שימעל און טויט. וואס שטויסט אייך אב, מאכט אייך שווידערן, און טרייבט איין טאדעס אנגסט אין אייער זעעלע, און פון וואס איהר וואלט וועלען אנטלויפען ווייט, ווייט, גאנץ ווייט און קיין מאהל זיך ניט אומקעהרען צו דעם.

אט פאר וואס עס איז שוין היינט דער פינפטער טאג, ווי איך בין אין פאלעסטינא, און האב אייך נאך קיין ווארט ניט געשריעבען וועגען איהר. איך האב אייך פון דאנען געשיקט בריעף וועגען מצרים, וועגען דיא פיראמידען פון מצרים, וועגען די אידישע קינדער פון מצרים, וועגען דעם הימעל פון מצרים, וועגען אלץ פון מצרים. איך האב אייך גאר ניט געשריבען וועגען פאלעסטינא.

און עס וועלען נאך פארבייגעהן עטליכע טעג איידער איך וועל דאס טהאן. איידער איך וועל וואגען דאס אנצופאנגען.

דער ערשטער איינדרוק איז ווי דיא ערשטע ליעבע פון א מענשען. עס איז שעהן און „אונזעטבאר“, וויא מען רופט עס אין דייטש. ער, דיעזער ערשטער איינדרוק, וויא זיא, דיעזע ערשטע

ליעבע, קען זיין האָט אין זיך מעהר פּאָעזיע און פּאַרבען. זעלטען אבער ווען דיא ערשטע ליעבע איז דיא לעצטע ליעבע, און נאָך זעל־טענער, ווען דער ערשטער איינדרוק איז דער לעצטער איינדרוק.

און וועהרענד פּאָעטען און מאָראליסטען מעגען שטרייטען צווישען זיך, וועלכע ליעבע איז שעהנער און בעסער און מאָראלער און גליקליכער, צי דיא ערשטע, צי דיא לעצטע, — ווענען פּאַלעס־טינא, טאָר מען ניט איבערגעבען דעם ערשטען איינדרוק אָהן דעם לעצטען אדער דעם לעצטען געפיהל אָהן דעם ערשטען.

און איין שטונדע, ריכטיג זעכציג מינוטען אויפ'ן זייגער. האָט עס גענומען ביי מיר צו קומען צו דיעזען בעשלוס, צו איבערצייגען זיך אין דיא געפאהרען פון ערשטע איינדריקע.

דאס איז געווען לעצטען זונטאג, ווען איך בין אָנגעקומען קיין יפו.

איך וועל ניט פארגעסען דיזען מאָמענט אזוי לאנג, ווען עס וועט אין מיר לעבען מיין זכרון.

איך בין ארונטער פון שיף. איך בין אריין אין דיא טאַ־מאָזשנע. א שמוציגער, שמאָלינקער הויף, מיט א שמוציגען שמאָ־לינקען שטאהל, מיט שמוציגע, שמאָלינקע, דאס הייסט דארינקע מענשעלעך אין פּעסקעס, איידער איך האב אוועק געשטעלט איין פוס איז אין בלאָטע דערטרונקען געוואָרען איין קאלאָש, און איי־דער איך האב ארויסגעצויגען דעם דערטרונקענעם קאלאָש, איז פערלאָרען געגאנגען דער אנדערער.

א האלבער פראנק אין פראנצויזישען געלד האט מיך בע־פרייעט פון דער נויטוועגדיגקייט צו עפענען מיין באגאזש, אדער זאָגאר צו בעווייזען מיין פּאס, אזוי האב איך ערפאַהרען דיא צווי־בער־קראַפט פון דעם טערקישען „באקשיש" איידער איך האב נאָך געקענט דעם וואָרט.

מיר האבען אָנגעהויבען צו קלעטערן אויף א בארג, צווישען צוויי רייהען שמוציגע ווענד, וועלכע האבען געמאכט איין איינ־דרוק אזוי ווי זיי רייבען זיך איינע אָן דיא צווייטע. אויפ'ן וועג האָב איך געמוזט שטופען אָבגעריסענע אראבער, אראבערקעס, אייז־לען, קעמלען, מיט געפעק און אָהן געפעק, און זיי פון זיך האָבען מיך געשטופט, און נאָך פאר מיר און זיינען געגאנגען ענגלענ־דער, און דייטשען, און פראנצויזען, וואס זיינען אָנגעקומען מיט

דער זעלבער שיף און האבען פונקט ווי איך זיך געמוזט דורכשלאָגען דעם וועג.

איין אראבער האט געטראָגען אויף זיך מיין געפּעק. נור ניט אויף דיא פּלייצעס וויא מען טראָגט געפּעק אויף דער גאנצער וועלט, נור מיט אַ שטריק איבערגעצויגען דורך׳ן קאָפּ, איבער׳ן נאָז. ווי דיא שטריק רייסט איהם ניט אָב דעם קאָפּ, און צוקוועטשט איהם ניט דעם נאָז, פארשטעה איך נאָך היינט ניט. נור אזוי טראָגען זיי, די אראַבער, די שווערע משאות, אין פּאלעסטינא. די אייזלען טראָגען דיא משא אויפ׳ן קארק, דיא מענשען אויפ׳ן קאָפּ אונטער געשפּאַרט מיט׳ן נאָז. אַז אַנדער צייט וואָלט דאָס זיך מיר געווים געוויעזען קאָמיש,—דיא שמוטיץ, דיא ענגשאַפט, דער עלענד, דער אונענדליכער עלענד ארום און ארום האָט אָבער פערטריעבען יעדען חשק צו הומאָר.

מיר זיינען געגאנגען, אדער ריכטיגער, מיר האבען זיך אזוי געשטופּט און מען האט אונז אזוי געשטופּט, אין דער בארגיגער בלאָטע, צווישען די בלאָטיגע בערג, וואס זיינען געוועז וועגט פון מענשליכע הייזער, אַ לאַנגע צייט. איך האָב געפרעגט מיין בעגלייטער, וואס האט גערעדט ענגליש, פאר וואס ער פיהרט אונז אין דיזער גרוב, פאר וואס ער נעהמט אונז ניט אַרויס אויף אַ גאַס, האָט ער זיך פארנאַנדער געלאַכט. דאָס איז געוועז דיא הויפּט גאס פון יפו.

מיר זיינען דורכגעגאנגען אַ מארק, אַ טערקיש־אראביש־אידישער מאַרק. איך האב זיך דערמאָהנט אָן דעם ווילנער דורכהויף, און דיעזער האט זיך פאר מיר בעוויזען אלס אַ סענטראל־פּארק אין פערגלייך מיט דעם דורכהויף פון יפו. איך האב זיך דערמאָהנט אָן אונזער קאָרנער פון העסטער און עססעקס סטריט, און דיעזער קאָרנער איז פאר מיר ערשיענען אלס דער כסא הכבוד פון דער נאַטור.

איך האב זיך אומגעקעהרט און אַ וואָרף געטהאָן מיין בליק אויפ׳ן ים. דאָרט איז נאָך געשטאַנען דיא שיף, וועלכע האָט שנעל גענומען קארגאָ פון דיא קליינינקע שיפעלעך, וואס האבען פון ברעג געבראַכט איהם סחורה און מענשען. אך, וויא איך בין מקנא געוועזען דיא גליקליכע וואס זיינען ניט אַרונטער וויא איך אין יפו, און זיינען געבליעבען אויף דעם שיף צו פאָהרען ווייטער.

און עס איז געוואקסען מיין אימה, און שווערער און שווע־
רער איז מיר געווארען אויפ'ן הארצען.

וואס וועל איך שרייבען אין דער „ווארהייט" וועגען דיעזער
שטאָדט יפו ? וועגען יפו וואס איז דער וויכטיגסטער צענטער, פון
דער נייער פאלעסטינא ? דער איינציגער פּאָרט פון ארץ ישראל,
וואס פארבינדעט ירושלים דורך אייזענבאהנען מיט דער איבעריגער
וועלט ? דער פּאָרט מיט וועלכען עס זיינען פערבונדען אלע וויכטי־
גע אידישע קאָלאָניעס פון ארץ ישראל, וואס זיינען די האָפנונג פון
אלע ציוניסטען און דער שטאָלץ פון אלע אידען ? וואס וועל איך
זאָגען, וועגען דיעזען אלערוויכטיגסטען צענטער פון פאלעסטינא ?

איך בין אָנגעקומען אין מיין האָטעל. איך בין ארויס זעהען
דיא שטאָדט. אין אמעריקא נאָך האָב איך געהערט וועגען א אידי־
שע „גימנאַזיע" אין יפו, און וועגען א נייעם קווארטאל אין יפו,
וואס הייסט „תל אביב."

איך בין אוועק זעהען דיזע גימנאַזיע. איך בין אוועק זעהען
דיעזע תל אביב. איך האָב דערזעהען די קינדער פון דער גימנאַזיע.
איך האב דערזעהען די מענשען פון תל אביב.

און וואס איך האב דערזעהען דאָרט איז געווען גענוג אויף
זיך צו נעהמען א נדר, מעהר קיין מאָהל, קיין מאָהל ניט איבערצו־
געבען „דעם ערשטען איינדרוק." איך וואלט זיך קיינמאָל ניט מוחל
געווען, ווען איך וואָלט אייך א ציילע געשריבען וועגען פאלעס־
טינאַ, אָדער אפילו וועגען דיא שטאָדט יפו, אונטער דעם איינדרוק
וואס איך האָב געקראגען דעם ערשטען אויגענבליק ווען איך בין
ארונטער פון שיף.

און ווען אין דיא פאָלגענדע בריעף מיינע פון פאלעסטינא
וועט מיר אויסקומען צו געבען אייך א בעשרייבונג פון דיעזען אב־
טען וואונדער דער וועלט, און צווייטען וואונדער פון פאלעסטינא
(דעם ערשטען וואונדער וועל איך אייך אויסזאָגען אן אנדערם
מאָהל) וועט איהר זעלבסט אויף זיך איבערציינגען, אז מען דארף
ניט, מען טאָר ניט לאָזען זיך בעאיינפלוסען פון דעם ערשטען איינ־
דרוק, וואס א זאַך, א מענש, א שטאָדט אדער א פאָלק מאכט אויף
אייך. נור אז מען דארף צוגעהען גאנץ נאָהענט און צוקוקען זיך
גאַנץ אויפמערקזאם און הויפטזעכליך דארף מען אלעס זעהען, הע־
רען און פארשטעהן איידער מען האט א רעכט צו זאגען א מיינונג,
אדער געבען אן אורטהייל.

ה

דיא פער׳כישוף׳טע נאַטור פון ארץ ישראל

איך האָב זיך געגעבען אַ וואָרט, ניט צו פאַרנעהמען זיך אין מיינע בריעף מיט שילדערונגען פון נאַטור, מיט בעשרייבונגען פון דיא שעהנהייטען פון דער נאַטור.

איך האָב דיזען וואָרט געהאַלטען דורך אַלע לענדער — פון אַמעריקאַ ביז מצרים. איך האָב זיך געמוזט אָבשטעלען אויף דער נאַטור פון עגיפּטען, ווייל וואָס איז עגיפּטען אָהן איהרע פּי־ראַמידען? וואָס זיינען דיא פּיראַמידען אָהן דעם געלען ברענענדען זאַמד ארום זיי, און דעם בלויען, גליהענדען הימעל איבער זיי?

אָבער ווען איך האָב געשפּיערט, אַז מען קען ניט געבען אַ פאָרשטעלונג פון דעם לעבען אויף דיא ברעגען פון נילוס, ניט געבענדיג קיין אידעע וועגען דיא ערד און דעם הימעל פון מצרים, האָב איך דערפיהלט, אַז שרייבען וועגען ירושלים, וועגען פּאַלעס־טינאַ, וועגען דעם לעבען און דיא מענשען פון ירושלים און פּאַ־לעסטינאַ, ניט אָבשטעלענדיג זיך לאַנג, ניט דערצעהלענדיג גענוי, וועגען דיא נאַטור אין פּאַלעסטינאַ, איז פּונקט דאָסזעלבע, וואָס וואָלט געווען צו דערצעהלען אייך וועגען אַ נייע אָפּעראַ, און ניט זאָגען קיין וואָרט וועגען איהר מוזיק.

יאַ, יאַ, דאָס איז דער משל.

אין אַן אָפּעראַ זיינען דאָ פּיעלע זאַכען. אַ דראַמאַטישע האַנדלונג, שויישפּיעל קונסט, דעקאָראַציעס, פערשיעדענע ביהנען־עפעקטען, געוויינליך אויך קאָסטיומען און באַלעט.

דאָס אַלץ קען שפּיעלען זעהר אַ גרויסע ראָלע און אַ וויכ־טיגע ראָלע אין דער אָפּעראַ. זעהר אַ גרויסע און זעהר אַ וויכטיגע.

דאָך איז דיא נשמה פון דער אָפּעראַ, איהר מוזיק.

פאַרשטאָפּט דיא אויערן, האַלט אָפען דיא אויגען ביי דיא שעהנסטע און אינטערעסאַנטעסטע האַנדלונגען און עפעקטען פון אַן אָפּעראַ, און איהר וועט גיך איינשלאָפען.

פאַרקעהרט, קענט איהר פערמאַכען דיא אויגען, גאָר ניט

זעהען, וואָס עס טהוט זיך אויף דער ביהנע, און ווען דיא מוזיק פון דער אָפּערא איז ווירקליך גוט, — דארפט איהר ניט דיא איבּ־ריגע טהיילען פון דער פאָרשטעלונג.

אויפצונעהמען דיא מוזיק פון דער אָפּערא, וואָס איז איהר נשמה, קענט איהר פערמאַכען דיא אויגען און נור אָפען האלטען דיא אויערן, און אויפצונעהמען דיא אמת'ע נשמה פון פּאלעסטינא קענט איהר פארשטאָפּען דיא אויערן, ניט הערען דיא מענשען, ניט זעהען דיא מענשען ארום אייך, ניט וויסען זייער פערגאַנגענהייט, ניט קימערן זיך וועגען זייער צוקונפט, נור האלטען אייערע אויגען אָפען, גאַנץ אָפען, און איהר וועט פיהלען, — אך, איהר וועט זעלבּסט ניט וויסען וואָס איהר פיהלט, נור איהר וועט פיהלען עפּעס, וועגען וואָס איהר האָט קיין מאָהל אין אייער לעבען פריהער ניט געוואוסט, און וואָס נור דיא דאָזיגע פון אייך וועלען ווען עס

ביים ברעג ים, אין יפה, א שבת בייטאָג.

איז פארשטעהן, ווען זיי, וויא איך, וועלען האבען א געלעגענהייט צו קומען אהער, צו בלאנדזשען צווישען דיא מויערן פון שטאדט, אין דיא בערג אויסער דער שטאדט, און עס וועט איבער זיי שויי־נען ביי טאג דיא זונן, און ביינאכט דיא שטערען פון ארץ ישראל.

איך ווייס ניט פאר וואס עס ווירקט אזוי אויף אייך, און מאכען אייך וואהנזיניג און ענטציקען אייך דיא פארבען פון דיא שאטענס פון דער אייביגער שטאדט.

עס איז אמאהל געווען א קעניגין אין שפאניען אדער קאס־טיליען, זיא האט געהייסען איזאבעלא. א מלחמה האט זיא גע־פיהרט, איך געדיינק איצט ניט גאנץ גענוי מיט וועמען, נור איך געדיינק פון דער געשיכטע, אז אין צייט פון דיזער מלחמה, האט זיא אויף זיך גענומען א נדר ניט איבערצובייטען איהר העמד ביז דיא מלחמה וועט ניט געוואונען ווערען. דריי יאהר האט גע־דויערט דיא מלחמה און דריי יאהר האט דיא קעניגין געטראגען דיזעלבע העמד, און דיא פארב וואס דיא העמד האט בעקומען, דיא פארב פון א קויטיגער העמד, וואס א מענש טראגט דריי יאהר נאכאנאנד, הייסט זייט העם „איזאבעלא פארב".

אט דיזע געלע, ניט געלע, גרויע ניט גרויע, גרינליך ניט גרינליכע פארב, גיבער געל־גרוי־און־גרינליך צוזאמענגעפלאכטענע פארב אלס קליינע בערג און גרויסע, אלס פלאכע טהאלען און טיעפע, אלס שפיציגע, שארפע פעלזען, אלס אונערמעסליכע אב־גרונדען מיט ווענט און מויערן, מיט לעבע־ פון ליים און זאמד, וואס הייסען הייזער, מיט טהורמען און טעמפלען וואס הארמאני־רען מיט דער נאטור, און אלץ אונטער א בלויען הימעל, פארטונקט אין א גאלדענעם פורפור פון דיא לעצטע אבשיעדס־שטראהלען פון דער פארגעהענדער זונן, אט דאס אלץ, א שליידער געטהאן מיט אן איבערגעטליכער קראפט אין א רוים פון אונענדליכקייט איז דיא שטאדט ירושלים, דאס איז דיא אומגעגענד פון דער שטאדט ירושלים.

אין ירושלים האב איך געפונען דעם סוד פון דער נייער שוהלע אין דער קונסט וואס הייסט „דעקאדענטכטווע", אדער „מא־דערניזם", און וועלכע איז געשטארבען נאך איידער זיא איז גע־בארען געווארען. דער פארבען־שפיעל פון פארבען, וואס זיינען קיינע פארבען ניט, דיא שאטען־טענער פון שאטענס וואס זיינען

דערשלונגען אין ליכט־שניידענדע קאָנטורען אָהן שארפע ליניעס, ווייכע הארמאָניע און שרייענדע קאָנטראסטען, ווארימקייט פון א וויברירענדער נאטור־נשמה און הארטע קאַלטע שטיינער, דאָס האָב איך אין ערגעץ ניט דערפיהלט אזוי שטארק, אזוי קאָנקרעט וויא דאָ, אין ארץ ישראל.

דאָ האָב איך אויסגעפונען, אז דיא גאנצע היגע נאטור איז א דעקאדענטקע, אָבער זאָלען זיך מיט דעם ניט איבערנעהמען אונזערע דעקאדענטען פון נויאָרק, דיא אמת'ע און דיא פאלשע. דאָ איז דיא נאטור דעקאדענטיש, ביי אונז זיינען דעקאדענט נור דיא מאָנקים וואָס ווילען זיך נאָכקרימען נאָך דער נאטור און קענען ניט.

מיט פּראָפעסאָר שאטץ און זיינעם א שילער — אלע דריי זיינען מיר אוועק אין יריחו. און ניט ווייט פון דאָרט האָבען מיר זיך געשיפּט אויפן ירדן און געבאָדען זיך אין „טויטען ים“, און איך וועל זיך ניט אונטערנעהמען אייך צו בעשרייבען ניט דיא בערג וואָס זיינען דאָ, פלוצים, אזוי וויא פון דער ערד ארויסגע־שפּרונגען פאר דיא אויגען, און דאָ, אזוי וויא אימיצער, וואָלט זיי פאר אונז פון דיא הימלען געוואָרפען, און ניט דיא אבגרונדען אונ־טער אונזערע פים וועגען וועלכע עס איז א שווידער געוועזען צו טראכטען און אין וועלכע קיינער פון אונז האָט ניט געוואגט אפילו א קוק צו טהאָן.

מען זאָגט מיר, פיעלע האָבען געפּרובירט צו בעשרייבען דיזע ווילדע שעהנהייטס וואונדער פון דער נאטור, און קיינעם איז דאָס ניט געלונגען. וואָס פאר א רעכט, וואָס פאר א האָפנונג קען איך האָבען צו זיין מעהר ערפאָלגרייך וויא אנדערע ?

אָבער אייניגע מאָמענטען, עטליכע איינדריקע קען איך ניט דורכלאָזען, און דארף זיי ניט דורכלאָזען.

צוויי טעג און צוויי נעכט האָבען מיר גערעטען אין דיא געהיימניספאָלע בערג לעבען ירושלים און אין דעם פער'כישוף'טען טהאָל פון טויטען ים, דיא אָבערפלעכע פון וועלכען איז כמעט 1500 פוס נידריגער וויא דער גרונד פון אלע ארומיגע ימים. דער ים, וואו עס קען ניט לעבען קיין פיש, און ניט קיין וואָרים, וואו א פויגעל וויל ניט פליהען, און וואו א מענש קען ניט דער־טרונקען ווערען. דער ים, וועלכען דיא אראבער ריפען דעם ים פון

לוט, ווייל אין איהם איז דאָ מעהר זאַלץ וויא וואסער, און וואו אַלטע רואינען און נייע דערפער בעוויי:ען אז דער מענש קען, ווען ער מוז, מאַכען אַ לעבען פון טויט.

און אַלץ וואָס איך האָב געזעהען, האָב איך געזעהען אי ביי דעם העלען שיין פון דער זונן, אי ביי דעם שימערנדען שיין פון דיא שטערען, און ביי דעם בלאַסען שיין פון דער לבנה.

און פיעלע זאַכען וואָס זיינען מיר געווען ביז איצט אונערקלער־ליך זיינען געוואָרען קלאָהר, און איך האָב פערשטאַנען זאַכען וואָס זיינען פאַר מיר ביז איצט געווען אונבעגרייפליך, און זאַכען אין וועלכע איך האָב ניט געגלויבט, און אין וועלכע וויניג מענשען גלויבען נאָך היינט, זיינען פאַר מיר געוואָרען בעוויזענע פאַקטען.

איך וועל ניט פארגעסען, וויא מיר האָבען זיך אָנגעהויבען ארונטערצולאָזען פון דיא בערג פון ירושלים, און וויא מיר האָט זיך בעוויזען, אז דער טויטער ים ליגט אונטער מיינע פיס, אז ער איז פון מיר אַזוי ווייט, וויא דער האָדסאָן ריווער פון דעם טהורעם פון דיא „וואָירלד“ געביידע, און וויא מיר זיינען געפאָהרען שטונ־דען, און שטונדען, און שטונדען, און ווידער שטונדען, און נאָך מעהר שטונדען, אן דער ים איז אַלץ געלעגען אונטער אונזערע פיס, אָט אזוי וויא מיר וואָלטען אויף איהם געקוקט פון דיא „וואָירלד“ בילדינג אויף דעם האָדסאָן ריווער.

און איך וועל ניט פארגעסען, וויא ארונטערלאָזעניג זיך אין טהאָל, וואו עס ליגען דיא רואינען פון דער אַלטער יריחו, האָבען מיר פלוצים זיך בעמערקט, ווי אין אַ קעסעל, אַ קיילעכדיגען, אַ ריזיגען, וואו דיא וועגד זיינען געווען הויכע בערג, וועלכע וואָל־טען עררייכט מיט זייער שפּיץ דיא וואָלקענס, ווען דאָ וואָלט געווען אַ פּלאַץ פאַר וואָלקענס, און וואו מיר, דיא דריי רייזענדע, זיינען געווען דער צענטער.

און דאַן האָב איך גענומען מערקען, אז וויא לאַנג מיר האָ־בען ניט געריטען, און וויא שנעל מיר האָבען ניט געריטען, און וויא ווייט מיר זיינען ניט אוועק פון פּלאַץ, מיר זיינען אימער פער־בליבען אין צענטער, און בערג זיינען אַלץ געווען ארום אזוי וויא איין אונאונטערבראָכענער, אייביגער הויכער ריעזען־קרייז, איין העלפט פון וועלכען האָט זיך געטראָגען פאַר אונז, און דיא אנדע־

רע העלפט — הינטער אונז, איבערלאָזענדיג אונז שטענדיג אין דעם זעלבען צענטער.

איך האָב זיך דערפיהלט וויא אין א פער'כישוף'טען קרייז, פעראורטהיילט דאָרט צו פארבלייבען אויף אימער. איך האָב צום ערשטען מאָהל פערשטאנען דיא שרעקען פון דעם מיראזש אין דער וויסטענעס. איך האָב פערשטאנען דיא אימה פון דיא רייזענדע פאר אזא מיראזש.

און דאָך איז דאָס ניט געווען קיין מיראזש. עס איז ניט געווען קיין טוישונג פון אויג. עס איז געווען דיא ווירקליכקייט זעלבסט, עס איז געווען נאטירליכקייט זעלבסט. אין דער ערשיינונג וואָס איך האָב בעשריבען איז געווען מעהר ווירקליכקייט און מעהר נאטירליכקייט וויא אין דיא געוויינליכע נאטור־ערשיינונגען פון אייער געגענד, פון אייער אלטען היים אָדער פון אייער נייעם.

עס איז איינפאך געווען דיא קלאָהרקייט פון דער אטמאָס־פערע, דיא דורכזיכטבארקייט פון דער לופט.

ביי אייך דאָרט אין אמעריקא, אָדער פריהער אין רוסלאנד, אָדער אין עסטרייך, אָדער רומעניען, וויא ריין דיא לופט זאָל ניט זיין, און וויא קלאָהר זיא זאָל ניט זיין, אלץ איז דאָרט דאָ עפּעס אין איהר, וואָס ערלויבט ניט אייער אויג זיא דורכצודרינגען ווייט און טיעף, פונקט וויא א פערשמירטע גלאָז ערלויבט אייך ניט דורכצוקוקען און זעהען אלץ וואָס איז הינטער איהר. ווען איהר האָט א גוטע אויג, קענט איהר זעהן צעהן מייל ווייט, אָדער פופצעהן מייל און ניט מעהר.

דאָ אָבער איז דיא לופט אזוי קלאָהר, און אזוי דורכזיכט־באר, אז א געגענשטאנד וואָס געפינט זיך 25 ענגלישע מייל פון אייך, שיינט אייך צו זיין אונטער אייער נאָז, און ווען איהר האָט א גוטע אויג, קענט איהר דאָ זעהן געגענשטענדע וואָס זיינען 50 מייל ווייט און ניט זעלטען 75 מייל.

אָט פארוואָס איהר קריגט דעם איינדרוק אז וויא שנעל איהר זאָלט זיך ניט בעוועגען, קומט איהר ניט נעהנטער צו אייער ציעל. עס איז איינפאך דערפאר, ווייל ער, דיזער ציעל פון אייער רייזע שיינט אייך נור צו זיין נאָהענט, און אין אמת'ן אָבער איז ער ווייט, ווייט, און דיא שטרעקע וואָס איהר דעקט, איז גאָר ניט

אין פערגלייך מיט דער שטרעקע וואָס איז נאָך פאַרבליבען צו דעקען.

און דיזע ערשיינונג ערקלעהרט אייך פאַר וואָס אונזערע עלטערן פון ארץ ישראל, ניט קענענדיג קיין געאָגראפיע, און ניט האָבענדיג אפילו קיין קאָמפּאַס האָבען אזוי גוט געקענט דאָס לאַנד און האָבען געהאט אזא פּאָלשטענדיגע בילד פון איהר. עס איז ניט שווער צו קריגען דאָס בילד פון פּאַלעסטינאַ. מען מוז זיך נור אויפהויבען אויף איינינגע הויכע פלעצער, און אלץ איז פאַר אייך וויא אויף א לאַנד־קאַרטע.

אָבער ניט דאָס אַליין בעמערקט איהר איבערגעבענדיג אייער זעעלע צו דער נאַטור פון פּאַלעסטינאַ.

ביינאַכט, ווען עס איז מעהר ניטאָ קיין זונן, און עס איז נאָך ניטאָ קיין לבנה, איז דיא ערד, און דיא בערג, און דיא טהאָלען אונטער דיא בערג, אַזוי בעלויכטען, וויא דער הימעל וואָלט געווען פערגאָסען מיט מיליאַרדען פון עלעקטרישע פייערן.

איהר האָט ניט געזעהען קיין ארץ ישראל הימעל ביינאַכט, קיין ארץ ישראל שטערען אויף איין ארץ ישראל הימעל ?

איך האָב זיי אויך ניט געזעהען ביז איצט, און איך וועל זיי ניט זעהען ווען איך וועל אוועק פון דאַנען.

און ווען איהר, לעזער, גלויבט ניט אין ציון, און גלויבט ניט אין ארץ ישראל, און גלויבט ניט אז ווען עס איז וועט קומען דיא אידישע גאולה פון דעם לאַנד, וואו עס איז נאַציאָנאַל גע־בּאָרען געוואָרען אונזער פאָלק, ווען איהר גלויבט אפילו ניט אין אַלעם דעם, קומט אריבער אהערצו, א קוק צו טהאָן אויף דעם הי־גען הימעל ביי נאַכט ווען ער איז בעלויכטען מיט שטערען !

עס וועט ווערטה זיין אייער מיהע, עס וועט ווערטה זיין אייער רייזע !

איהר וועט פערשטעהען פאַר וואָס דיא פעלקער פון דיזען לאַנד האָבען אזוי געגלויבט אין שטערען, פאַר וואָס זיי האָבען געזוכט דעם שיקזאַל פון דעם מענשען און דיא צוקונפט פון פעלקער אין דיא שטערען, וואָס האָבען פאַר זיי יעדע נאַכט געשיינט פון דעם היגען הימעל.

און איהר וועט פערשטעהען, פאַר וואָס דיא שטערען־זעהער האָבען דאָ געשפּיעלט אזא גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע, און

פאר וואס די חלומות פון די מענשען אונטער דיזען הימעל האט מען געזוכט צו ערקלעהרען דורך די שטערען, און פאר וואס די גרעסטע גייסטער פון די פעלקער אין דיזען געגענד האבען זייער



דוד'ס קבר.

לעבען־לאנג געשטודירט די שפראכע פון די שטערען.

דאס וועט איהר פארשטעהן און אויך וועט איהר פאר־שטעהן פאר וואס אלע פעלקער פון דער גאנצער וועלט האבען גע־

נומען זייערע געטער פון דיא הימלען פון ארץ ישראל און פאר וואס דיא פראפעטען, וואס האבען גערעדט דיא שפראכע פון דיא הימלען, האבען גערעדט צו דיא מענשען פון ארץ ישראל, און אויף פאר וואס א שיר השירים האט נור געקענט געדיכטעט ווערען אונ־טער איהר זונן, איהרע שטערען, איהר פער׳כישוף׳טע לופט.

דיא ווייבער ביים כותל מערבי.

6.

דיא טהורימס פון ירושלים וואס שפּיגלען זיך און זינגען

איך האב אייך בעשריעבען דיא מוזיק פון דער אָפּערא, וואס הייסט ארץ ישראל, — דיא נאַטור פון פּאלעסטינא האָב איך פאר אייך געשילדערט, דעם הימעל, די שטערן, דיא בערג פון ירושלים און אויך דיא מויערן האָב איך פאר אייך בעשריעבען, ווי איך האב געקענט, און האָב אייך געזאגט, אז זיי, דיזער הימעל, דאס ליכט פון הימעל און דיא בערג זיינען געטליך שעהן, אז זיי זיינען ניט צו בעשרייבען.

דיא אָפּערא, אויסער מוזיק, האט אַ טעקסט. זיא האט אַן אינ־האַלט, אַ געשיכטע; אונטער דעם הימעל, און אויף דיא בערג פון ירושלים זיינען דאָ מענשען, זיי לעבען דיזע מענשען, זיי שטרעבען, דיעזע מענשען, מיט זייערע לעבענס־פאָרמען און לעבענס־אינטע־רעסען און ליידען אין האָפנונגען און קעמפּפע.

און דיעזע מענשען פון ירושלים און זייער לעבען און זיי־ערע אינטערעסען, אין זייער קליין קליין ביסעלע פריידען, און זיי־ער ים פון ליידען און עלענד, און ביסעלע ליכט פון זייערע הערצער, און דיא געדיכטע פינסטערנים אין זייערע קעפּ, — דאס אלץ, איז אויך ירושלים, אויך אַ שטיק ארץ ישראל, וועלכע איך האָב פער־שפּראָכען צו בעשרייבען פאר אייך אָהן חניפה און אויך אָהן מורא.

ווען ביים שלום פון דיעזער סעריע וועל איך פּראָבירען גע־בען דעם גרויסען סך־הכל פון מיין ארץ ישראל רייזע, און מאַכען אַ באַלאַנס צווישען דאס ליכט און דיא שאָטענס פון פּאלעסטינא, וועל איך אויך פּיעללייכט זאָגען אַ וואָרט אין פארבינדונג מיט דיא גרויסע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון אידישען פאָלק.

איצט אָבער בין איך ווייט פון דעם, גאנץ ווייט, און איך וואָלט בעטען אויך דיא לעזער ניט צו מאַכען קיינע שליסע פון דאס, וואס איך זאָג. אין דיעזען בריעף און אין דער גאנצער סעריע פון

דיא אידען ביים כותל מערבי.

מיינע פאָלגענדע בריעף וועל איך אייך איבערגעבען פאַקטען פון דעם היגען לעבען, אַמאָהל אויך אַ סצענע, זון אַמאָהל אַ בילד, וואס וועלען אייך געבען דיא מעגליכקייט צו האבען אַ גענויערע פאָר־שטעלונג פון דיעזען לאנד, — אָבער אין נאָמען פון אַלע זיבען הימלען, פּרובירט ניט טרעפען דאס, וואס איך זעלבסט האָב נאָך ניט געטראָפען, און זוך, און פאָרש, און מאטער זיך וויא עס איז צו פערשטעהען.

* * *

פון דער נאטור — צו די מענשען, פון דעם הימעל פון ירושלים אין דיא גרוב פון ירושלים, דאס וואָלט געווען צו שרעק־ליך. און איך וועל דארום אָנהויבען פון בצלאל וואס שטעהט אין מיטען, אויפ'ן האלבען וועג.

איך האב אייך קיין מאָהל ניט דערצעהלט, איהר מעגט דאס אבער איצט וויסען.

מיט זעקס יאהר צוריק, אויף דעם וועג פון דער שיקאגאָער אויסשטעלונג, האָט זיך באָריס שאטץ, איצט דער וועלט־בעריהמ־טער גרינדער פון בצלאל, די נשמה פון דער איינציגער, אמת־אידי־שער קונסט אקאדעמיע, — דאן אַ בעשיידענער אידישער סקולפּ־טאָר, זיך אָבגעשטעלט ביי מיר אין הויז אין דיא בראָנקס. אויף דער אויסשטעלונג פון שיקאגאָ האָט ער פערטראָטען דיא רעגיערונג פון בולגאריען, און האט געהאט אַ געוויסען ערפאָלג מיט זיין אר־בייט.

ער איז אָבער ניט געווען צופריעדען מיט דיעזען ערפאָלג. ער איז ניט געווען צופריעדען מיט זיך, מיט זיין קונסט.

און ביינאַכט אין גארטען אויף אַ באנק, אונטער אַ עפּעל־בוים, געדיינק איך, האבען מיר ביידע אַמאָהל געפלאנעוועט, גע־חלום'ט. איך, וועגען דיא „ווארהייט“, וועגען אַ צייטונג וואס זאָל זיין פריי און אונאבהענגיג פון אַלע פּאַרטייען, און ער, וועגען בצלאל. וועגען אַ שוהלע אין ירושלים, וואס זאָל ווערען מיט דער צייט דיא קונסט־אקאדעמיע פון אידישען פאָלק.

און געהענדיג צו בצלאל האב איך זיך דערמאָהנט אָן אונ־זערע לאנגע, שטונדען־לאנגע געשפּרעכען וועגען דיזען בצלאל. איך האָב זיך דערמאָהנט אָן מיינע ארגומענטען וועגען „קאָנקורענץ“, „מעהר־ווערטה“, „קאָנצענטראציאָן“ פון קאפּיטאל, „גרויס פּראָדוק־ציאָן“, „געלד־פּארקעהר“ און דיא איבריגע שטאָלענע געזעצען פון

מענער און ווייבער ביים כותל מערבי.

דעם שולחן ערוך פון קארל מארקס, ווען פלוצים האָב איך דערזעהען
אויף א בארג, אין דעם בלויען פאן פון הימעל בלישטשענדיג דיא

צוויי ווייסע, הויכע, שטאָלצע טהורמען פון דעם בצלאל שלאָס מיט דיא שפּיציגע פעסטונג־ווענד ארום, באָדענדיג זיך אין די שטראהלען פון דער זונן און איך האָב זיך זעלבסט פארנאנדער געלאכט וועגען יענע ארגומענטען, און אזוי לאַכענדיג בין איך אריין אין דיעזער וואונדערליכער געביידע.

און דיא ערשטע ווערטער פון באָרים שאַטץ זיינען געוועזן, צו געדענק איך אונזערע חלומות, דיא פּלענער וועגען דעם בצלאל, אונטער דעם עפּעל־בוים אין בראָנקס. שאַטץ האָט גאָר ניט פארגע־סען פון דיעזע געשפּרעכען, נור מיינע אפּיקורסות האָט ער פארגע־סען. ער איז געוועזן צו דעליקאטנע מיר זיי צו דערמאָהנען. דערפאר אָבער האב איך זיי ניט פארגעסען און געהאָלפען איהם צו לאַכען וועגען זיי, מיט א לייכטען הארצען.

און עס איז אויך געוועזן וועגען וואס צו לאַכען.

ווען באָרים שאַטץ האָט צום ערשטען מאָהל אין בראָנקס אָנגעהויבען ערנסט צו בעטראכטען דעם פּלאַן וועגען בצלאל, האט ער געמיינט, אז איהם וועט אין ירושלים געלינגען צו עפענען א קליינע שוהלע פאר קינדער, וואו ער וועט זיי לערנען דיא קונסט צו מאַכען אָריענטאַלע טעפּיכע, אז דיעזע קינדער, אויסלערנענדיג זיך דיא ארבייט, וועלען געהן אהיים און לערנען דיא ארבייט זייערע ברידער און שוועסטער אין דער היים, אז דאס וועט פאר זיי עפּע־נען א קוועלע צו לעבען, אז דאס וועט אריינברענגען נייע אינטערע־סען אין לעבען, אז עס וועט נעהמען וועבען דיא קולטור אינסטינק־טען פון דיא פארגליווערטע מאַסען.

אָנשטאָט איינינע קלאסען, וואו מען לערנט קינדער צו וועּ־בען טעפּיכע, אדער ראָגס, האב איך געפונען צוויי ריזיגע טעפּיך אנשטאַלטען וואו עס זיינען בעשעפטיגט באלד 150 אידישע קינדער, מענער און פרויען, אלמנות, יתומים, אָנהויבענדיג מיט דעם עלטער פון 12 יאָהר ביז 60 יאָהר. איך האָב געפונען א גרויסע ווערק־שטאַט, וואו עס ווערען געמאכט וואונדער־שעהנע קונסט־ארטיקלען פון האָלץ; נאָך א ווערקשטאַט וואו עס ווערען געמאכט פיין גע־פלאָכטענע בעסקעטס, וואס קענען אויסהאלטען א פאַרגלייך מיט דיא שעהנסטע פון אייראָפּא; נאָך אן אנשטאלט וואו עס ווערט גע־מאכט דיא בעריהמטע קונסט־ווערק אין מעש, קופּער און זילבער, וועלכע האבען בעריהמט געמאכט דאמאסק, און וועלכע זיינען אין

יעדער הינזיכט אזוי שעהן וויא דיא שעהנסטע, וועלכע איך האב געפונען דא אין אָריענט. און נאָך האב איך געפונען אין בצלאל אן אנשטאלט פאר שפּיטצען, וועלכע האבען פיעללייכט נאָך ניט ער־רייכט אין רייכטהום פון מוסטער און מאָס די בעריהמטע שפּיצען פון בריסעל, פון נאָרמאנדיע און אין דיא פערשיעדענע בערג־דיס־טריקטען פון דייטשלאנד, אָבער אורטהיילענדיג נאָך דיא ריעזען־פאָרטשריטע, וועלכע זיינען געמאכט געווארען אין דער קורצער צייט, קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז זיי וועלען באלד עררייכען דיזע שטופע און פיללייכט אויך איהר איבערשטייגען.

ווענען דעם אונגלויבליכען ערפאָלג פון בצלאל אין דער ארבייט פון דיא קאָסטשפּיליגע טעפּיכע פון דיא בעריהמטע אָריענ־טאלע ראָגס האָט איהר שוין גענוג געהערט. עס וועט אייך דאָ נור גענוג זיין צו זאגען, אז דיא אלע רייכע קריסטליכע קלויסטערס, וועלכע ברענען ניט זעהר מיט ליעבע צו אידען, וועלכע פערמיידען דיא אידען, דאָרט וואו זיי קענען זיי ניט פערפאָלגען, — דיזע קלויסטערס בעשטעלען זייערע בעסטע און טהייערסטע ראָגס אין בצלאל, און ווען מען האט דאָ ניט לאנג צוריק געענדיגט דעם גרוי־סען דייטשען קלויסטער, וואו אויף דעם בעפעהל פון ווילהעלם האָט מען געמאכט א ספּעציעלען צימער פאר דיא קעניגע און פּרינצען פון דייטשלאנד, ווען זיי וועלען בעזוכען ירושלים, האט מען דיא טעפּיכע פאר דיעזען קעניגליכען צימער בעשטעלט אין בצלאל און ניט אין אן אנדער פּלאטץ.

און ווען בצלאל האָט געהאט אן אויסשטעלונג פון זיינע קונסט־ווערקע אין עסטרייך, זיינען גראפען און באראָנען געקומען אויף דיעזע אויסשטעלונג און האבען אָבגעקויפט אלץ וואס איז דאָרט געוועזן גוט און שעהן. און ווען בצלאל האט געהאט אן אויס־שטעלונג אין ווארשוי האָבען 30 שוהלען פון וואַרשוי — אידישע און ניט אידישע — אלע שילער פון דיעזע 30 שוהלען האָבען בע־זוכט די אויסשטעלונג פון בצלאל פאר דעם צוועק בעקאנט צו ווע־רען מיט דיא פּראָדוקטען פון דער בעריהמטער אידישער קונסט־אקאדעמיע. און אויסער דיא קינדער פון דיזע שוהלען זיינען 20,000 אידען און קריסטען פון וואַרשוי געקומען בעוואונדערען דיא קונסט־פּראָדוקטען וואָס „דער בורמייסטער פון דער וויסטע־נעס" (וויא איך האָב אמאָל אָנגערופען באָרים שאטץ), האָט ארויס־

געבראכט אין זיין טעמפעל אין דער וויסטעניס, וואס איז דער בצלאל.

און ווען מען האט ווידער געמאכט אויסשטעלונגען אין דייטשלאנד, און אין רוסלאנד, און אין האלאנד, האט דער בצלאל זיך געמוזט אבזאגען פון ארדערס, פארשלעגע, און אלע מעגליכע געשעפטליכע אנטרעגע, ווייל ער איז ניט אימשטאנד געווען צו ליפערן איין פערטיל פון דיא וואארע וואס מען האט זיך ביי איהם געבעטען ער זאל פערקויפען.

אבער דאס וואונדערליכסטע וואס איך האב געפונען אין בצלאל איז דיא ווערקשטאט פאר דעם דאזיגען פיינעם פאך אין זילבער־ארבייט, וואס הייסט „פיליגריין", וועלכע האט בעריהמט געמאכט אין דיא אלטע צייטען פערשיעדענע שטעדט פון דעם אריענט און וואו איצט ביי דער נייער פערטהיילונג אין דער קונסט וועלט, שטעהט הויך איטאליען, און נאך העכער האלאנד.

אין דיעזער ווערקשטאט האט מען ערדייכט אזא פאלקאמענהייט, אז אויף דער לעצטער אויסשטעלונג וואס בצלאל האט אויף דער ביטע פון האלאנד, געמאכט אין האלאנד, האט דיא קעניגין, וועלכע האט בעזוכט דיזע אויסשטעלונג, און בעוואונדערט דיא קונסט, געקויפט פאר איהר אייגענער פריוואט קאלעקציאן א פיליגריין וואזע פון בצלאל.

און פון דעם וועט איהר פערשטעהען פאר וואס מען רייסט איצט דעם בצלאל פון אלע זייטען ער זאל מאכען אן אויסשטעלונג דא און דארט, און ווידער דא, און איהר וועט זיך ניט וואונדערן פאר וואס אויף דער אלגעמיינער אויסשטעלונג וואס וועט אין גיכען שטאטפינדען אין קיעוו, וועט ־ער בצלאל האבען אן אייגענע אבטהיילונג פאר זיך זעלבסט.

דאס וועט הייסען, אז צום ערשטען מאהל אין דער געשיכטע פון דיא פעלקער, צום ערשטען מאהל אין דער קולטור־געשיכטע פון דער מענשהייט, וועט אויף אן אלגעמיינער אויסשטעלונג פון אינדוסטריע און קונסט, דאס אידישע פאלק ווערען אנערקענט אלס א נאציאן פאר זיך זעלבסט, מיט איהר אייגענער קולטור, און מיט איהר אייגענער קונסט, און מיט איהרע אייגענע רעכטע אויף קונסט און קולטור.

און וואו וועט דאס געשעהען ?

אין רוסלאנד, אונטער דער רעגיערונג פון ניקאָלאי, וואס האָט אלין געטהאָן צו דערשטיקען דעם אידען צוזאמען מיט אַלע זיינע רעכטע און אידעאַלען.

איך וויים ניט וויא איהר פיהלט וועגען דעם, נור איך, מיט אַלע מיינע פרישע איינדריקע פון רוסלאנד, און מיט דער שאַרפ־קייט פון אַלע געפיהלען מיינע, וואס איך האָב ארויסגעבראַכט פון רוסלאנד, און אויך דעם באָדען פון בצלאל, אין דעם שאָטען פון דיא ווייסע טהורעמס וואס שפּיגלען זיך אין זינגען אין דעם הימעל פון ירושלים — איך פיהל דאס שטאַרק, איך פיהל דאס זעהר טיעף, אין זאכען וועלכע וואָלטען ערשיענען פאר מיר אלס וואהנזיננן און פאנטאזיע, ערשיינען היינט פאר מיר ניט נור אלס מעגליכקייטען, נור אויך אלס אַ נויטווענדיגקייט.

אָבער וויא איז דאס אלין בעשאַפען געוואָרען, און וואס האָט אויפגעהויבען דיא טהורמען פון בצלאל אַזוי הויך איבער דעם אַל־טען ירושלים ?

אָט דאס וועל איך אייך דערצעהלען אין מיין נעקסטען בריעף.

.7

ניט פון קריסטוס, נור פון בצלאל

שעהן זיינען דיא טעפּיכע, פיין איז דיא האָלץ־ארבייט, דיא באַסקעטס, דיא שפּיצען, דיא קופּער ארבייט, דיא זילבער אַרבייט פון בצלאל. דאָך איז דאָס ניט דאָס בעסטע און ניט דאָס שעהנסטע פון דיזען וואונדערבארען אַנשטאַלט.

פיעל מעהר בעגייסטערונג וויא דיא טעפּיכע און דיא שפּיצען, און דיא האָלץ אַרבייט, און דיא זילבער־ארבייט, רופען ביי אייך אַרויס דער גייסט פון ליעבע, דאָס בעוואוסטזיין פון אחדות, דאָס געפיהל פון ברידערליכקייט און פריינדשאפט מיט וועלכען איהר ווערט דורכגעדרונגען דעם אויגענבליק, וויא איהר טרעט אריבער דעם שוועל פון דיזער אינסטיטוציאָן.

ווייט, ווייט פון דער שעהנער און אימפּאזאנטער געביידע פון בצלאל, פיעלע בלאָקס ווייט, הערט איהר דעם פרעהליכען גע־לעכטער, דעם געזאַנג, יונגע שטימען פול מיט לעבען און לעבע־לוכט, פון דיא שילער פון בצלאל. דאָס לאכט מען ניט ביים טיש, דאָס לאַכט מען ניט אין הויף, דאָס לאכען יונגע מיידלעך, פלינק בינדענדיג דיא געפארבטע פאָדים פון דעם טעפּיך־געוועב, דאָס שטיפען דיא אינגלעך, זעגענדיג, פיילענדיג, שניצענדיג און האַ־מערענדיג דאָס האָלץ, און דעם קופּער, און דעם זילבער פון אַלע אנדערע אבטהיילונגען.

און ווען איהר געהט צו נעהנטער צו דיזע קינדער — דאַן ענטזאַגט איהר זיך צו גלויבען, אַז דאָס זיינען דיא קינדער, וואָס זיינען אויסגעוואקסען אין דיא סקלעפּען פון אַלט ירושלים, אַז דאָס זיינען דיא קינדער, וועלכע האָבען מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהען, וויא הוליגאַנעס האָבען אויסגעשטאָכען דיא אויגען פון זייערע עלטערן.

וואָס פאר א דור, וואָס פאר א ראַסע, — דיזער נייער דור, דיזע יונגע ראַסע פון אידישען פאָלק, אויף דעם באָדען פון בצלאל!..

זיי עסען אַ סקארינקע פון קלאַיען, ווייל זיי, דיזע קינדער שטיצען

מיט זייער פערדיענסט דיא אַלטע טאַטעס און מאַמעס, און דיא קלענערע שוועסטער און ברידער. אַ סקארינקע פון קלאַיען און אַ שטיקעל הערינג מיט לעבער אויף שבת, איז זייער דיעטע, און גליקליך זיינען זיי, און שיינען שיינען זיי, און זייער לעבען און נשמה וואָלט יעדער פון זיי יעדען אויגענבליק אוועקגעגעבען פאר דעם בצלאל.

און וואָס פאַר אַ גייסט, וואָס פאַר אַ שטאָלץ.

איך בין געווען אַנוועזענד ביי דער פאָלגענדער סצענע. אַ דאַמע, אַן ענגלענדערין, האָט בעשטעלט אַ טעפּיך. מען האָט איהר געזאָגט, אַז דער פּרייז וועט זיין 140 פראַנק. זיא האָט בעצאָהלט דאָס געלד, און האָט געקראָגען דעם טעפּיך. דאַן האָט מען אין קאַנטאָר דורכגעקוקט דיא ביכער, מען האָט אויסגערעכענט, וואָס דער טעפּיך קאָסט דער שוהלע, און מען האָט געלאָזט וויסען דער דאַמע, אַז מען האָט ביי איהר צופיעל גענומען פאַר דעם טעפּיך, אַז דער פּרייז איז ניט 140 פראַנק, נור 96. דיא דאַמע איז געקומען אין דער שוהלע און האָט ערקלעהרט, אַז זיא וויסט, אַז דער טעפּיך איז ווערטה 140 פראַנק, און זיא וויל ניט קיין געלד צוריק. מען האָט איהר ערקלעהרט, אַז דער בצלאל קען ניט נעהמען פאַר אַ זאַך אַ פּעני מעהר וויא דאָס קאָסט איהם זעלבסט, און מוז דאָס געלד צוריק קעהרען. דאַן האָט דיא דאַמע ערקלעהרט, אַז ווען אַזוי וויל זיא דאָס געלד צוטהיילען צווישען דיא מיידעלעך וואָס האָבען דעם טעפּיך געמאַכט. פּראָפעסאָר שאַטץ האָט מיט אַ שמייכעל ער־קלעהרט, אַז געגען דעם האָט ער גאָר ניט, ווען — ווען דיא קינדער וועלען נור נעהמען דאָס געלד. דיא דאַמע איז אַרונטער צו דיא פאָר קינדער און האָט זיי פאָרגעשלאָגען דיא עטליכע און פערציג פראַנק זיי זאָלען זיי צוטהיילען צווישען זיך.

און דיא מיידעלעך, — דיזע קינדער פון אָרימע לייט — דער דור פון חלוקה, פאַר וועלכע אַ פראַנק איז דער חלום פון אַ מיליאָנער, האָבען מיט רוהיגער ווירדע געלאָזט וויסען דיא דאַמע אַז וואָס עס קומט זיי פאַר זייער ארבייט, קריגען זיי בעצאָהלט דורך זייער אייגענעם בצלאל, און אַז וואָס זיי קריגען ניט, קומט זיי ניט, און קיין נדבות נעהמען זיי ניט אָן!

אָדער אָט איז אייך אַ צווייטער פאַקט אַלץ פון דער צייט ווען איך בין דאָרט געווען.



דיא בצלאל — פראפעסאר שאַמיין אלם בעדוואין.

פּופּציג פראנק איז צוגעשיקט געוואָרען אלס פּרייז פאר דעם שילער, וואָס וועט מאכען דיא בעסטע צייכנונגען. ווען א שי־לער האָט געדארפט קריגען דיזען פּרייז האָט ער ערקלעהרט, אז ער ענטזאגט זיך פון איהם, און אז פאר דאָס געלד זאָל מען מאכען א פּיקניק פאר דער גאנצער שוהלע.

אָט זיצען פאר אייך אויף א רייהע ביינק דיא בעריהמטע אידען פון תימן, דארע, בלאסע, לאנגע, מיט שפּיציגע בערד, און שפּיציגע נעזער, דאָס זיינען דיא אידען פון דעם פערוואָגעלטען תימן וואָס שרייבען זייערע אייגענע ספרים, און קענען ניט לעזען קיינע פרעמדע געדרוקטע. דאָס זיינען יענע אידען פון דעם פאר־געסענעם אמאָהל, וועלכע האָבען אויפבעוואהרט דיא מנהגים פון אמאָהל מיט דעם גאנצען פאנאטיזמוס פון אמאָהל אָהן דעם גיפט און ביטערקייט פון דיא אלטע צייטען. זיי, דיזע אידען, זיינען דיא קינסטלער פון בצלאל אין דיא וואונדערבארע פּיליגריין זילבער־ווערקע.

און אָט ענדיגט זיך דיא ארבייט, און זיי געהען ארונטער. אונטען אין גאָרטען שטעהען פערשיעדענע גימנאסטישע איינריכ־טונגען, און עס הייבען אָן צו דרעהען זיך און שפּרינגען אידען מיט בערד און פּאות, און עס פליהען אין דער לופט ארבע כנפותן און ציצית, און איהר שטעהט און קוקט און ווייסט ניט, צי דאָס איז א ווערייעטי שאָו אין אן אמעריקאנער מיוזיק האָלל, אָדער משיח׳ס צייטען אין ירושלים.

אָבער דאָס איז גאָר ניט. פארביי מיר געהען ארויס פון דער שוהלע צוויי מיידלעך, שעהן וויא בלומען אין א פריהלינג־מאָרגען און פריש וויא בלומען אין א פריהלינג־מאָרגען.

דאָס זיינען צוויי גר׳טעס. אין צייט פון פּאָגראָמען, אין צייט פון געשניטענע אויערען און געשטאָכענע נעזער האָבען זייערע עלטערן זיי גע׳שמד׳ט. זיי זיינען אנטלאָפען פון דיא גלחים, זיי זיינען געקומען אין ארץ ישראל. זיי זיינען אָנגעקומען אין בצלאל. און דריי מאָל א טאָג בענטשען זיי דיא שעה, וואָס האָט זיי גע־בראכט אהינצו. זיי זיינען איבער גליקליך, וואָס זיי זיינען ווידער אידישע קינדער צווישען אידישע קינדער, און בעטען נור מיט טרעהרען אין דיא אויגען, מען זאָל זיי ניט דער־צעהלגען, מען זאָל פערגעסען יענע טעג, ווען זיי זיינען אוועק פון זייער פאָלק.

און דיא קינדער פון בצלאל ווייסען דאָס, און זיי פערשטעהען דעם געפיהל, און שאָנעווען זיי, און היטען הייליג דעם געבאָט, צו פאַרגעבען און פאַרגעסען.

ווען דער זייגער שלאָגט פינף און דיא גלאָקע פון בצלאל ענדיגט דיא אַרבייט וואקסט אויס וויא פון דער ערד אויף א זייטיגער געסעל א הויכע געשטאַלט פון א שלאַנקער פרוי מיט א בלאַסען אידישען פּנים. פון שלאָס לויפט אַרויס צו איהר א יונגע שלאַנקע מיידעל פון א יאָהר פופצעהן, מיט גרויסע קיילעכדיגע שוואַרצע אויגען, אַזעלכע שוואַרצע אויגען, וועלכע איהר קענט געפינען נור אין ירושלים, און ניט אין ירושלים, ווען זיי קומען פון ירושלים.

און דיא פרוי און דיא מיידעל וואָס זיינען מוטער און טאָכטער, ניט קוקענדיג אויף קיינעם, ניט ריידענדיג מיט קיינעם אזוי וויא שאַרענדיג זיך און גנב'ענענדיג זיך, פאַרשווינדען שנעל פון אייערע אויגען.

און איך האָב ערפאהרען פאָלגענדע געשיכטע:

מיט א יאָהר פינף צוריק האָט אין א שטעטיל אין פּאַלעסטינא געוואָהנט א איד א למדן, א וואויל־לערנער, א פרומער.

ער איז געווען ניט אָרים. איז אָבער קראַנק געוואָרען און זיין גאַנצען פערמעגען האָט ער פערקרענקט. ער איז געשטאָרבען און דיא אלמנה איז געבליבען מיט א צעהן יעהריגע מיידעל און א פינף יאָהריגען אינגעלע אויף איהרע הענד אָהן א גראָשען, אָהן א קרוב, אָהן א פריינד.

און עס איז געשעהען, געשעהען, וואָס פאסירט מיט טויזענדע און טויזענדע פון אַנדערע אונגליקליכע אין איהר לאַגע.

מיט דריי יאָהר צוריק האָט דיזע פרוי געבראַכט אין בצלאל איהר 12 יאָהריגע טאָכטער און מיט טרעהרען אין דיא אויגען געבעטען בעטען פּראָפעסאָר שאַטץ, דיעזער זאָל זיא אָננעהמען אין דיא שוהלע, וואָרים ווען ניט, איז זיא פערלאָרען.

דער דירעקטאָר פון בצלאל האָט ניט פערשטאַנען גענוי, וואָס דאָס האָט בעדייטעט, ער האָט אָבער דיא מיידעלע אָנגענומען. א פּאָר טעג שפּעטער האָט ער ערפאהרען דעם אמת. ער האָט נעמליך ערפאהרען, אַז דיא מוטער פון דער מיידעלע איז איינע פון דיא זעהר ווייניג אידיישע פרויען אין ירושלים, וואָס פיהרען



אין קונסט אטעליע פון בעצלאל

א לעבען פון שאנדע. ער האָט זיא געלאָזט רופען און ערקלעהרט, אז וועהרענד ער וויל ניט זיין א רעטער פון איהר עהרע און געוויסען, דאָך איז פאר איהם אונמעגליך צו האלטען דיא מיידעלע אין דער שוהלע אונטער דיא אומשטענדען.

עס האָט זיך אָבגעשפיעלט א שרעקליכע, א הערצרייסענ־רע סצענע: דיא אונגליקליכע פרוי האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף דער ערד און האָט אָנגעהויבען צו בעטען, צו רייסען זיך דיא האָר, מען זאָל איהר קינד ניט אוועקשיקען פון דער שוהלע. זיא האָט דערצעהלט, וויא זיא האָט מיט אַלע כוחות געקעמפפט געגען איהר שיקזאל, און וויא נור צו רעטען דיא קינדער פון הונגער־טויט, האָט זיא גענומען האנדלען מיט איהר קערפער. זיא איז פערלאָרען, אָבער זיא וויל איהר מיידעלע אם וויינינגסטען זאָל ווערען גערע־טעט פון דעם שרעקליכען שיקזאל. קען דאָס ניט זיין ווען זיא לעבט, וועט זיא פון דיא הויכע שפיצען פון דעם ירושלים מויער ארונ־טערשפרינגען אויף דיא שארפע שטיינער פון אָבגרונד, זאָלען איה־רע קינדער ווערען יתומים, נור זאָל דיא מיידעלע בלייבען אין בצלאל.

און זיא האָט געגעבען איהר וואָרט און מיט א הייליגע שבועה בעפעסטיגט דעם וואָרט, אז זיא וועט מעהר ניט זוכען קיין פערדיענכט פון שאנדע און אז זיא וועט לעבען מיט דעם, וואָס דיא מיידעלע וועט איהר טראָגען פון בצלאל.

און דריי יאָהר זיינען פארביי, און קיין שבועה, וואָס איז ווען עס איז געגעבען געוואָרען אין דיא ווענד פון ירושלים, איז קיין מאָהל ניט געהאלטען געוואָרען ריינער און טהייערער און הייליגער, וויא דיא שבועה וואָס דיא אונגליקליכע געפאלענע האָט געגעבען אין דיא ווענד פון בצלאל צו פיהרען א לעבען פון איין עהרליכער מוטער.

און יעדען פריהמאָרגען בריינגט דיא אָרימע אלמנה איהר קינד קיין בצלאל און יעדען אבענד קומט זיא אָבנעהמען דאָס קינד, און קיינער פון דיא שילער און פון דיא לעהרער אויסער שאטץ און נאָך א צווייטען ווייסט ניט דיא שרעקליכע געהיימנים פון מוטער, און ניט דיא שוידערליכע טראגעדיע פון דער טאָכטער.

און גראדע היינט איז מיר אויסגעקומען צו בעזוכען דיא פאזישעלקע, וואו יעזוס קריסטוס, לויט דיא גלחים, האָט געהיילט

קרעציגע, געזונד געמאַכט קראַנקע. און דעם פּלאַץ האָט מען מיר אויך בעוויזען, וואו דער זוהן פון מרים האָט גענומען אונטער זיין שוטץ א זינדערין, און האָט איהר מציל געווען דיא נשמה.

און איך האָב געדאַכט: וואָס זיינען דיעזע אַלע אויסגע־טראַכטע מעשיות פון קריסטענטהום אין פערגלייך מיט דיא איינפאכע פאקטען, מיט אמת'ע לעבענס־פּאַסירונגען פון אידישען בצלאל

.8

אַ טעמפּעל אויף קברים און זיין כהן גדול

וויא האט אויף דיא שטיינער פון ירושלים, אָהן שאָטען און וואסער געקענט אויסוואקסען אזא וואונדערבארע פלאַנץ וויא דער „בצלאל“ ?

דאס קען מען נור דאן פערשטעהן ווען מען ווייס באַרים שאַטיז, און ווען מען זעהט איהם ביי דער ארבייט.

א וואונדערליכער מענש, אן אונגעוועהנליכער, און וואס מעהר איהר קענט איהם, וואס נעהענטער איהר זעהט איהם. אלץ מעהר וואקסט אייער בעוואונדערונג, אייער אנערקענונג.

דאָס וואָס מען רופט „פּערזענליכער לעבען“, „פּערזענליכער גליק“ קען ניט באַרים שאַטיז. אמאָהל, גאַנץ לאַנג אמאָהל האָט ער דאס געקענט. עס איז אָבער אוועק און פארגעסען, שלעכטע, בייזע, גיפטיגע עראינערונגען — דאס איז אלץ וואס איז ביי איהם פון דאַן פארבליעבען. אנדערע מענשען אין זיינע אומשטענדען ווערען צובראָכענע שארבענס, און פארלאָרען אין דעם ים הגדול פון מענש־ליכע שלעכטקייט, אונגליק, טרעהרען און דומהייט.

ניט באָרים שאַטיז. זיין צובראָכענער אייגענער לעבען האָט איהם נור געגעבען מוטה און קראפט צו ארבייטען פאר אנדערע לע־בענס, דיזע צו רעטען, דיזע גליק צו פערשאפען.

א מערקווירדיגע קאָמבינאציאָן פון עלעמענטען פון דער מענשליכער נאטור.

ווייך וויא וואקס, צערטליך ווי א בייבי, נאאיוו וויא א זעכצעהן יעהריגע מיידעל, אין ירושלים און ניט אין נויארק, א אידעאַליסט, א פאנטאזיאָר, מיט אייביגע חלומות אין די וואָלקענס פון דער צוקונפט, פערוואַלט ער דעם בצלאל מיט אַן אייזערנע האַנד, מיט שטאָהלענע נערווען און מיט א שטיינערנעם געדולד. אָט שטעהט ער אויף דעם דאך פון בצלאל, מיט דעם עבען־איצט אָנגעקומענעם קינסטלער, גאָלדבערג, וואס האט זיך א גרויסען



די תימן'ער אידען אין פיליגריין (זילבער-קונסט) אבטיילונג פון בצלאל.

נאָמען פערשאַפּט אין דייטשלאַנד מיט זיינע בילדער, און דיסקוטירט און ערקלעהרט דעם נייעם לעהרער פון בצלאל וויא איבערצוגעבען דעם פארבען־שפּיעל פון דעם זאָנען אונטערגאנג און די ארומיגע בערג; און אָט איז ער אונטען, אין הויף, און האלט א שטרענגע לעקטיטור דעם אידען, וואָס איז געקליידעט ווי א טיטערקעס און איז אַ טיטערקעס, דערפאר וואס ער האט פערגעסען אויסצוקעהרען דעם הויף, וואָס איז זיין פליכט.

און איידער וואס ווען, זעהט איהר איהם ארומגערינגעלט מיט א האלבען טוטין קינדער, ביי א טעפּיך אויף וועלכען זיי ארביי־טען, און מישענדיג דיא פארביגע וואָלען, ערקלעהרט ער זיי אין זייער שפּראך, א געזעטין פון פארבען־הארמאָניע, און אין א רגע ארום זעהט איהר איהם אין גארטען, וואו ער לאָזט וויסען אן אראב מיט א לאָפּעטע, אז בלאָפען ביי דער ארבייט וועט ער אימיצען אנ־דערש בלאָפען, אָבער ניט דעם בצלאל.

און איידער איהר זעהט זיך גוט ארום איז שוין שאטין מעהר ניטאָ, ניט אויבען אויפ'ן דאך, ניט אין הויף, ניט אין דעם טעפּיך אבטהיילונג און ניט אין גארטען.

צוויי וויכטיגע רייזענדע ציוניסטען זיינען אָנגעקומען קיין ירושלים און ווילען איהם זעהען. זיי זעהען איהם, ער זעהט זיי. ער רעדט, ער טענה'ט, זיינע אויגען בלישטשען, זיין פּנים ברענט, ער רעדט איצט איבער זיין אלער ליעבסטען פּראָיעקט.

דיא טערקישע רעגיערונג וויל פערקויפען דעם מגדול דוד, זי דארף עס ניט. זיא האט דאָרט קאזארמען, און עס איז איהר ניט בעקוועם. פאר א סומע געלד וועט זי אָבגעבען דיזען היסטאָרישען פּלאַטץ.

שאַטין שטאַרבט די אידען זאָלען קויפען דעם פּלאַץ איידער דיא גוים וועלען איהם אויסכאפּען.

ער האט אלין אויסגערעכענט, אלין אויסגע'חשבון'ט. דיא איינציגע געשעפטס־גאַס וואס איז דאָ אין ירושלים, די יפו גאס, איז אין דיא הענד פון גריכען, וועלכע האַסען דיא אידען און פער־פאָלגען זיי. די היגע אידען האבען גרויסע צרות צו קריגען א סטאָר פאר א געשעפט, ווען זיי דארפען. די גריכען ווילען זיי ניט.

אויבען אויפ'ן בארג פון מגדול דוד וועט זיין דער בצלאל, אונטען אין דיא מויערן א פאסאזש פאר אידישע געשעפטס־לייט.

א כבוד פאר דאס יודענטהום, א שטאלץ פאר בצלאל, א גליק פאר דער גאנצער אידישער געשעפטס־וועלט.

און אלץ וואס מען דארף איז נור הונדערט טויזענד פראנק.

— איהר פערשטעהט — עסט זיך שאטץ איין איןביידע געסט זיינע, — נור הונדערט טויזענד פראנק מזומן, פיערציג טויזענד רובעל, צוואנציג טויזענד דאלאר, און מיר קריגען צוריק אונזער מגדול דוד און דיא איצטיגע געביידע פון בצלאל, וועלכע ענטהאלט שוין היינט דעם רייכסטען און שענסטען מוזעאום פון ירושלים, ווערט אין גאנצען פערוואנדעלט אין איין מוזעאום, און עס וועט ווערען דער גרעסטער מוזעאום פון אריענט.

א פאאר מינוט שפעטער, און א געזעלשאפט ענגלישע טוריסטען מעלדען זיך, זיי האבען פיעל געהערט וועגען בצלאל, זיי וואלטען איהם וועלען זעהען. שאטץ האט אויך צייט פאר דעם און גוטען ווילען. ער פיהרט זיי פון דיא קעלערס ביז דיא דעכער פון דיא גרויסע געביידען, ער שטעלט זיך אב אין דעם מוזעאום. די טוריסטען רייבען זיך די אויגען, זיי געטרויען זיך זעלבסט ניט. וואס זיי זעהען און הערען.

אט איז פאר זיי א צימער מיט דיא זעלטענע פויגלען און חיות פון פאלעסטינא, שלאנגען, און אויך איינזיגע פלאנצען, אט ציהען זיך אלמערס מיט קאלעקציעס פון דיא טהייערסטע מטבעות פון אלטערטהום. דא זיינען פאליצעס פון וואונדערשעהנע וואזעס פון דיא אמאהליגע פיניקיאנער, דא איז א ספר תורה פון דיא אמאהליגע צייטען, קינסטלעריש איינגעפאסט אין זילבער און גאלד. זיא איז ווערטה א פערמעגען דיזע ספר תורה, און אט זיינען פאר אייך וואונדערבארע לעמפלעך, וואס מען האט געברויכט אין דער צייט פון בית המקדש און וועלכע זיינען אויסגעגראבען געווארען פון אלטע היגע קברים.

און ווידער א צימער, און נאך א צימער פון דיא אלע טהייערסטע אנטיקען פון דעם אלטען יודענטהום און פון די אנדערע פעלקער, ארום פאלעסטינא, און פלוצים איז פאר אייך די בעריהמטע בילד פון הירשענשטיין „דער אייביגער איד“, וועלכער האט גענומען אויף דער פאריזער אויסשטעלונג דיא גרויסע גאלדענע מעדאל, און וועלכע איז ווערטה פיעללייכט אזוי פיעל, וויפיעל עס איז נויטיג צו האבען קעש צו קויפען פון טערק דעם מגדול דוד.

און אנדערע בילדער, אויך פון גרויסע קינסטלער און פון גרויסען ווערטה זיינען דאָ, און דיא ענגלענדער פארשטעהען דאס ניט, און זיי וואונדערן זיך און פרעגען פון וואנען עס קומט אזא זאך אין בצלאל, און שאַטץ איז גליקליך, און שטעלט אויס ד-א פינף פינגער פון זיין האנד, און אלע פערשטעהען וואס ער מיינט, און לאכען מיט איהם צוזאמען.

יא, מיט דיא פינף פינגער פון זיין האנד, מיט דיא פינף חושים פון זיין גייסט, האָט ער פון גאָר ניט ארויסגערופען צום לע־בען דיא שעהנסטע אינסטיטוציאָן, פון דעם נייעם ירושלים. עס איז נור פינף יאהר וויא עס איז געגרינדעט געווארען דער בצלאל, און ווען איהר זעהט וויא אלץ איז דאָרט איינגעריכטעט, איינגעפונדע־ וועט, אָרגאניזירט און אין אָרדנונג, חידוש׳ט איהר זיך צו איז דאס גאָר ניט אן איבערגעבליעבענער שטיק פון דעם אלטען אידישען קעניגרייך, וואס איז דורך א וואונדער דער געשיכטע פערבליבען גאנץ און איז געוואקסען צוזאמען מיט דער מענשהייט.

זעקס טויזענד פראנק, דאס הייסט, $1.200, דאס איז גע־ ווען דער קאפיטאל וואס שאַטץ האָט געקראָגען צו עפענען דעם בצלאל, ווען מיט פינף יאהר צוריק האָט ער פערלאָזען בערלין אלס דירעקטאָר פון דער אונגעבאָרענער ערשטער נאציאָנאלער אידישער קונסט אקאדעמיע, און ווען שאַטץ האָט בעצאהלט פאר דעם ערש־ טען יאהר רענט, און האט געקראגען דעם שליסעל פון א פערוואָר־ פענער הויז ערגיץ ווייט פון צענטער, מיט פיער נאקעטע ווענד, זיינען ביי איהם אין גאנצען פערבליעבען 2000 פראנק, וואס הייסט $400.

אליין מיט אן ארבייטער האָט ער געמוזט קויפען ברעטער און זיי העבלען און זעגען, אין טיש און אין בייגק, פאר דיא שילער, אליין מיט א געדונגענעם ארבייטער האָט ער געמוזט קלאפען און שניצען און שניידען און טאָקען דיא וועב שטוהלען פאר די שילער און שילערינען פון דעם צוקינפטיגען בצלאל; אליין מיט אן ארביי־ טער האָט ער געמוזט שפינען און פארבען די ערשטע וואָל; איינער אליין האט ער געמוזט לערנען אין אלע קלאסען, און איינער אליין, פלעגט ער מוזען צווישען דיא לעסאָנס קלינגען אין גלאָק פון דער שוהל, און איינער אליין מיט ווייניג שטיצע האָט ער נאָך דיא לעהר־ שטונדען געמוזט פערוואלטען דיא געשעפטען, פיהרען דיא ביכער,

און טהאָן דיא גאנצע אדמיניסטראטיווע ארבייט וואס איז נויטיג אין יעדער אונטערנעהמונג.

איצט ריידען אלע לעהרער און שילער פון בצלאל העברע־איש. אין העברעאיש ווערט געטאָהן דיא ארבייט, אין העברעאיש ווערט געלערנט, אין העברעאיש האלטען די בצלאל שילער זייערע רעדעס און אין העברעאיש זינגען זיי זייערע ליעדער.

ניט אזוי אָבער איז געוועזען פון אָנהויב. גלייך וויא עס האט זיך געעפענט די שוהלע, זיינען דאָרט אָנגעקומען קינדער וואס האָבען נור געקענט העברעאיש און קיין אנדער שפראך. און קינדער וואס האבען גערעדט נור אידיש און קיין אנדער שפראך, וויעדער זיינען געוועזען די אשכנזים, די ספרדים, מיט זייערע בעזונדערע לשונות, אידען פון רוסישע צענטראלע גובערניעס, אָט וויא יענע מיידלעך די „גר'טעס", וועלכע איך האב בעשריעבען אין מיין פאָ־

די קלעינע מיידעלאך פון בצלאל אויף דער טהעאטער ביהנע פון בצלאל.

ריגען בריעף, און אידען פון בולגאריען וואס האבען נור געקענט בולגאריש, און פון קאווקאז וואס ריידען נור גרוזיניש.

און מיט דיזע פעלקער און לשונות פון בבל האט ער, איינער אליין, געמוזט אנהויבען צו גיסען אין פורים די אידעאלען פון זיין יוגענד, בויען דעם טעמפעל פון יוגענד, רעאליזירען דיא חלומות פון זיין יוגענד.

אלע ליעבען דא דעם בצלאל, אלע אכטען איהם און זיינען דאנקבאר. אלע, אי מענשען פון דעם אלטען דור, וואס זיינען געקו־מען אהערצו שטארבען, אי מענשען פון דעם יונגען דור, וואס זיי־נען געקומען אהערצו לעבען. פיעלע פארגעטערן איהם זאגאר, ניט פיעלע אבער רעאליזירען, אז א צייט וועט קומען, ווען מענשען פון אונזער פאלק קומענדיג אין ירושלים, איידער זיי וועלען געהן זעהן דיא אלטע טהורעמס פון דעם חורבן, וועלען אויפזוכען דיא טהורעמס פון בצלאל, מיט וועלכען עס וועט זיך אנהויבען אין דער אידישער געשיכטע דער קאפיטעל פון נאציאנאלען „רענעסאנס.“

מיט א יאהר פינף צוריק, שרייבענדיג וועגען שאטץ און בצלאל, האבען מיר איהם אנגערופען „דער בוימייסטער אין דער וויסטענים.“

שאטץ זאגט מיר, ער וועט קיין מאל ניט פארגעסען דעם נאמען וואס מיר האבען איהם געגעבען „דער בוימייסטער אין דער וויסטענים.“ ער וויים ניט פאר וואס מיר האבען זיך אזוי פיעל אב־געשטעלט אויף זיין פערזאן.

אבער איך גלויב ניט, אז איך האב זיך צו וייט פארטראגען אין מיינע געפיהלען צו מיין פריינד. אין א יאהר ארום וועט זיין אין אמעריקא אן אויסשטעלונג פון בצלאל. איהר וועט זעהען דיא ארבייט פון בצלאל, איהר וועט זעהען דעם גייסט פון בצלאל, און איהר וועט זעהען צי איך האב איבערטריעבען.

אויף דיא שטיינער און ביינער פון דיא אלטע קברים פון ירושלים האט בארים שאטץ אויסגעבויעט א וואונדערבארען טעמ־פעל פאר דעם אידישען פאלק און אין דיעזען טעמפעל ווערען ניט געבראכט קיין קרבנות, נור קרבנות ווערען גערעטעט.

ווער זאל הייסען דער כהן גדול פון דיעזען טעמפעל, ווען ניט בארים שאטץ ?

9

דער נייער חורבן ירושלים

זייט איהר ווען עס איז געוועזן אויף א שיף פאר א שטורעם אויפ׳ן ים?

עס פארשווינדעט דיא זונן, דער הימעל פארציעהט זיך מיט וואלקענס, געדיכטע שווארצע וואלקענס, דיא כוואליעס שלאגען העכער און העכער; דער ים ווערט פינסטערער און טיעפער; דיא מאסטען, וועלכע זיינען אקערשט געשטאנען שלאנק און שטאלץ אין הימעל אריין, הייבען זיך אן צו בויגען, טרייסלען זיך, עס רייסט דיא שטריק, דיא קוימענס, דאס שיף סקריפעט און ברעכט זיך, פון אויבען פליהען, ווארפען זיך און שרייען דיא דערשראקענע טשאיקעס, דא און דארט האקט דורך א בליטץ דעם הימעל, עס טוט א טרייסעל דעם ים א דונער, א ריעזען־כוואליע הויבט אויף הויך דאס שיף טהוט.א שליידער אין א ברויזענדען אבגרונד און איהר זייט אין מיטען פון א שרעקליכען ים־שטורעם:

און גוט איז אייך, און וואויל איז אייך, ווען אויף דעם בריק, אויבען, שטעהט אן ערפאהרענער קאפיטאן, און אויף דיא דעקען זיינען געניטע מאטראזען, ווען דיא אפיציערען ווייסען, וואס זיי האבען צו טאהן, און דיא מאשיניסטען אונטען ווערען ניט זעע־קראנק.

שטעלט זיך אבער פאר א שיף אין א שטורעם, אהן א קאפיטאן, מיט אפיציערען, וואס ווייסען ניט פון זייער לייב און לעבען, מיט מאטראזען, וואס זיינען האזען און מאשיניסטען, וואס זיינען אלטע אידענעס. שטעלט זיך פאר אזא שיף אויפ׳ן ים אין צייט פון א שרעקליכען שטורעם.

דאס איז היינט ירושלים, דאס זיינען איצט דיא אידען פון ירושלים, נאך דיא פאסירונגען.

דיא וועלט ווייסט היינט די געשיכטע, אז דא האבען „באנקראטירט“ צוויי פון דיא גרעסטע אנשטאלטען — דיא מושב זקנים און דיא „תורת חיים“. דאס האט פאסירט מיט איינינע וואכען איידער איך בין אנגעקומען, און איך האב געדאכט, אז איך קען פער־



בתי מושב זקנים וזקנות בירושלים ✻ בית תפלה ומדרש לחסידים (ב)

בייגעהן דעם פאקט, ניט וועלענדיג זיך אבשטעלען אויף א פאסירונג, וואס איז נור א צופאל פון היגען לעבען, און ניט דער לעבען זעלבסט.

עס איז אבער געשעהען אז דא האט מען ארעסטירט איין אנ־נעזעהענעם איד, און צוויי אנדערע, וועלכע בעהאלטען זיך, זוכט מען. דיא רעגיערונג איז ענטשלאסען צו פערפאלגען דיא אלע בע־קאנטע „כלל־טהוער" פון דיא וויכטיגסטע היגע אנשטאלטען, וועל־כע ווערען בעשולדיגט אין פארשיעדענע געזעטץ־פארברעכענס, און נאך מעהר, דיא רעגיערונג איז ענטשלאסען אוועקצושטעלען דיא אלע גרויסע און וועלט־בעקאנטע היגע אנשטאלטען אונטער איהר אייגענע השגחה און קאנטראל. דיא נייע טערקישע רעגיערונג, וויל אין גאנצען א סוף מאכען פון דער אבזאלוטער פרייהייט און אונאבהיינגיגקייט, וועלכע דיא אידען און קריסטען האבען דא ביז איצט געהאט, און אריינברייננגען א טערקישע ארדנונג אין דעם גרויסען אינטערנאציאנאלען בבל, וואס עקזיסטירט דא פאר אלעמען.

און אידען פון ירושלים לויפען ארום דערשראקענע און פער־צווייפעלטע. דיא מענשען, וואס זיינען פאראנטווארטליך פאר דעם שיקזאל פון דיא פיעלע גרויסע אנשטאלטען האבען זייער קאפ פאר־לארען. א קאנטראלע, א השגחה, אן ארדנונג, א געזעץ אין זייערע פיהרונגען, הייסט באנקראט פון יעדער אנשטאלט, פון יעדער אונ־טערנעהמונג לטובת הכלל פון ירושלים. אזוי ריידען זיי, אזוי טענה'ען זיי. מען ברעכט דיא הענד, מען ברעכט דיא קעפ, וויא צו רעטען זיך פון דער נייער געפאהר, פון דעם נייעם גזר. זיי לויפען ארום דיעזע מענשען, מען האלט מיטינגס, מען סוד'עט זיך, מען פלאנעוועט, מען ארגאניזירט זיך. מענשען, וועלכע האסען איינער דעם צווייטען, און וואלטען וועלען זעהען איינער דעם אנ־דערן אין קבר, קומען זיך צוזאמען, מען פארגעסט דעם האס, דיא שנאה, מען רעדט ניט וועגען געגענזייטיגע קריוודעס, מען טראכט נור וויא צו רעטען דיא שיף, וואס האלט ביי'ם אונטערגעהן. כלל־טהוערס וועלכע זיינען נעבטען געשפרונגען פון פרייד, ווען זיי האבען דערהערט וויא זייערע שונאים זיינען אריינגעפאלען אין פאסט־קעס פון געזעטץ, לויפען היינט ארום וויא פאר'סמ'טע מייז, מען זאל געבען בייל, מען זאל רעטען דיעזע שונאים, ווארום ווען ניט — פיהלען זיי, אז באלד, באלד וועלען זיי זיין אין דערזעלבער נויטה.

און וועהרענד דאס אלץ קומט פאר פון אויבען, אויף דיא רעקען

פון שיף און אין דיא אינדזשען־רומס, שטעלט זיך פאָר, אז אונטען גאַנץ אונטען ליעגען טויזענדע פון דיא אומגליקליכע, וועלכע גויטה און צופאַל האָט געמאַכט פאר פאַסאַזשירען.

אָט איז אַן אַלטיטשקער. ער איז אין דיא זיבעציגער. אין אַ קליין שטעטעל לעבען וואָלין איז ער געווען א בעדער. פון גראָשענס און פון דרייערס האָט ער זיך צוזאַמענגעשלאָגען אין עטליכע און פופציג יאָהר, וואָס ער איז געווען א בעדער, א פארמעגען פון פינף הונדערט און פינף און אַכציג קערבלעך. מיט צוויי הונדערט און איין־און־ניינציג קערבלעך איז ער אָנגעקומען קיין ירושלים, און צוויי הונדערט און ניינציג פון זיי האָט ער אָבגעגעבען אין דעם מושב זקנים, מען זאָל איהם אריינגעהמען.

און ניט געגעסען און ניט געטרונקען ליעגט ער איצט אויף זיין עלענדען געלעגער, און מיט רויטליך בלינדע און אָנגעשוואָלענע וואסעריגע אויגען קוקט ער אייך אין פנים אריין, איהר זאָלט איהם זאָגען, וויא לאַנג וועט מען איהם נאָך ערלויבען צו ליעגען אויף דיע־זען עלענדען געלעגער, און וואו וועט מען פארשיטען נאָך זיין טויט דיא ביינער, וועלכע ער האָט געבראַכט אין ארץ־ישראל, זיי זאָלען דאָ ליגען אויף דעם הר הזיתים.

און אַזעלכע 350 אַלטע אידישע נשמות אין איין אַנשטאַלט, און מעהר און מעהר הונדערטע אין דיא אַנדערע מושב זקנים'ס, וועלכע זיינען דאָ אויסגעבויעט געוואָרען אַלס „אָפּאָזיציאָן" צו דעם אַלטען, און וואו מען ערוואַרטעט אַ דונער פון קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל יעדען אויגענבליק.

דאָס איז איין ווינקעלע. און אָט האָט איהר אַן אַנדערען.

אין אַלטען ירושלים, ניט ווייט פון כותל מערבי איז דאָ — אָה, איך וויים ניט וויא דאָס צו רופען, עס זאָל הייכען אַ גאַס, עס איז אָבער ניט קיין גאַס, און ניט קיין געסעלע און ניט קיין זאַוואו־ליק. נעהמט אַ בית־עולם. נור ניט מיט קברים, וואָס זיינען פיער איילען, אין דער ערד, נור 40 איילען אין דער ערד. פארבינט אַלע קברים מיט דורכגיינגע, גיט זיי אַנשטאָט ווייסען זאַמד האַרטע שטיינער, עפּענט דאָרט קרעמלעך, מאַכט ישבות, פערקויפט אין ענגשאַפט ציבעלעס און ציצית, שפּאַרט נאָך אריין צווישען דיא ווענטלעך עזלען, קעמלען, טראָגט קיין מאָל ניט ארויס, רייניגט קיין מאָל ניט אָב דאָס, וואָס עזלען, קעמלען און אויך מענשען לאָזען

איבער נאָך זיך, ווען זיי עסען, — אָט דאָס אַלץ מיט אַ פּאַרדעקטען הימעל, מיט אַן אויסגעלאָשענער זונן זיינען דיא גאסען פון אלטען ירושלים.

אין אַ קליין קבר'ל, וואָס הייסט אַ „וואוינונג“, אין איינער אזא „גאַס“, וואוינט אַן אַלמנה מיט אַ טאָכטער, — אַ יתומה, וואָס איז פּורים געוואָרען 23 יאָהר אַלט.

גאַנץ פריה, ווען דעם שכן'ס האָהן און ניט דיא שטראַהלען פון ירושלים'ער זונן, לאָזט זיי וויסען, אַז עס איז שוין ליכטיג, כאַפּט זיך אויף דיא אלמנה, און הייבט אָן צו פליהען איבער דיא בערג און דיא טהאָלען פון דער שטאָדט צוזאַמענקלייבען וואו זיא קען דיא קויטיגע וועש און שלעפּט זיי אויפ'ן קארק צוריק צו זיך אין קבר אריין. ביי דיעזער צייט, האָט דיא טאָכטער פון דער אלמנה מיט אַ קליינע בלעכענע קענדיל, אָנגעשעפּט פון וועלכע ברוגימס זיא האָט געקענט געגוג רעגען וואַסער, אין אַ קליינצינקער בלעכענער באַליע, אוןביידע הייבען אָן צו רייבען און וואַשען, און ווידער צו רייבען און צו וואַשען, און צו טריקענען און ביגלען ביז זיי פאַלען אַוועק ערשעפּפּט מיט דיעזער אַרבייט. און דאַן ווידער, ביז דער האָהן פון שכן הייבט זיי אויף פאַר דעם נעכסטען טאָג פון עלענד און מאַטערניס.

און אַכט יאָהר האָרעוועט זיי אַזוי ביידע, זייט עס איז גע־שטאָרבען דער מאַן און דער טאַטע, און דריי הונדערט און פופציג פראַנק, (זיבעציג דאָלאַר) האָבען זיי ביידע אָבגעשפּאָרט.

און אין גאַנצען פעהלט זיי נאָך הונדערט און פופציג פראַנק אוז עס וועט זיין תנאים מיט דעם יונגען „חכם“ פון דער אַנטקע־גענדיגער ישיבה, וואָס אויסער דעם וואָס ער איז אַ „חכם“ און קען וואויל לערנען, און זיין טאַטע איז אַ שמש, קריגט ער, דער חכם זעלבסט, 90 פראַנק אַ מאָנאַט חלוקה.

וואו נעהמט מען דיא איבריגע 150 פראַנק, וויא מאַכט מען, זיי צו קריגען שנעלער?

עס קומט אַ מעקלער פון „תורת חיים“, און בעווייזט זיי אַ באַנק־נאָט, אַן אַסיגנאַציע, אַ טשעק, אַ באָנד, אַן אָבליגאַציע, קורץ, אַ „שטר“, וויא דאָס ווערט דאָרט גערופען. און ערקלעהרט זיי, וואָס דאָס איז.

קיין באַנק אין דער וועלט איז ניט אַזוי זיכער וויא אַזא

אנשטאַלט ווי די „תורת חיים“, ראָטהשילד אַליין איז ניט זיכערער. וואָס איז ראָטהשילד, ווען אימיצער וועט אַוועקלייגען זיין געלד אין קבר ביי משה מאָנטעפיאָרע צוקאָפּען וועט ער ניט זיין אַזוי זיכער מיט דיעזען געלד, וויא מיט אַ „שטר“ פון „תורת חיים“ און דיא מצוה וואָס אַ מענש פערדיענט, אי, אי וואָס פאַר אַ מצוה! ווען מען לייגט געלד אין באַנק, העלפט מען גוי'אישע רדיפות, אָדער אידישע שמד'שטיק, און ווען מען קויפט אַ „שטר“ פון „תורת חיים“, נור פאַר הונדערט פראַנק, קריגט מען גלייך עולם הבא פאַר אַ מיליאָן.

און צינזען, פּראָצענטען?

דיא רשעים פון דיא ביינק וועלען קיין מאָהל ניט צאָהלען אַן אָרימען מענשען מעהר וויא פיער פּראָצענט אָדער פינף, אָדער העכסטען זעקס פּראָצענט. אַזאַ אַנשטאַלט אָבער וויא „תורת חיים“, וואָס איז אונטער דער השגחה פון גוטע אידען און פרומע, זיי וויי־סען דעם נויטה פון דיא אָרימע לייט, און זיי צאָהלען צוועלף פּראָ־צענט, און אויף גרעסערע סומען אויך פופצעהן און נאָך מעהר.

ווער קען ביישטעהן אַזעלכע טענות? וועלכע גוטע אידישע האַרץ וועט גיכער ניט אָבגעבען איהר געלד אין אַ באַנק, וואָס איז וויא פון רבונו של עולם, פאַר אַ גרויסען פּראָצענט, וויא אין אַ באַנק פון געשאָרענע פאות'ן, געגאָלטע בערד, און נאָך פאַר אַ קליינעם פּראָצענט?

און אָט איז שוין דריי טעג, וויא דיא אלמנה זיצט לעבען איהר פּוסטער בלעכענער באַליע, און איהר טאָכטער ליגט אין אַ ווינקעלע אויף אַ צופוילטען „סיעניק“. זיי רעדען ניט, זיי וויינען אפילו ניט, נור דיא אויגען זיינען ביי ביידען אָנגעשוואָלען, און דיא אַנטקעגענדיגע ישיבה מיט דעם יונגען חכם שיינען פאַר זיי איצט צו זיין אַזוי וויא גאָר ניט אין אַלטען ירושלים, אַזוי וויא אפילו גאָר ניט אויף דיעזער וועלט!

און קיינער וויים ניט, קיינער האָט ניט געציילט דיא אלמנות וועמעס אָרימע האָפנונגען זיינען צובראָכען געוואָרען אין דעם אוראַגאַן, פונקט וויא קיינער האָט ניט געקענט צוזאַמענקלייבען דיא טרעהרען פון דיא יתומים, וועמעס לעבענס זיינען צומאָהלען געוואָרען פון דיא באַנקראָטען.

דאָס איז אויף אַן אַנדער דעק פון דעם שיף אין שטורעם.



אָבער וואָס איז דאָ אייגענטליך געשעהען, וואָס האָט ארויס־גערופען אזא קאטאסטראָפע, און ווער איז שולדיג, ווער איז פער־אנטוואָרטליך פאַר דיעזען נייעם חורבן אין ירושלים?

דאָס וועל איך אייך ערקלעהרען אין מיינע נעקסטע בריעף אין וועלכע איך וועל אייך פּרובירען געבען א גענויע פאָרשטעלונג פון א לעבען וואָס איז גלייכצייטיג אי דער אָרימסטער אי דער רייכסטער אין יודענטהום.

10

איך דיא קברים און וויעגעלאך פון פאלעסטינא

איך האב זיך לאנג געשלאגען מיט דער דעה צי זאל איך, צי זאל איך ניט בעשרייבען פאר אייך דעם נייעם חורבן ירושלים.

איך וויים, אז דיא אלגעמיינע פאקטען זיינען אייך שוין בעקאנט, אדער וועלען פאר אייך ווערען בעקאנט, אהן מיר. צו וואס זאל איך ריהען וואונדען ווען איך קען זיי ניט העלפען?

און וועמען וועט אין אלגעמיין ארויסקומען גוטעס פון דעם, וואס דיא וועלט וועט דערזעהען א גרויסע אידישע וואונד, און וועט זיך איינקוקען וואס עס טהוט זיך אינעווייניג.

און נאך אמאל בין איך אוועק צו דיא זקנים, און נאך אמאל האב איך מיט זיי גערעדט, און ווידער האב איך דערזעהען דיא אלטע, דיא הונגעריגע, דיא אומגליקליכע שטערבענדע ביי וועלכע דער הערצלאזער שיקזאל וויל איצט אפילו זייערע קברים אוועק־נעהמען.

און זיי האבען מיר מיין הארץ צובראכען, דיעזע לעבעדיגע מתים און איך האב דערפיהלט, אז ווען איך האב ווען עס איז גע־זינדיגט אין מיין לעבען מיט'ן פען, וואלט דאס געווען איצט, ווען איך וואלט געפרובירט שרייבען וועגען אן אנדער ענין, אדער שריי־בענדיג וועגען דיעזען ענין, וואלט איך פאר אייך ניט געשריבען דעם גאנצען אמת.

דעם גאנצען הארטהערציגען אמת, וויא איך האב איהם אויסגעפונען נאך פיעלע מיהזאמע טעג און נעכט ארבייט און פארשונג.

און איך האב קיין מורא ניט, אז דיעזער אמת וועט אימיצען בריינגען שאדען. יעדענפאלס ניט דיא גוטע מענשען און ניט דיא עהרליכע מענשען פון ירושלים וועט ער שאדען. זיכער ניט דיא אומגליקליכע און ניט דיא קרבנות.

* * *

ירושלים איז ניט קיין צענטער פון אינדוסטריע. אנהוי

בענדיג מיט דעם לעבעל ברויט וואָס מען דערלאַנגט אייך אויפ'ן טיש, ענדיגענדיג מיט דעם טוט־פּיק וואָס מען גיט אייך צו קאַלופּען דיא צייהן פון דעם ברויט, ווערט דאָ אַלץ אריינגעבראַכט מייסטענס פון אויסלאַנד.

אָרים איז דיא נאַטור און אָרים זיינען דיא מענשען, נור מיט דעם אונטערשיעד וואָס דיא נאַטור איז אָרים אָבער געטליך שעהן, און דיא מענשען וועלכע זיינען דאָ אָרים, זיינען ניט געטליך שעהן.

דיא מענשען, דיא גוטע מענשען פון דער שטאָדט מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו רעדען דערצעהלען מיר, אַז ניט אימער איז געווען דיא נאַטור פון יהודה אַזוי אָרים וויא איצט, אַז עס איז געווען אַ צייט ווען יהודה איז געווען וויא איין וויין־גאָרטען.

אַזוי ווערט דערצעהלט אין דער ביבעל, און אַזוי דערצעהלען אויך אַלטע היסטאָריקער.

און ווידער ווערט בעהויפּטעט, אַז ניט אייביג וועלען דיא מענשען פון ירושלים בלייבען אַזוי אָרים און ניט אַנציהענד.

דאָס אַלץ איז מעגליך, און איך גלויב דאָס אַלץ, ווען איהר ווילט.

אָבער איך רייד ניט וועגען דער פערגאַנגענהייט פון יהודה, און אויך ניט פון איהר צוקונפט. איך רייד וועגען דיא געגענוואַרט, וועגען דעם היינט רייד איך און ניט וועגען נעכטען און ניט וועגען מאָרגען.

און אויך רייד איך איצט ניט וועגען דיא אַנדערע פּלעצער און געגענדען פון פּאַלעסטינא, ניט וועגען דיא אַנדערע שטעדט און קאָלאָניעס, נור וועגען ירושלים רייד איך און וועגען דעם אומ־געגענד פון ירושלים וואָס הייסט יהודה, וועגען דעם היינטיגען ירושלים, וועגען דער היינטיגער יהודה שרייב איך איצט.

און אָרים און עלענד. און ווייסט זיינען היינט דיא בערג פון ירושלים, און דיא טהאָלען פון יהודה, און אָרים, עלענד, ווייסט זיי־נען דיא מענשען פון דיעזע בערג און פון דיעזע טהאָלען.

דאָך ווען איהר דיינקט, אַז דאָ איז גאָר ניטאָ קיין לעבען און קיין אינדוסטריע, דיינקט איהר ניט ריכטיג, ווייסט איהר ניט וואָס עס טהוט זיך דאָ.

עס איז דאָ ניטאָ קיין אינדוסטריע, קיין קאָמערץ, און קיין

בית מושב זקנים וזקנות בירושלים ת״ו

האַנדעל אַזוי וויא ביי אייך, און עס איז אויך ניטאָ אַזאַ לעבען, אַזאַ טהעטיגקייט וויא ביי אייך.

עס געהט ניט קיין רויך פון דיא קוימענס פון פאַבריקען, זעלטען ווען איהר זעהט אַ רויך פון יואָס עס איז פאַר אַ קוימען.

ניטאָ מיט וואָס צו מאַכען פייער, ניטאָ צוליעב וואָס צו מאַכען פייער.

און עס הוזשען ניט קיינע רעדער פון שאַפּס, און עס פליהען ניט קיינע קאַרס און קיינע אייזענבאַהנען, און עס בלישטשען ניט קיינע אויסשטעלונגען אין שאָו־ווינדאָוס, און עס איז ניטאָ קיין עלעקטרישע בעלייכטונג, און עס קלינגען ניט קיינע טעלאָפאָנען, און מיט זאָרג און מיט נויטה קלייבט איהר צוזאַמען ווינטער פון רעגען אביבעל וואַסער פאַר דעם גאַנצען יאָהר, און נור רייכע אידען קענען עסען צוויי מאָל אַ טאָג פלייש, און נור אַ מיליאָנער קען נעהמען איין מאָל אַ טאָג אַ וואַנע.

און דאָך איז דאָ אַ גרויסע אינדוסטריע, אַ גרויסע קאָמערץ, פיעל לעבען און אַ ים אונטערנעהמונגען.

דאָס איז דיא אינדוסטריע, דיא קאָמערץ וואָס געהט דאָ אָן לשם שמים מיט אַלע מעגליכע וואָהלטהאַט אַנשטאַלטען, רעליגיאָן אַנשטאַלטען, אַנשטאַלטען פאַר קראַנקע, פאַר קריפּעלס, פאַר זקנים, זקנות, יתומים, יתומות, חברה קדישות, און זאָ וויטער, א. ז. וו. אָהן אַן אָנהויב און אָהן אַ סוף.

און ווען איך זאָג „אינדוסטריע“ אָדער „קאָמערץ“, מיין איך דאָס ניט איראָניש, ניט אָבצולאַכען און ניט צו פערשפּאָטען דאָס, איהר קענט דאָ איצט ניט שפּאָטען פון דעם, ווען טויזענדע גרייזען און קינדער שאַרען זיך ארום דיא ווענט אין טויט שרעק פאַר אַ הונגער־טויט. איהר קענט היינט ניט לאַכען אין ירושלים ווען איהר וואָלט דאָס אפילו וועלען.

איך זאָג „אינדוסטריע“ און מיין אינדוסטריע, איך זאָג „קאָמערץ“ און מיין קאָמערץ.

און ווען איהר וועט איבערלעזען דיא עטליכע בריעף מיינע וועגען דיעזען ענין, וועט איהר אויך וויסען פאַר וואָס.

ביי אייך, דאָרט, אין אַמעריקא, ווען אַ איד מיט געווויסע געשעפטס־פעהיגקייטען אָדער געשעפטס־אינסטינקטען, האָט אביסעל געלד, און וויל וואָס אונטערנעהמען, עפענט ער אַ קלאָוקס

שאפ אָדער אַ וואורשט קראָם, און ווען ער האָט אַביסעל מעהר קור־ראזיש, קויפט ער עטליכע אקער בלאָטע און גרינדעט אַ ריעלטי קאָמפּאַניע.

ניט דאָ. דאָ ווען עס געפינען זיך עטליכע אידען מיט אַן אונטערנעהמונגס גייסט, הייבט מען גלייך אָן צו טראַכטען וויא קען מען אָרגאַניזירען אַ קאָמפּאַניע, פאַר וואָס עס איז פאַר אַ הייליגען צוועק פאַר וועלכען מען זאָל קענען קלייבען געלד פון דיא גוטע אידישע נשמות פון אַלע לענדער.

און פונקט וויא אַ פיש זוכט דעם וואַסער וואו עס איז טיעפער, און וויא אַ פאַרמער זעעט דעם באָדען וואָס איז פעטער, און וויא אַ פויגעל זוכט דעם וואַלד וואו עס זיינען דאָ ווערים און וויא יעדער געשעפטס־מאַן זוכט אַ ביזנעס וואָס גיט בעסערע פּראָ־פיטען, זוכען דיא היגע אונטערנעהמער אַ וואָהלטהאַט וואָס אַפּעלירט מעהר צו דיא אידישע הערצער, דאָס הייסט, אַ הייליגע זאַך פאַר וועלכע מען קען קלייבען מעהר גראָשענס.

יעדע אינדוסטריע האָט איהר יוגענד, דיא צייט ווען זיא בליהט און איהר עלטער, דיא צייט ווען זיא הערט אויף צו בליהען. עס פּאַסירט אויך, אַז געוויסע אינדוסטריען שטאַרבען אָב אין גאַנצען.

אַזוי איז דאָ אויך מיט דיא היגע אינדוסטריען וואָס ווערען אָנגעהויבען לשם שמים. עס איז געווען אַ צייט, ווען רענדליך האָבען זיך געקייקעלט וויא שטיינדלעך אויף פערשיעדענע ישיבות, בתי מדרשים, דאַן איז עס אַביסעל שוואַכער געוואָרען. מען האָט זיך אַ וואָרף געטאָהן צו בויען אַנשטאַלטען פאַר יתומים און יתומות, אויך דער עסק איז געוואָרען אַביסעל שוואַכער, האָט מען ענטדעקט אַז אַ מושב זקנים איז אַן אויסגעצייכענטער אַרטיקעל, און מען האָט גענומען בויען מושב זקנים'ס. וויא שוואַמען נאָך אַ רעגען האָבען זיך אָנגעהויבען צו גרינדען דיעזע אַנשטאַלטען פאַר אַלטע אידען און אידענעס, וועלכע האָבען פערלאָרען יעדען אינטערעס אין לע־בען און זיינען געקומען אַהערצו אָוועקצולייגען דיא ביינער לעבען דיא הייליגע קברים פון דיא אבות.

און אין אַ קורצע צייט זיינען אויסגעבויעט געוואָרען פיער אַזעלכע אַנשטאַלטען און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ, אַ ביטערער, אַ פערצווייפעלטער, אַ קאַמפּף אויף לעבען

און טויט, וועלכע פון דיעזע אנשטאלטען זאָלען קריגען דיא הסכמה און דיא נדבות, וואָס איז דיא נשמה פון אזא אנשטאלט.

קיין זעהר גרויסע קאפּיטאליסטען נאטירליך געהען ניט איז דיעזע ביזנעס. איבערהויפּט רוקט מען זיך ניט מיט גרויסע קאפּי־טאלען קיין ירושלים, אָבער עס איז אויך ניט נויטיג. דיא אנ־שטאלטען ווערען געבויט אויף א מין פּארטנערשיפּ, קאָמפּאניאָנ־סטווע אָדער „סטאק קאָמפּאניעס“ אָהן סטאק. איינער לייגט אריין עטליכע קערבלעך, דער אנדערער גיט אריין אין געשעפט זיין פּאָך־קענטניסע. אָפטמאָהל געהעןביידע זאכען צוזאמען, געוועהנליך אָבער איז ניטאָ ניט קיין געלד און ניט קיין קענטניסע. מען הייבט אָן „צו טאָהן ביזנעס“, וויא פיעלע אנדערע אידישע ביזנעס אויף דער וועלט, פון הימעל, ערד און לופט.

מען דינגט א געביידע, מען ריכטעט זיא איין, מען לייהט, מען באָרגט, מען שווינדעלט, מען פארשפּרעכט, מען פערפּליכטעט זיך, פער׳משכון׳ט זיך, ביז מען דערגעהט צום דאך. אלע כוחות ווערען פּארווענדעט דיא געביידע זאָל פון דרויסען זיין שעהן, אויס־זעהן רייך, אימפּאזאנט אויף דער פאָטאָגראפיע וואָס מען בע־שטעלט, וויא נור עס ווערט אביסעל ריין געמאכט דיא גאס פון דיא וואפּנע און שטיינער. דאַן שיקט מען ארויס משולחים אין רוסלאנד, אין גאליציען, אין אונגארן, אין אמעריקא, אין בוכארא, אין סיביר, אין פּערזיען, אין ארגענטיניען, וואו עס איז נור דאָ א איד, און דער האָט א גראָשען, שיקט מען א משולח נאָך דיעזען גראָשען פאר דיא הייליגע זקנים פון ירושלים וואָס זיינען געקומען אהערצי שטארבען מיט דעם הייליגען טויט פון ארץ ישראל.

דער קאָנטראקט מיט דיא משולחים איז א קורצער, אָבער אויך א שארפער. פון דיא געלדער וואָס דער משולח קריגט געהן ארונטער פריהער פאר אלץ דיא שפּייזען, דיא עקספּענסעס פאר דער רייזע, האָטעלען, א. ז. וו. פון דאָס פערבליבענע קריגט דער משולח אמאָל א פערטיל, א מאָהל א דריטעל, און אמאָהל אויך א העלפט.

ניט אלע אנשטאלטען שיקען ארויס משולחים. פיעלע גע־ברויכען דיא פּאָסט פאר דעם צוועק. דאָ קומען מיר צו א צווייג פון ירושלים אינדוסטריע, וועלכע מוז זיך בעווייזען איינפאך אונ־

גלויבליך פאר א פרעמדען מענשען, וועלכער איז אבער איינער פון דיא אינטערעסאנטעסטע פאקטען פון דעם היגען לעבען.

אין פאלעסטינא, ווי אין גאנץ טערקיי, איז ניטא קיין פאסט וואס געהערט דער רעגיערונג און מיט וועלכער יעדער מוז זיך בענוצען.

יעדע רעגיערונג, אויסער דער ענגלישער און אמעריקאנער, האט דא איהר אייגענע פאסט, און דיזע פאסטען ווערען דא גע־פיהרט וויא פריוואט געשעפטען פון פריוואט פערזאנען. ווען איך וויל שיקען א בריעף קיין אמעריקא, אדער רוסלאנד, אדער וואו עס איז אין אויסלאנד, קען איך אוועקלייגען דעם בריעף, אדער אויף דער טערקישער פאסט (וואס ווערט געטאהן פון זעהר ווייניג מענ־שען), אדער אויף דער דייטשער, עסטרייכישער, פראנצויזישער און ז. וו.

וויא אין אלע געשעפטען, וואו עס איז דא קאנקורענץ, טהוט יעדע פאסט אלץ וואס זיא קען, צו־צוציהען צו זיך ביזנעס. דא גע־פינט איהר אין ירושלים זאכען און פארהעלטניסע, וואס וואלטען דארפען קוויקען דיא הארץ פון יעדען איד. ווען מען וואלט ניט גע־וואוסט, פון וואנען זיי, דיעזען זאכען אין פארהעלטניסע קומען.

אזוי וויא דיא מאיאריטעט פון דיא איינוואהנער פון ירושלים זיינען אידען, געפינט איהר אויף אלע פאסטען מייסטענס אידישע אנגעשטעלטע, אידיש ווערט געשפראכען, אין אידיש ווע־רען געגעבען אפיציעלע ערקלעהרונגען, נאטיצען, און מאנכע פון דיא פאסטען בעזארגען זאגאר פריי גאר אהן מארקעס דיא קארעס־פאנדענצען צווישען דיא אידישע קאלאניעס אין קאנווערטען, גע־שריעבען אין אידיש.

און וויא וויט עס געהט דיעזער ביטערער קאנקורענץ־קאמפף צווישען דיא פאסטען, און אויף וויא וויט, זיי, דיא פאסטען זיינען אבהייגניג פון דיא אידען אין ירושלים, וועט גענוג זיין צו זאגען, אז דער דירעקטאר פון דער היגער רוסישער פאסט, איז א איד. דיינקט נור, אז אין רוסלאנד קען קיין איד ניט זיין קיין איינ־פאכער בריעף־טרעגער, און דא מאכט דיא רוסישע רעגיערונג א איד פאר א דירעקטאר פון איהר הויפט פאסט אמט.

און איצט קומען מיר צו דער ראלע פון דער פאסט אין דיא גרויסע שנאר־אינדוסטריען פון ירושלים.

עס איז דאָ אָרגאַניזירט אַ גאַנצע אַרמעע מענשען, וואָס האָ־בען קיין אַנדער בעשעפטיגונג, וויא צו קלייבען אַדרעסען פון בע־מיטעלטע אידען אין דער גאַנצער וועלט. אין פאַרקויפען דיא אַד־רעסען צו דיא „וואָהלטהאַט־אַנשטאַלטען“. איך זאָג „פון בעמיטעל־טע אידען“, ווייל איך שרייב אייך נור וועגען אידען, און נור דיא אידען אינטערעסירען מיך דאָ. דער אמת איז, אז דיעזע שנאָר־אינדוסטריען, וועלכע איך בעשרייב, איז ניט קיין ספּעציפישע אי־דישע אינדוסטריע, דיא גוים האָבען ביי זיך גראַדע דיעזעלבע אינ־דוסטריען. איך וויים זאָגאַר ניט, ווער ביי וועמען עס האָט זיך אויסגעלערענט דאָ צו „קאָללעקטען פאָנדען“, צי דיא אידען ביי דיא היגע פּראַוואָסלאַוונע און קאַטוילישע גלחים, צי דיעזע פּראַוואָ־סלאַוונע און קאַטוילישע גלחים ביי דיא אידען. איך האָב געפּרו־בירט דערגעהן צו דער קוועלע, נור מיר איז דאָס ניט געלונגען. קיינער וויים דאָס ניט.

אין דיא זאַמלונגען פון דיא אַדרעסען זעלבסטפאַרשטענדיג קומט פאָר געגוג האַמבאָג און שווינדעל, אויך ניט זעלטען גנבות. איינער גנב'עט פון אַנדערען, איינער פּייקט דעם צווייטען. אָבער דאָס איז אַ נעבען־זאַכע. מען קלייבט אַדרעסען, מען פאַרקויפט זיי, נאָך אַ געוויסען טאַריף, וואָס הייגגט אָב אָן דעם פּלאַטץ, דעם לאַנד און דיא געזעלשאַפטליכע שטעלונג פון דיא אַדרעסאַנטען, און ז. וו.

ווען מען קריגט דיא אַדרעסען, הייבט מען אָן אַרויסצושיקען דיא בריעף אין דיא טויזענדער, אין דיא צעהנדליגע טויזענדער און דאָ קומען דיא פּאָסטען מיט זייער הילפע.

אַ בריעף קיין אויכלאַנד קאָסט אַ.פּערטעל פּראַנק, טויזענד בריעף צוויי הונדערט פונפציג פּראַנק. דיא צעהנדליגע טויזענדע בריעף, וואָס ווערען געשיקט דאַרפען זיי קאָסטען טויזענדע און טוי־זענדע פּראַנק. עס דויערט אַ צייט, איידער מען הייבט אָן צו קרי־גען צוריק. וואו נעהמט מען זיי?

און דיא פּאָסט עפענט זיי קרעדיט. זיא שיקט דיא בריעף פריי איבער דער גאַנצער וועלט, ביז דיא אַנשטאַלטען הייבען אָן אַריינצוקריגען מזומן. אַזוי זיכער, איז ביז איצט געוועזן דיא אינ־

היסטאריע פון דער וועלט־שנאָרעריי אי פאר אידען, אי פאר קריסטען, דאָס געוויסע היגע פּאָסט־בעאמטען האָבען בעשלאָסען, אז זיי קענ־נען מיט־ספּעקולירען מיט דיעזע אנשטאַלטען און מאַכען זייערע רעגיערונגען פאר שטילע שותפים פון דער אינטערנאציאָנאַלער בעטל־קאַמערע.

11

דיא „האי-פינאַנס" און דער כראד פון וואלטאַט

ניט שנעל דערזעהט מען טרויבען, ווען מען פערפלאַנצט זיי און נאָך לייננער נערויערט ביז מען הייבט אָן צו זעהען נענוג נראָ־שענס פון דיא משולחים און פון דיא בריעף. וואָס טהוט מען דער־ווײַלע ?

אָט דאָ קומען מיר צו דעם פונקט וואו עס האָט זיך נעעפענט דער גרויסער וואולקאַן פון ירושלים און וואָס האָט חרוב געמאַכט דיא שטאָדט נאָך אמאָהל.

דיא אידען פון ירושלים, איך מיין דיא אָרימערע און דיא פראָכטערע, האָבען גרויס צוטרויען, ריכטיגער, האָבען ביז איצט געהאַט גרויס צוטרויען צו זייערע אַנשטאַלטען. איך מיין ניט דעם מאָראַלען פרעסטיזש פון דיא אַנשטאַלטען. דאָס וואָלט ניט געווען אזוי נעפעהרליך. צו דיא עקאָנאָמישע קראַפט פון דיא אַנשטאַלטען, צו דיא פינאַנציעלע זיכערהייט האָבען זיי, דיא אָרימע לייט פון ירושלים, געהאַט דעם גרעסטען צוטרויען.

און פאר וואָס ניט ?

אזוי לאַנג וויא עס זיינען דאָ גוטע אידישע נשמות אויף דער וועלט, און אזוי לאַנג וויא עס זיינען דאָ מתעסקים, און אזוי לאַנג וויא דיא פאָסט נעהמט אָן בריעף, וואָס ריהרען דיא הערצער פון אידישען פאָלק, אזוי לאַנג איז דיא עקזיסטענץ פון דיא אַנ־שטאַלטען געזיכערט — האָבען געטראַכט דיא אָרימע־לייט פון ירושלים.

און אויף דעם האָבען דיא גבאים פון דיא אַנשטאַלטען אויס־געבויעט איינע פון דיא וואונדערבאַרסטע סיסטעמען — מיר ווע־לען עס רופען „סיסטעמע פון קרעדיט," כדי ניט צו קרענקען מיינע גוטע פריינד פון ירושלים. — און אויף דיעזע סיסטעמע פון קרע־דיט האָבען זיי אויסגעבויט א צווייטע סיסטעמע פון האַי־פינאַנס, וועלכע דיא גרעסערע גבאים פון וואָלל סטריט, מיט מאָרגאַן און האררימאַן אויף דער שפיצע, וואָלטען געמעגט מקנא

זיין, און פאר וועלכע אפילו דער גוטער לאָזאָן פון באָסטאָן, וואָלט געמוזט בעגייסטערט ווערען.

און אָט אין וואָס דיא סיסטעמע איז בעשטאַנען:

זיי, דיא גבאים פון די מושב זקנים׳ס און פון אנדערע אני־שטאַלטען, וועלכע איך האָב איצט קיין רעכט ניט צו דערמאָהנען, ווייל דער היגער פּראָקוראָר האָט זיי נאָך ניט דערמאָהנט, האָבען גענומען ארויסלאָזען פּאַפּיערען, אזעלכע וואָס זיינען, — וועקסלען, ניט וועקסלען, טשעקס, ניט טשעקס, מאָרטגיידזשעס, ניט מאָרטגיידזשעס, באָנדס, ניט באָנדס, אבליגאַציעס, ניט אבליגאַציעס, אָבוואָהל דער פּראָקוראָר פון ירושלים, וועלכער האָט זיך פּריוואַט אויסגעדריקט, אז איצט וועט ער אביסעל „א טאַנץ טאָהן מיט דיא יהודים,״ (וואָס מיר איז איבערגעגעבען געוואָרען פון איינעם פון דיא אנגעזעהענסטע קריסטען), בעהויפּטעט, אז דאָס זיינען אסיגנאַציעס, ארויסגעלאָזען פון פּריוואַט מענשען, און וואָס איז דאַרום א פּארברעכען געגען דיא געזעצען פון לאַנד.

דיעזע פּאַפּיערעלעך, וועלכע רופען זיך דאָ שטרות, איז דאָ ארויסגעלאָזען געוואָרען אין דיא טויזענדע. זיי לעזען זיך אביסעל וויא אסיגנאַציעס, נור מיט דעם אונטערשיעד, וואָס זיי גיעבען ניט אָן אז הינטער זיי ליגט א רעזערוו פאָנד פון גאָלד, אָהן וועלכען קיין מאָדערנע רעגיערונג נאַטירליך וועט ניט ארויסלאָזען קיינע אסיג־נאַציעס.

דער גוטער ווילען פון אידישען פאָלק צו שטיצען דיא זקנים, דיא יתומים, צו העלפען יונגע אידישע קינדער צו לערנען תורה, צו ווערען רבנים, מבקר חולה זיין קראַנקע, חתונה צו מאַכען אידישע מיידלעך, וואָס האָבען ניט קיין נדן, צו ברענגען אָרימע לייט צו קבר ישראל.

דיעזער גוטער ווילען פון גוטע אידישע נשמות אין אלע לענדער, דיינקט דער פּראָקוראָר איז געברויכט געוואָרען אלס דער רעזערוו־פאָנד פון גאָלד, וואָס איז נויטיג צו מאַכען פון א שריפטליכע פארפליכטונג, אן אסיגנאַציע.

וויא ברענגט מען אָבען אויס אָט אזעלכע שטרות, אָדער „אסיגנאַציעס ?״

אָט דאָ האָבען דיא גבאים פון ירושלים בעוויעזען זייערע געשייטקייט פון דיא „הויכע פינאַנסען.״

מען האָט אָרגאניזירט אן ארמעע פון מאקלערס אָדער בראָ־קערס, צווישען וועלכע מען האָט פארטהיילט דיא שטרות, מיט אן אינכטרוקציאָן, צו פארקויפען זיי פאר מזומן יעדען, וואָס האָט עט־ליכע פראנק אין קעשענע, זיך ניט אָבשטעלען פאר גאָר ניט, פאר קיינע פארשפרעכונגען, פארזיכערונגען, ניט זשאלעווען דיא אייגענע האלז, און ניט קארגען גאָט׳ס עולם הבא.

מעהר פאר אלץ אָבער, נעהמען זיי דעם עולם מיט צינזען, מיט פראָצענטען.

פאר וואָס זאָל אן אָרימע אידישע אלמנה, וואָס האָט אין זאָק צעהן נאפאָליאָן (א נאפאָליאָן איז 4 דאָלאר) האלטען זיי אין זאָק, אָדער אריינלעגען זיי אין באנק, וועגען וועלכער קיינער ווייסט אויך ניט וואָס עס קען מיט איהר מיט דער באנק געשע־הען, און וועלכע גיט דאָס געלד אוועק אויף שמד־שטיק, — ווען זיא, דיא אלמנה, קען אומבייטען איהר מזומן פאר א 10 שטרות א נאפאָליאָן יעדע, אָדער פאר איין שטר, וואָס איז 10 נאפאָליאָן, אין קריגען פאר דעם 12 פראָצענט, וואָס הייסט, אז זיא קען שיער ניט פערדאָפּלען איהר קאפּיטאל אין 5 יאָהר ארום? (דאָ ער־קלעהרען דיא מאקלערס פאר דיא אידען און אידענעס, וואָס הייסט פראָצענט אויף פראָצענט) און וואָס אנבעטרעפט זיכערהייט, — ווער קען זיין זיכערער וויא אנשטאלט, וואָס ווערט געשטיצט פון כלל ישראל? —

„איהר געהט צו כותל מערבי און רוקט דאָרט צווישען דיא שטיינער אייערע בקשות צו גאָט. איהר וויינט אויס אייערע אוי־גען אויף דעם שטיין וואָס דעקט צו דעם קבר פון מוטער רחל, זיא זאָל זאָגען א גיט וואָרט פאר אייך, צום אויבערשטען. קויפט אָבער א שטר פאר דער הייליגער אנשטאלט, און איהר וועט ניט דארפען נעטצען דעם שטיין אויף מוטער רחל׳ס קבר, און איהר וועט האָבען ניט דיא אונגליקליכע גוטע פרומע אידישע פרוי פון ירושלים.

און מען האָט געטראָגען דיא גילדערנע נאפּאָליאָנס, און דיא קאנאָנען?

ניט דער אָרימער גוטער און פרומער איד פון ירושלים, און עולם הבא, וועט איהר האָבען ניט אויף דעם טערקישען ראָטל, ניר אויף דעם רוסישען פוד, און וואָס אנבעטרעפט אייער קאפּיטאל— האָט איהר איהם אין פינף יאָהר ארום פארדאָפּעלט.“

ווער קען אויסהאלטען דעם פייער פון אזעלכע שווערע

זילבערנע פראנקען. אלץ האָבען גענומען דיא ענערגישע מאקלערס, וואָס זיי האָבען נור געקראָגען, און וואו עס איז ניט געוועזען קיין קיין גאָלד און קיין זילבער פון אויסלענדישע רעגיערונגען, האָט מען גענומען דיא קופּערנע מטבע פון דער טערקישער...



דיא זקנים לערנען.

וועלכע סיסטעם פון פינאַנץ קען אויסהאלטען אזא פּראָצעס וואו יעדע פינף יאָהר מוז עס פּארדאָפּלען איהר חוב אין פּראָצענטען ?

אָבער שטעלט זיך פאָר, אז פון אלע שרעקען פון דעם סיסטעם זיינען דיעזע פּראָצענטען דיא קלענסטע.

אזוי וויא דער גאנצער „קרעדיט" פון דיא אנשטאלטען, איז אויפגעבויעט געוואָרען דורך דיא מאקלערס אָדער בראָוקערס, זיינען דיעזע מאקלערס געוואָרען דיא הויפּט מאכער פון אלע אָפּעראציאָנען. זיי זיינען געוואָרען דיא בערזע, דיא וואָלל סטריט פון דער הויף־פינאנס פון ירושלים, און זייענדיג א מין טראָסט האָבען זיי אריינגענומען אין זייערע הענד אי דיא אנשטאלטען, אי דאָס

פּובליקום. זיי האָבען דיקטירט די בעדינגונגען, זיי האָבען רעגיערט.

ווען זיי, דיא מאַקלערס, פלעגען וועלען, פלעגען פלוצלינג ערשיינען א גרויסע צאָהל שטרות אויף דעם מאַרק, פאר וועלכע די אַנשטאַלטען, לויט דיא בעדינגונגען, האָבען געמוזט צאָהלען געלד. דאָ האָט ניט געקענט זיין קיין אויסרייד, קיין עקסקיוז, דען דעם אויגענבליק, וויא דאָס פּובליקום געפינט אוים, אז א געוויסע אַנשטאַלט האָט אויפגעהערט צו צאָהלען איהרע שטרות, הייסט עס, אז דיא אַנשטאַלט איז באַנקראָט. אַלזאָ מען מוז צאָהלען.

אָבער וויא ?

און ווידער פליהט מען צו דיא מאַקלערס, און ווידער שטעהט מען פאר זיי אויף דיא קניע, און ווידער בעט מען רחמים, זיי זאָלען העלפען, זיי זאָלען פערקויפען נייע שטרות, פאר וואָס עס איז פאר א פּרייז, כדי צו בעצאָהלען דיא פּראָצענטען פון דיא אַלטע. דיא מאַקלערס ערקלעהרען, אַז עס איז שווער צו פאַרקויפען, אַז 12 פּראָצענט איז מעהר ניט גענוג, אַז מען דאַרף צאָהלען 15 פּראָצענט, 20 פּראָצענט, אַז זיי, דיא מאַקלערס זעלבסט זיינען אויך אויף גרויסענע צרות, אַז זיי ווילען מעהר קאָמיסיאָן, דיא גבאים, ביי וועלכע עס איז דער חלק אויפ׳ן האַלז, בעטען, קליאנטשען, דינגען זיך, מיט טרעהרען אין דיא אויגען שילדערן זיי זייער לאַגע, עס העלפט ניט, זיי מוזען איינבויגען דעם קאָפּ, דאָס הייסט, זיי מוזען זיך לאָזען אָבשניידען דעם קאָפּ, און זיי לאָזען זיך...

ווייטערע משולחים, נאָך מעהר בריעף פאַרצווייפעלטע, מיט אמת׳ע טרעהרען, בריעף פון אמת׳ן נויטה פליהען איבער דער וועלט. דיא וועלט גיט, וויא פיעל עס קען. עס קען ניט געבען מעהר וויא עס גיט. ווידער ווערט ענג, ווידער קומט מען צו דיא מאַקלערס, ווידער לאָזט מען בלוט, ביז...

ביז עס איז מעהר ניט פערבליבען קיין איינציגער טראָפּען, און איין אַנשטאַלט נאָך אַ צווייטער פאַלען ערשעפּט און טויט...

טעג, טעג, און ווידער גאַנצענע טעג, האָב איך געבלאָנדזשעט איבער דיעזע אַנשטאַלטען פון ירושלים. איך געדענק וויא פון מעסינא, וויא אַלעמען האָט געקלעמט דאָס האַרץ, וויא ביי

מאנכע פרויען האָבען זיך בעוויעזען טרעהרען קוקענדיג אויף דיע־זע חורבות....

וואָס פאר אן אונטערשיעד!

דיא רואינען פון דער בעריהמטער איטאליענער שטאָדט זיינען נור געוועזן רואינען פון שטיין און פון האָלץ, פון זאמד און פון אייזען. דיא מענשליכע קרבנות פון דער גרויסער ערד־ציטער־נים זיינען געלעגען אונטען, טיעף אונטען, איהר האָט זיי ניט געזעהען, איהר האָט נור וועגען זיי געקענט דענקען. זייערע קוואַלען, זייערע טאָדעס אנגסט, דיא לעצטע סעקונדען פון זייער קאמפף פאר לעבען, האָט איהר נור זיך געקענט פאָרשטעלען, ניט מעהר.

גאַנץ אנדערש איז דאָס דאָ, אין ירושלים.

איך וויים ניט פאר וואָס, נור קיינער פון דיא אלע קרבנות האָבען מיר ניט אזוי צובראָכען, וויא דיא אונגליקליכע אלטעטשקע פון דיא מושב זקנים.

דאָ איז דיא געביידע ניט געלעגען א צושאָטענע, נור שמוט־ציג, פארלאָזען, פוסט און וויסט. דיא וועגד אליין אָבער זיינען געוועזן אין גאנצען.

דערפאר האָט איהר זיך ניט געדארפט פאָרשטעלען דיא אגאָניעס, און דעם טויטען אנגסט פון דיא אונגליקליכע. איהר האָט דאָס געהאט פאר אייערע אויגען.

וויא שאָטענס פון דיעזער וועלט בלאָנדזשען ארום דיא שאָ־טענס פון יענער וועלט, אין דעם באנקראָטירטען אנשטאלט, און שטילערהייט, וויא רשעים פאר דער הבדלה, סוד'ענען זיי זיך, אין ווינקעלעך וועגען דיא באלדיגע געשעהניסען. ביי יעדען סקריפּ פון טויער, ביי יעדען טריט פון א מענשען פארביי זיי אין גאס, שפּרינ־גען זיי אויף א קוק צו טאָהן, צו האָט אימיצער ניט געבראכט פאר זיי קיין ברויט, און געלער ווערען דיא געלע פּנים'ער, און נאָך וואַ־סעריגער ווערען דיא וואסעריגע בלינדליכע אויגען פון דיעזע מתים, ווען דער מענש וואָס קומט, קומט ניט צו זיי, און דיא טויער, וואָס סקריפּעט, סקריפּעט ניט פאר זיי.

און זיי זיטצען, און זיי זיפצען, און זייערע ליפּען בעווע־גען זיך, עפּעס מורמלענדיג און שעפּטשענדיג, און זייער וויסטער בליק זוכט עפּעס ווייט, ווייט פון זיך.

און אָט שליסליך עפענט זיך דיא טיהר, מען טראָגט אריין

עטליכע לעבלעך פערטריקענטען ברויט. דיא גוטע מענשען פון דער שטאָדט האָבען זיך צוזאמענגעלעגט, און געבראכט זיי.

איך האָב געזעהען אין מיין לעבען, אי אויף דער ביהנע, אי אין דער ווירקליכקייט, סצענען פון שרעק, סצענען פון פאטהאָס. איך האָב ניט געזעהען אַזאַ סצענע, וויא ווען דיעזע מתים אָהן צייהנער, האָבען גענומען בייסען און שלינגען דיא אלט־געבאקענע פארהארטעוועטע קאָרענע טויג, וואָס מען האָט זיי דערלאַנגט אלס ברויט. וויא מיט ציטערענדע פינגער, האָבען זיי געריסען שטיקער־ווייז דיעזען ברויט, און וויא עס האָבען זיך געטרייסעלט דיא ווייסע לאנגע בערד, ווען זיי האָבען איהם געשלונגען.

איינער פון דיא זקנים, א צוזאמענגעדרעהטער, מיט פער־מאכטע רויטע אויגען, האָט דאכט זיך אפילו פארגעסען צו מאכען די המוציא. ער האָט אָבגעריסען א שטיק ברויט, און גענומען זיך ווארגען.

12

ווער עס וויל זיין בעל הבית אין פאַלעסטינא

ווען לעזענדיג מיינע בריעף וועט אימיצער קומען צום שלום, אַז דיא אידען פון פּאַלעסטינא פיהלען זיך זעהר ניעדערגעשלאָגען וועגען דעם „נייעם חורבן ירושלים“, וועט ער האָבען אַ טעות, און אַ ביטערן טעות.

ניט נור האָבען דאָ דיא אידען פון פּאַלעסטינא ניט פאַרלאָרען דעם מוטה איבער דעם אַלגעמיינעם קראַך פון דיא לעצטע וואָכען, מאַנכע פרעהען זיך, אין דער שטיל, און מאַנכע זאָגאַר גאַנץ אָפען.

עס איז ניט געווען קיין איבערראַשונג דיעזער קראַך. פיעלע האָבען אויף איהם געווארט וויא אויף אַן אונפערמיידליכען שטור־רעם. אַנדערע האָבען אויף איהם געווארט וויא אויף משיח'ן. יאָ, וויא אויף משיח'ן האָבען דאָ מענשען געווארט אויף דיעזען אַלגע־מיינעם צוזאַמענברוך פון דעם אַלטען ירושלים, אין דער האָפנונג, אַז דאָס וועט אָבריייניגען דעם באָדען און מאַכען פּלאַטץ פאַר אַ נייעם ירושלים.

און ניט דיא ראַדיקאַלען אַליין האָבען אַזוי בעטראַכט דעם אונגליק. איך האָב געטראָפען טוטצענדע אַלטע ירושלים'ער אידען, — גאַנץ אַלטע און פרומע פון דיא ספרדים, וואָס האָבען מיר גע־זאָגט, אין זייער לשון נאַטירליך, מיט פסוקים און משלים, אַז ניט קיין אומגליק, נור אַ גליק, איז דיעזע קאַטאַסטראָפע, אַז אין זיי, אין דיעזע באַנקראָטסטוועס, קען מען ווידער זעהן דעם אייביגען פינ־גער פון הימעל, וועלכער איז ערשיענען צו רעטען דאָס אידישע פאָלק און אונטערגאַנג.

גענוי פאַרשטעהן דיעזען געפיהל וועט איהר נור קענען, ווען איהר וועט לעזען מיינע ווייטערע בריעף. יענע בריעף, נעמליך, אין וועלכע איך וועל פאַר אייך פּרובירען פאַרנאַנדערצופּלאַנטערען דעם שווערסטען פון אַלע פּלאָנטערס פון דעם לעבען אין ירושלים — דיא חלוקה און דאַן ווען איך וועל אייך בעקענען אַביסעל מיט דעם לעבען אין דיא היגע קאָלאָניעס, דאַן וועט איהר פאַרשטעהען,

פאר וואָס פיעלע פון דיא היגע אידען פיהלען זיך גאָר ניט שלעכט, און מאַנכע פיהלען זיך זאָגאַר גוט, וועגען דעם קריזיס.

אין דיעזען בריעף אָבער מוז איך זיך אָבשטעלען אויף דער פּאָליטישער זייט פון דער פראגע. דיעזע פּאָליטישע זייט איז דיא גרעסטע פון אלע געפאהרען, ווען ניט דיא איינציגע.

עס איז היינט ניטאָ קיין איינציגער מענש אין פּאַלעסטינאַ, וועלכער פיהלט ניט, דיינקט ניט וויא מיר, און ניט נור איז ניט שטארקער געוואָרען דיא האָפנונג ווען עס איז ארויסצוקריגען פון דיא טערקישע הענד פּאַלעסטינאַ, נור, עס איז שוואַכער געוואָרען, אַז דיא שאַנסען אויף אַן אייגענע אידישער מלוכה זיינען ניט גרעסער נור קלענער געוואָרען זייט דער רעוואָלוציאָן, פּונקט וויא עס זיינען געוואָרען קלענער דיא פערשיעדענע פּריוויליגיעס, וואָס אידען האָבען דאָ געהאַט אין צייט פון דעם אַלטען רעזשים.

און ניט אידען אַליין, אויך קריסטען, אויך מוסולמאַנען.

איך וויל ניט זאָגען, אַז דאָס פאָלק איז היינט וויניגער פריי וויא פריהער. דאָס וואָלט געווען א גראָבער ליגען. ווער עס קוקט אויף דיא ארבייט פון דער יונג-טערקישער רעגיערונג פאר די לעצטע צוויי יאָהר, — דער מוז זיי ווירקליך בעוואונדערען. זיי האָבען אויפגעטאָהן עטוואָס, וואָס ווערט ניט אָפט אויפגעטאָהן אויף דעם פעלד פון ציוויליזאציאָן און קולטור.

אָבער ווייל זיי האָבען אָנגעהויבען אריינצוברייגען אָרדנונג אין דער אונאָרדנונג, וואָס איז ביז איצט דאָ געווען; ווייל זיי ווילען אין דעם כאָאָס פון דער ביז איצטיגער אַנאַרכיע און קאָרופּציאָן אריינברייגען א געוויסע סיסטעם און אויך עהרליכקייט, קומט עס אויס ניט ווילענדיג, אַז פיעלע זאַכען, וואָס זיינען געווען הפקר פאר אלעמען ביז היינט, קענען ניט געטאָהן ווערען אזוי לייכט און מיט אזאַ זיכערהייט.

פריהער זיינען אלע געווען פריי צו טאָהן וואָס ווער עס האָט געוואָלט. אי יעדער איינוואוינער, אי יעדער טשינאָווניק, יעדער בעאַמטער. און אזוי וויא דיא טשינאָווניקעס און דיא בעאַמטע זיינען אימער געווען שטאַרקער, האָבען זיי נאַטירליך געהאַט מעהר פרייהייט, וויא דאָס פאָלק. דיא מענשען פון לאַנד האָבען אויך געקענט טאָהן וואָס זיי האָבען געוואָלט. דאָס האָט אָבער געקאָסט „באַקשיש.“—

עס איז אמת, אז היינט טהוען נאָך אימער דיא בעאמטע וואָס זיי ווילען, און היינט מוז מען זיי נאָך אימער צאָהלען „באַק־שיש“, אָבער שוין ניט אזוי אָפּען וויא אמאָל; און אויך ניט אזוי פיעל, און ניט אזוי אָפט. אם וויינינגסטען אין דער קאָנסטיטוציע איז שוין מעהר ניטאָ קיין „באקשיש.“

און ווייל דיא רעגיערונג וויל אריינברייגען אביסעל אָרד־



א זקן ביי זיך אין צימער.

נונג, בעסער אָרגאניזירען זיך זעלבסט און דאָס לאנד, מאכען טערקיי אביסעל מעהר עהנליך צו א ציוויליזירטע לאנד, איז עס אויך אונ־פערמיידליך, אז פיעלע זאכען וואָס זיינען ביז איצט געווען פריי

פאר אלעמען זאָלען שוין איצט מעהר ניט זיין אזוי פריי.

און דאָס איז אויסגעקומען אקוראט דאן, ווען דיא אידען האָבען דאָ עררייכט דעם אלערהעכסטען שטאפּעל פון זייער וואהנ־זיניגער „האי־פינאנס“ און האָבען אָנגעהויבען צו פליהען מיט׳ן קאָפּ ארונטער פון דעם הויכען בארג, אויף וועלכע זיי האָבען זיך אויפגעהויבען אָהן יעדען נוטץ און נויטה.

אזוי איז דאָס געשעהען, אז דער קראך פון דער אידישער גאס, וועלכער וואָלט פארבליבען א קראך פון דער אידישער גאס און פון קיין אנדערער מיט פינף יאָהר צוריק, און מיט דריי, און פיעל־לייכט אויך פאר־א־יאָהרען, האָט זיך היינט אָבגעגעבען מיט א היל־כענדען ווידער־קול איבער׳ן גאנצען לאנד, איז דערגאנגען קאָנס־טאנטינאָפּאָל, האָט זיך צוריקגעקעהרט און פארנאנדערגעטראָגען זיך צווישען אלע אומות פון טערקיי, און דיא אידען, — איך מיין דער נאָמען פון איד אין פּאלעסטינא ווערט געטאָפּטשעט און גע־שענדעט, און פארשפּאָטעט און פארשפּייט.

און דיא רעגיערונג פון ירושלים, וועלכע האָט זיך ביז איצט ניט געמישט, ניט געקענט מישען זיך, ניט געוואגט צו מישען זיך אין דיא אינערע אנגעלעגענהייטען פון אידישען פאָלק האָט בע־שלאָסען, אז איצט איז פאר איהר דיא ריכטיגע צייט, ארייננצורייי־סען זיך אין אידישען לעבען, און אויספיהרען דיא דאָזיגע טהייל פון איהר פּראָגראם, וועלכע איז איצט דער גאנצער צוועק פון איהר טהעטיגקייט.

עס איז ניט די פּראָגראם פון אָרדנונג אליין, וואָס דיא טערקישע רעגיערונג זוכט איצט דורכצופיהרען. אין מיינע נעכסטע בריעף, ווען איך וועל ריידען וועגען סעמיטיזמוס און אנטיסעמיטיז־מוס אין פּאלעסטינא, וועל איך אָנווייזען אויף אייניגע מאָטיווען פון דיא מענשען, וואָס האָבען דאָ דעם קאנטשוק און דיא קאנאָנע. דערווייל האָבען דיא טערקען דאָ אנדערע קרייוודעס געגען דיא אי־דען, און גערארדע אזעלכע, וועלכע זיי זוכען ניט צו בעהאלטען.

אין דעם מאניפעסט פון דעם פּאשא צו דעם אידישען חכם באשי פון ירושלים זאָגט ער גאנץ אָפען, אז דיא אידען זוכען דאָ צו שאפען א מלוכה אין דער מלוכה. אויסער דיא "שטרות", וואָס זיינען ארויסגעלאָזען געוואָרען פון דיא אנשטאלטען, און וועלכע קענען ניט אנדערש פארשטאנען ווערען אלס א פארזוך איינצופיהר־

רען אַן אייגענע אידישע געלד־סיסטעם (אַ קאָרענסיע), ווייס ער אויך אַז די אידען האָבען איינגעפיהרט חתימות פאַר געוויסע צוועקען (?) וואָס ווייזען אויף אויף דעם, אַז זיי ווילען גרינדען אַן אייגענע מלוכה אין פאַלעסטינא.

ווייטער דערציילט ער אַ פאַקט, אויף וועלכען עס איז ווערטה זיך אָבצושטעלען, אזוי וויא ניט ער אליין, נור אַלע אידען אין פאַלעסטינא זיינען אויפגעבראַכט געגען דיעזען פאַקט.

איך האָב פאַר אייך בעשריעבען דיא גאַסען פון אַלט־ירושלים, — „אונטעראירדישע דורכגייענגע צווישען קברים.“ און דאָך זיינען זיי, דיעזע גאַסען. זיי האָבען ניט קיין אָנהייב, זיי האָבען ניט קיין סוף. זיי דרעהען זיך, און בויגען זיך, און פאַרקירעווען זיך אהין און אהער, רעכטס און לינקס, און צוריק און ווידער רעכטס און ווידער לינקס, און ווידער פאָראויס און ווידער צוריק. וויא דיא מענשען פון ירושלים פאַרלירען זיך ניט איז נור צו ערקלעהרען מיט דעם פאַקט, וואָס קראַטען אין זייערע לעכער אונטער דר'ערד, פאַרלירען זיך דאָרט אויך ניט.

אָט זיין גאַייניגע אַזעלכע דורכגענגע, וואָס פיהרען צו דיא אידישע וואוינונגען האָבען דיא אידען אוועקגעשטעלט אַ סטראַזשע, וועלכע נעהמט פון יעדען אַר[illegible], מיט אַן עזעל צוויי מעטאַליקעס (צוויי סענט פאַר דאָס רעכט דורכצוגעהן דיזע געסלעך. ביי אידען נעהמט מען גאָר ניט. זיי און זייערע אייזלען זיינען פריי, אַן אַראַב מיט אַן עזעל מוז אָבער צאָהלען צוויי סענט.

מען קען זיך פאָרשטעלען, וויא עס האָט געקאָכט דיא אַראַבישע בלוט, יעדען מאָהל, ווען מען האָט געמוזט צאָהלען דיא אידען דיעזע טעקס, וועלכע איז ניט נור געגען יושר, נור אויך געגען דיא פאָליטישע אינטערעסען פון אידישען פאָלק. און ווען עס האָט געפּלאַצט דער גרויסער געשוויר מיט דיא וואָהלטהאַט אַנשטאַלטען, האָט דיא רעגיערונג שוין פאַר איין גאַנג אויך גענומען שטעכען דיא קליינע פרייטשיקעס, וואָס זיינען פריי געוואַקסען יאָהרען לאַנג, און וועלכע האָבען וועה געטאָהן דיא אידען, פונקט וויא דיא ניט אידען פון פאַלעסטינא.

ווען עס הייבט אָן צו פליהען אַ שטיין פון באַרג, דאַן היט ער זיך ניט איבער ווענען ער קייקעלט זיך, און וואָס ער פאַרטשעפעט.

אין ירושלים איז דאָ א בית עם. דיא גאַנצע צייט זיינען דאָרט געווען אסיפות און אונטערהאַלטונגען פריי און אונגעשטערט. האָט זיך אַרומגעזעהען דיא רעגיערונג, אז אין מאַנכע לענדער פון איירָאָפּא פיהרט זיך, אז מען מוז מעלדען דער פּאָליציי ווען מען וויל האָבען אן אונטערהאַלטונג, און איבערהויפּט, אז מען דאַרף ניט מאַכען קיין פעראיין אָהן דער צושטימונג פון רעגיערונג. און דיא פּאָליציי האָט זיך אריינגעריסען אויף דיא פריעדליכסטע פון אלע פערזאמלונגען, און פאַרנאַדערגעטריבען דעם עולם. אויף מאָרגען האָט מען זיי ערלויבט צו האָבען פערזאמלונגען, אָבער מען האָט זיי

זקנות ביי זיך אין צימער.

דערמאָהנט, אז דערוויילע זיינען דיא טערקען דיא בעלי־הבתים פון פּאַלעסטינא, און דיא בעלי־הבתים ווילען זיי אויך בלייבען.

אין יפו האָט דיא גימנאַזיע געוואָלט אויפפיהרען איבסען'ס „פּאָלקס פיינד“. וועמען קען אַזאַ זאַך שאַדען?

דיא פערוואלטער אָבער האָבען געמוזט געהן קיין סיראַ, און דאָרט איבערזעצען פאר נאַטשאַלסטוואָ אין טערקיש איבסען, צו בעווייזען, אַז דאָרט איז גאָר ניטאָ געגען דער טערקישער רעגיע־רונג און געגען דער טערקישער אמונה.

צו וואָס ? פאר וועלכען צוועק ?

זאָלען דיא אידען געדיינקען, אז דיא טערקען רעגיערען, און ניט זיי, דיא אידען, אז דיא טערקישע אמונה איז דיא אמונה פון לאַנד, און ניט דיא אידישע.

איהר געדיינקט דאָך וויא דיא טערקישע רעגיערונג האָט פערבאָטען דעם אידישען טעכניקום אין חיפה. און איהר געדיינקט דאָך וויא דר. מאַקס נאָרדוי האָט פאַרדעכטיגט געוויסע אידישע כלל־טהוער אין מסירה.

איצט האָט דיא רעגיערונג וויעדער ערלויבט צו בויען דעם טעכניקום. און מען האקט שוין שטיינער פאר איהם און אין אַ יאָהר ארום אָדער צוויי וועט ער פארטיג זיין.

איך האָב זיך דאָ ערקונדיגט פאר וואָס מען האָט איהם פאר־מאַכט.

קיין מסירה. דיא טערקישע רעגיערונג וויל איינפאך דער־מאָהנען דיא אידען, ווי זיא קען נור און וואו זיא קען, אז דערוויילע זיינען זיי, דיא טערקען, דיא בעלי הבתים פון לאַנד, און אז דיא בעלי הבתים פון לאַנד ווילען זיי אויך בלייבען !

13

וויא חלוקה האט זיך אנגעהויבען מיט חלוקה

מיט איינינע טעג צוריק האב איך בעזוכט אין ירושלים א הויז פון מצורעים. איך געדיינק דעם געפיהל, ווען איך האב גענימען דיא הענטיל פון טהיר, זיא צו עפענען: מיט דעמזעלבען געפיהל נעהם איך איצט דיא פען צו שרייבען וועגען דיא חלוקה.

יא, איך וואלט אייך געזאגט, אז דיא חלוקה אין ירושלים איז דיא צרעת פון ארץ ישראל. איך וואלט אייך געזאגט, אז עס איז נאך ערגער, אבער עס איז ניט דאס. עס איז א מכה פאר זיך זעלבסט, א שוידערליכע, אן אבשטויסענדע. זיא צועסט דעם גוף, זיא צועסט דיא נשמה פון דיא פעלקער אין ירושלים און אוועקנעהמען פון ירושלים דיא חלוקה קענט איהר פונקט אזוי וויא איהר וואלט געקענט אוועקנעהמען דיא קראנקהייט פון דיא מצורעים, וויא איהר וואלט געקענט אויסשניידען זייערע קרעץ. מען קען דאס טאהן וואהרשיינליך, ווען מען וויל. מען מוז זיי דאביי אבער טויטען.

און דאס איז דער שרעק, דאס איז דיא אימה פון דער חלוקה. נעהמט אוועק היינט פון ירושלים דיעזע חלוקה, און מארגען וועט דיא שטאדט ווערען איין גרויסער בית־עולם.

איך זאג איין גרויסער בית־עולם, און איך מיין דאס אי אלס משל, אי אלס ווירקליכקייט. דען עס איז ניטא אין ירושלים קיין איינציגער מענש און קיין איינציגער געשעפט, קיין איינציגע אינסטיטוציאן, וואס היינגט ניט אב מעהר אדער ווייניגער אן דער חלוקה. און ווען ניט אן דער חלוקה, זא אן דיא חלוקה'ניקעס. און ווען ניט אן דיא חלוקה'ניקעס דירעקט, זא אן דיא מענשען וואס היינגען אב אן דיעזע חלוקה'ניקעס.

ק י י ן א י י נ ע ר נ י ט. אפילו ניט דיא קריסטען פון ירושלים, דען זיי לעבען אויך פון חלוקה, — פון זייער אייגענער חלוקה, פון דער קריסטליכער, אבער אליז פון א חלוקה.

עס איז זאנדערבאר, דאס דיעזע אינטערעסאנטעסטע פון

אלע ערשיינונגען אין סאָציאַלען לעבען פון פעלקער, האָט דיא אָרימכטע ליטעראַטור, האָט אזוי גוט כמעט וויא גאָר קיין סטאַטיסטיקע ניט. אומזיסט האָב איך זיך געווענדעט נאָך פאַקטען, נאָך ליכט צו פאַרשיעדענע פאַרשטעהער, און פערשיעדענע כלל־טהוער פון ירושלים. זיי ווייסען ניט, און מייסטען פון זיי ווילען עס אויך ניט וויסען. אָט פונקט אזוי וויא קיינער אין ירושלים וויל ניט וויסען פיעל פון דעם לעבען פון דיא אומגליקליכע מצורעים.

איך וועל אייך דאָ איבערגעבען דיא דאָזיגע פאַקטען און ציפערן פון דער חלוקה, וואָס זיינען בעקאַנט ביז א געוויסען גראַד, און וועהרענד, עס וועט ניט זיין קיין וויסענשאַפטליכע אָבהאַנדלונג פון דיעזער ריעזיגער פראַגע, וועט עס אייך געבען א בעגריף וועגען דעם.

צו פאַרשטעהן דיעזען דונקעלען ענין, איז פאַר אייך נויטיג צו וויסען, וויא עס ווערען דאָ פאַרטהיילט דיא פאַרשיעדענע בעפעלקערונג פון אידישען פאָלק.

איהר ווייסט נאַטירליך, אַז דיא אידען ווערען דאָ איינגעטהיילט אין ספרדים און אשכנזים. דיא ספרדים זיינען דיא אידען, וואָס זיינען אָנגעקומען אהער אין פערשיעדענע צייטען פון שפאַניען, פאָרטוגאַל; אויך פון באַגדאַד, אַלזשיר, א. ז. וו., דיא אשכנזים רופט מען דאָ דיא אַנדערע. דאָס זיינען דיא אידען, וואָס זיינען אָנגעקומען אהער פון דייטשלאַנד, און פון פוילען, און רסלאַנד, גאַליציען און רומעניען.

דער ערשטער וואָס האָט דאָ געגרינדעט דיא חלוקה איז געווען דער רמב״ן. ער האָט נעמליך ערפונדען דיא חלוקה פאַר דיא אשכנזים, דורך בריעף און משולחים, וויא זיא עקזיסטירט נאָך היינט צו טאָג. צי ער, דער רמב״ן, האָט איבערגענומען דיא אידעע פון דער חלוקה ביי דיא קריסטליכע גלחים, צי דיא קריסטליכע גלחים האָבען דאָס דאָ איבערגענומען ביי איהם, איז אונבעקאַנט. אַליין וואָס מען ווייסט איז, אַז דיא אידעע פון דער חלוקה, דיא סיסטעם און דיא מעטהאָדען, זיינען היינט ביי דיא אידען אונגעפעהר דיעזעלבע וויא ביי דיא קריסטען, און ביי דיא קריסטען, וויא ביי דיא אידען.

עס איז געווען א שווערע צייט, יענע צייט, ווען מען האָט דאָ געגרינדעט דיא חלוקה. דיא טערקען האָבען נאָך ניט געהאַט דעם

בציר ענבים אין דיא קאָלאָניעז.

געגענד אונטער פולער קאָנטראָלע. זיי האָבען געמוזט פיהרען שטענ־דיגע מלחמה פאר זייער הערשאַפט אין ירושלים. ווען דיא טערקען פלעגען זיעגען, פלעגען דיא אידען מוזען בלוטען, פלעגען דיא מאַמע־ליוקען קריגען דיא אויבערהאַנד, זיינען דיא אידען געווען נאָך אויף פיעל גרעסערע צרות. אין דיעזע טעג איז דיא חלוקה געווען דיא איינציגע קוועלע פון לעבען פאר דיא אידען.

משה מאנטעפיאָרע, וועלכער איז צוויי מאָהל געווען אין פאַ־לעסטינא, האָט אויסדריקליך אָנגעוויזען אויף דיא פערשיעדענע פאזען פון דיעזען קאמפף, און הויפּטזעכליך, דיא צושטענדע וועלכע ער האָט געפונען אויף זיין ערשטען וויזיט, און דאן דעם אונטערשיעד וואָס ער האָט בעמערקט דריי יאָהר שפּעטער, אויף זיין צווייטען וויזיט.

איך האָב דאָ דערמאָהנט משה מאנטעפיאָרע, ווייל עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען א נאָמען, וואָס ווערט דאָ געהאַלטען מעהר טהייער, און איז מעהר בעליעבט, וויא מאָנטעפיאר׳ס נאָמען. דער נאָמען פון הערצל איז דאָ גרויס און הייליג. ער ווערט גרעסער און הייליגער מיט יעדען טאָג. אין א יאָהר 10 ארום וועט ער ווערען א נאָמען פון א לעגענדאַרער, היסטאָרישער פיגור. דאָס איז אָבער ביי דיא יונגע. דיא אַלטע האַלטען זיך נאָך אַלץ ביי דעם נאָמען פון משה מאנטעפיאָר.

דער ערשטער פארזוך צו גרינדען דיא חלוקה האָט אָבער ניט געהאַט קי ן זעהר גרויסען ערפאָלג. דאָס הייסט, עס איז געלונגען געווען צו קריגען סומען געלד מייסטענס פון דיא פראנקישע לענ־דער, עס איז ניט געווען קיין פערמאַנענטע אָרגאַניזאציאָן, און עס האָט געפעהלט א סיסטעמע.

דיא ערשטע סיסטעמאַטישע ארבייט אויף דעם באָדען פון חלוקה, הייבט זיך אָן מיט דעם ווילנער גאון און מיט דעם בעל־שם. דאן האָט זיך אויך אָנגעהויבען א רעגעלע עמיגראציאָן פון אידען אין ירושלים, און עס האָט זיך געגרינדעט דער ירושלים׳ער ישוב, וועלכער האָט זיך איצט פאַרנאַנדערגעוואקסען ביז אויף 60 אָדער 70 טויזענד אידען פון א בעפעלקערונג, וואָס צעהלט אין גאנצען אבי־סעל מעהר וויא 100,000.

מיט דער פערגרעסערונג פון דעם אידישען ישוב אין ירושלים האָט זיך אויך אָנגעהויבען דיא צוטהיילונג פון דיעזע בע־

פעלקערונג נאָך דיא לענדער וואו זיי, דיא אידען, זיינען געבאָרען געוואָרען. בייזער וויטץ פון אידישען שיקזאל! קומענדיג קיין ירושלים כדי צוזאמענצוקלייבען דאָס צוזעטע און צושפּרייטע אי־דישע פאָלק, האָט מען דאָ ערשט אָנגעהויבען צוזעען און צושפּריי־טען דיא קינדער פון ישראל. דאָס וואָס דער גלות האָט געטאָהן מיט אידען דורך געאָגראפישע און פּאָליטישע פערהעלטניסע, איז אין ארץ ישראל געטאָהן געוואָרען דורך דער חלוקה!

באלד וויא עס זיינען געוואָרען א פולע מענשען אין דעם ישוב פון ירושלים, האָבען זיי זיך ארומגעזעהן, אז וויא גרויס עס זאָל ניט זיין דיא חלוקה וועט עס ניט זיין גענוג פאר אלע מיילער, און מיילכבעלעך, וואָס נויטיגען זיך אין איהר. עס האָט זיך אָנגע־הויבען א קאמפּף — דער פארפלוכטער קאמפּף פאר לעבען, אָט פונקט אזוי, וויא ביי דיא ווילדע חיות אין וואלד, און ביי דיא ציוויליזירטע מענשען אין קולטור־לענדער, וועלכען דארווין האָט אָנ־גערופען דער קאמפּף פאר עקזיסטענץ.

פערשיעדענע מינים, פערשיעדענע בעדינגונגען, פערשיע־דענע וואפען, פערשיעדענע קעמפּפע.

מען האָט אויסגעפונען, אז איינינע לענדער גיעבען מעהר צדקה, וויא אנדערע, איינינע שיקען מעהר מזומן וויא דיא אנדערע. אונגארן, דייטשלאנד, האָבען געגעבען מעהר פון אלעמען. בוכארא, סיביר, גיט ווייניגער פאר אלעמען. פאר וואָס זאָלען דיא אידען, וואָס קומען פון לעמבערג טהיילען דיא גאליציאנער מזומן מיט דיא אידען, וואָס קומען פון סיביר?

דאָס איז ניט אלעס. דיא אידען פון ווילנא שיקען מעהר חלוקה, וויא דיא אידען פון מינסק. פאר וואָס זאָל א איד פון מינסק, וואָס קומט אהער פארשאָטען צו ווערען אויף דעם הר הזיתים — פאר וואָס זאָל אזא איד עסען פונקט אזא אָנבייסען, וויא דער איד פון ווילנא וואָס איז אויך געקומען שטארבען אין ירושלים און בע־גראָבען ווערען אויפ'ן הר הזיתים?

און מען האָט אָנגעהויבען צו גרינדען פארשיעדענע ועד'ס, און מען האָט אָנגעהויבען צו קעמפּפען אין דיעזע ועד'ס און דורך דיעזע ועד'ס.

א ביטערער קאמפּף, א גיפטיגער, א קאמפּף פון מיט גאל און סם.

מען האָט אָנגעהויבען צו קעמפּפען אַז יעדעס לאַנד זאָל שטיצען נור איהרע אייגענע אידען, און אַז יעדע שטאָדט זאָל שיקען איהר צדקה נאָר צו דיא אידען פון דיעזע שטאָדט.

דיעזער קאַמפּף, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען שיער ניט מיט דער חלוקה זעלבסט, האָט זיך פאַרנאַנדערגעברענט און האָט עררייכט דעם העכסטען שטאַפּעל אין דיא זעכציגער יאָהרען. ווילנא איז געוואָרען דער הויפּט צענטער פון דער מלחמה און עס האָט זיך געענדיגט דער קאַמפּף מיט אַ פאָלשטענדיגער צוטהיילונג פון דער גאַנצער בעפעלקערונג אויף דיא טויזענדע גרויסע און הונדערטע קליינע ועדים, יעדער פון וועלכער פיהרט איצט זיין אייגענע בעל־הבית׳ישקייט, און יעדער פון וועלכער זוכט צו בעגראָבען דיא איבריגע.

אַזוי וויא עס איז ניט דער צוועק פון דיעזען בריעף פאַר אייך צו שרייבען דיא געשיכטע פון חלוקה, נור אויף אַזוי פיעל זיך אָבצושטעלען אויף דיעזע געשיכטע אויף וויפיעל עס איז נויטיג צו פאַרשטעהען דיא חלוקה זעלבסט, וויל איך דאָ נור זאָגען, אַז נאָך פיעלע יאָהרען פון צוטהיילונגען און צושפּליטערונגען פון דיא פערשיעדענע ועדים, האָבען זיך דיא פערשיעדענע טהיילען וויא עס איז גרופּירט אין אַ ליטווישען כולל, אין וועלכען, איבריגענס, עס זיינען פערטראָטען ניט אַלע ליטווישע שטעדט, פיעלע פון וועלכע מאַכען שבת פאַר זיך זעלבסט; אין אַן עסטרייכישען און אונגאַרישען ועד הכולל; דיא שטעדט פון קליין אַזיען, און אויך סיביר, האָבען פאַר זיך אַן אייגענעם צענטער.

דיא חסידים, פון רוסלאַנד, פּונקט וויא פון פּוילען און (ווען איך האָב קיין טעות ניט) אויך פון עסטרייך, אַנערקענען קיין ועד און קיין כולל און שיקען זיך זייערע אייגען געלד אויף זייער אייגענעם סטראַך און ריסק. דערפאַר איז דער ועד פון אונגאַרן און עסטרייך אַנערקענט אָפּיציעל פון זייערע רעגיערונגען און זיינען דארום דיא איינציגע, וואָס האָבען דיא מעגליכקייט גענוי צו קאָנטראָלירען דיא מייסטען סומען געלד, וואָס ווערען געקליבען און שפּעטער פאַרטהיילט אין ארץ ישראל.

דיא דייטשען האָבען ניט דיא רעגיערונגס שטיצע וויא אין עסטרייך און אונגאַרן. זיי זיינען אָבער דייטשען. זיי זיינען גע־

די גימנאזיע פון תל אביב (יפה).

וועהנט צו קענען חשבון'ען אין דער היים, און זיי טרייען, ווי פיעל זיי קענען, אויך צו חשבון'ען אין ארץ ישראל.

דיא ספרדים זיינען דיא ערגסטע פון אלע אין בעצוג אויף חלוקה, ווייל ניט האבענדיג קיינע רייכע פעטערס אין דער וועלט, מוזען זיי קלייבען און שמאקטשען אבגעגריזשעטע ביינדעלעך. וואס אנבעטרעפט אמעריקא, וועלכע ווערט בעטראכטעט אלס איינע פון דיא פעטסטע ביזנעס, האט מען פאר איהר נאך ביז היינט ניט אויפגעהערט צו רייסען זיך, זייט מען האט ענטדעקט אז דיא מדינה פון קאלאמבוס (וועלכע איז ניט איבעריגס בעליעבט), קען דאך ווערען א זעהר פעטע מעלקעדיגע בהמה.

און עס איז אינטערעסאנט, דאס וועהרענד דיא אלע ועדים און כולל'ס האבען ניט געוואלט וויסען איינע פון צווייטען פאר־וואס עס איז פאר א צוועק, האבען זיך אלע פעראייניגט אויף א קאסירער. נעמליך, אלע האבען בעשלאסען, אז דער פארשטארבענער רבי שמואל סאלאנט, דארף זיי פארטרעטען פאר דער אויסערער וועלט. דאס איז געווען דיא איינציגע זאך, וואו דער האס איינער צום צווייטען האט זיי ניט בלינד געמאכט, און האט זיי איבערגע־לאזען דיא פעהיגקייט צו פארשטעהן, אז פאר דער אויסערער און פרעמדער וועלט דארפען זיי ערשיינען אנשטענדיג, און מוזען פאר־טראטען זיין דורך א מענשען, צו וועמען אלע האבען געהאט צו־טרויען.

דאס איז א קורצע געשיכטליכע סקעטש, וויא עס האט זיך אנגעהויבען דיא חלוקה, וואס איז נויטיג פאר אייך צו וויסען, בעפאר איך וועל קענען ווייטער ערקלעהרען וויא דיא חלוקה האט דא גע־ארבייט, און וואס עס איז פון דיעזע ארבייט איהרער ארויסגעקומען פאר ארץ ישראל.

און וועהרענד דיעזע קורצע איינלייטונג אין דער חלוקה, קען זיין וועט אייך גיט געבען דעם גאנצען מאטעריאל וואס איז נויטיג פאר א געשיכטע, וועט עס אייך אבער העלפען צו פארשטעהן פאר וואס דיא „חלוקה" איז מיט א מערקווירדיג פראפעטיש ווייטען בליק אנגערופען געווארען פון איהרע גרינדער „חלוקה".

מיט דער חלוקה האט זיך אין ארץ ישראל אויך אנגעהויבען דיא ערשטע גרויסע און אמת'ן ח ל ו ק ה פון אידישען פאלק.

.14

דיא טאַטעס און קינדער פון ירושלים'ער חלוקה

וויא איך האָב ערקלעהרט איז קיין סטאַטיסטיקע קיין מאָהל ניט געווען און עס קען אויך ניט זיין קיין סטאַטיסטיקע וועגען חלוקה. דיא איינציגע מענשען וואָס וואָלטען געקענט געבען וואָס עס איז פאַר אויסקינפטע וועגען דעם, זיינען דיא מענשען וואָס שטעהען אויף דער שפּיצע פון דעם חלוקה געשעפט אין ירושלים, און דיזע זיינען דירעקט פעראינטערעסירט, אז דיא וועלט זאָל ווי־סען זעהר ווייניג וועגען דעם.

דאָך איז מיר געלונגען עטוואָס ערפאהרען וועגען דעם. מיר איז דאָס נעמליך געלונגען צו ערפאהרען פון דעם בעקאַנטען העב־רעאישען שרייבער אין ירושלים, הערר אייזענשטאדט, וועלכער אר־בייט שוין יאָהרען לאַנג אין דער פראגע און וועלכער האָט זיך גע־קליבען צו פאַרעפענטליכען זיינע ציפערן אין רוסלאַנד.

דיזער אייזענשטאדט וואָס איז אן אלטער איינוואָהנער פון ירושלים און קען דאָרט יעדע אינסטיטוציאָן וויא דיא אייגענע פינ־גער, האָט אויך א לאַנגע צייט געטרייט צו קריגען פאקטען פון דער חלוקה אָהן וואָס עס איז פאר פאָלגען, ביז ער איז געפאַלען אויף א קליינע כיטראָסט, וואָס האָט איהם געגעבען דעם געווינשטען רע־זולטאַט.

ער איז געווען אן אָנגעשטעלטער פון פאַלעסטינא באַנק, און אַלס אָנגעשטעלטער פון דיזער באַנק האָט ער געהאַט פיעלע פון דיא פאָנדען פאר דער חלוקה. ער האָט דאָן אין א שעהנעם פריה־מאָרגען געלאָזט וויסען דיא גבאים פון דיא ועד'ס אז ער האָט גע־קראָגען גרויסע סומען געלד צו פערטהיילען צווישען דיא ועד'ס, ער האָט אָבער אַן אינסטרוקציאָן צו פערטהיילען זיי פּראָפּאָרציאָ־נעל צו דיא צאָהל מענשען פון יעדען ועד, וואָס קריגט דיא חלוקה.

און עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז ער האָט געקראָגען דיא גענויע ציפערן, וויפיעל יעדער פון דיזע ועד'ס פארטרעט חלוקה'ניקעס. אָט דיזע ציפערן האָט ער מיר איבערגעגע־

בען, און דאָ האָט איהר זיי, וויא איך האָב זיי פון איהם געקראָגען.

וויא איך האָב אייך מיטגעטהיילט אין לעצטען ארטיקעל קריגען דיא ספרדים דיא מאָגערסטע פון אלע ביינדלעך, ווייל זיי האָבען איינפאך ניט ווער עס זאָל זיי שיקען. דאָס וואָס זיי קריגען פארטהיילען זיי דארום נור צווישען דיא „חכמים,“ דאָס הייסט, צווישען דיא יונגע מענשען וואָס קוועטשען דיא בייגק אין דיא ישיבות, און מעהר צו קיינעם ניט, זיי פארטהיילען אויך אביסעל געלד צווישען אנדערע אידען אויף יום־טובים, אָבער ניט פיעל, און דאָס שפיעלט ניט קיין זעהר גרויסע ראָלע.

פון דיא 12000 ספרדים וואָס ווערען גערעכענט אין ירושלים, קריגען נור 1000 פון זיי רעגעלע חלוקה. דאָס זיינען נעמ־ליך די „חכמים,“ און דיעזע קריגען פראָפּאָרציאָנעל צו זייער חכמה. דיא גרעסערע קריגען צו מעהר, דיא קלענערע קריגען וועניגער, דורכשניטליך קריגען זיי אן ערך פון 100 פראנק, וואָס הייסט, 20 דאָלער א מאָנאט.

בעסער פאר אלעמען און מעהר געלד פאר אלעמען קריגען דיא אמעריקאנער אידען. דאָס הייסט, אידען וואָס זיינען אָדער זעלבסט אוים אמעריקא, אָדער האָבען קינדער וואָס שעקען זיי געלד פון אמעריקא. אזעלכע ווערט גערעכענט אין ירושלים אן ערך א טויזענד, און יעדער פון זיי קריגט 125 פראנק, דאָס הייסט, $25 א מאָנאט.

נאָך זיי קומען דיא אונגארישע און עסטרייכער. 4000 זיי־נען זיי דאָ אין ירושלים, און זיי קריגען 100 פראנק א מאָנאט דורכשניטליך פאר יעדען.

פון פּוילען זיינען דאָ אין ירושלים 3500 אידישע נפשות, און זיי קריגען 66 פראנק, דאָס הייסט, 13 דאָלער א מאָנאט.

ווייטער זיינען דאָ וואָלינער, און דיא וואָס געהערען צו דעם וואָלינער ועד, מען צעהלט זיי 1200 זעעלען און זיי קריגען צו 10 דאָלער א מאָנאט. ווילנא, גראדנא, מינסק, פּינסק, קאָוונא, א. ז. וו. האָבען אן ערך פון 10.000 זעעלען, וועלכע קריגען צו 20 פראנק א מאָנאט, וואָס הייסט, א דאָלער א וואָך.

אָט דאָס איז דיא חלוקה אין ירושלים.

דאָס הייסט, אז אלע חלוקה׳ניקעס צוזאמען קריגען אין גאנצען אביסעל מעהר וויא א מיליאָן פראנק א חודש, אָדער צו

זיין געגוי, זיין קריגען 12,672,000 א יאָהר, און ווען מיר זאָלען אָננעהמען אז אין ירושלים זיינען דאָ 60,000 אידען, וועט עס הייסען אַז אויף יעדען איד קומט אָן וויינינגער וויא אַ דאָלער א וואָך חלוקה.

אָבער פון וואָס לעבט זשע ירושלים וועלכע האָט אבסאָלוט קיין אינדוסטריע און קיין קאָמערץ ? וויא קומען אוים דיא אידען מיט א דאָלער אַ וואָך אין אַ שטאָדט וואו ברויט קאָסט 6 סענט אַ פונט, פלייש, דיא ערגסטע, 22 סענט א פונט, מילך קאָסט 11 סענט א קוואָרט און פוטער 60 סענט א פונט ?

5000 מענשען לעבען פון דער חלוקה און נור פון דער חלוקה. דאָס זיינען אלע אשכנזים. פלייש עסט מען א שטיקעלע אויף שבת, ברויט עסט מען קאָרענעם און אַלט־געבאַקענעם, פוטער עככי מען ווען עס איז דאָ, עס איז אָבער קיין מאָהל ניטאָ, און וועגען מילך ווערט גערעדט ווען מען לערנט ווי ארץ ישראל איז אמאָל געווען א לאנד פון מילך און האָניג.

5000 אידען לעבען נור העלפט פון דער חלוקה, דאָס הייסט, אַז איין העלפט קריגען זיי חלוקה און דיא צווייטע העלפט, ווען זיי קריגען זיי ניט אנדערסוואו האָבען זיי איהר ניט.

3000 פאמיליעס זיינען בעל־מלאכות. עס איז אמת, אז מייסטענס געלד וואָס זיי קריגען פאר זייער ארבייט, קומט פון מענשען וואָס קריגען חלוקה דירעקט אָדער ניט דירעקט, די זעלבע אָבער לעבען פון זייער ארבייט און ניט פון חלוקה. 16000 פאמיליעס פון פראָסטע ארבייטער, 2000 זיינען דאָ אין ירושלים פאמיליען פון געשעפטסלייטע און זייערע אנגעשטעלטע, און אַן ערך פון 600 אָדער 800 אידישע פאמיליעס לעבען דאָ פון בעטלען, דאָס הייסט, בעטלען, פשוטו כמשמעו.

און איצט ווען איהר זעהט, וויא דיא גאנצע שטאָדט פון ירושלים איז איינגעטונקט און דורך־און־דורך געדרונגען מיט חלוקה, אז עס איז ניטאָ קיין איינציגער מענש, וואָס איז ניט אבהיינגיג דירעקט אָדער אינדירעקט פון דער חלוקה, וועט איהר פארשטעהען, וואָס דאָס בעדייטעט, און איהר וועט פארשטעהן, פאר וואָס דאָס פאָלק פון ירושלים קעמפפט אזוי ביטער און מיט אזא פערצווייפלונג פאר דיעזע חלוקה, און אין דערזעלבער צייט, וועט איהר אויך בעגרייפען דעם שרעק, דעם אומגליק וואָס וואָלט ארויס־

געקומען פאר דער שטאָדט, ווען דיא חלוקה וואָלט דורך וואָס עס איז פאר א וואונדער געסטאפט געוואָרען.

קיין פעדער קען אייך ניט שילדערן דיא אונענדלאָזע פּאָל־גען, פון דיעזער קריינק פון חלוקה, וועלכע איז אין דערזעלבער צייט דיא איינציגע קוועלע פון לעבען און דער פונדאמענט פאר דער גאנצער עקזיסטענץ פון ירושלים. ניטאָ ביי דיא מענשען קיין וויר־דע, ניטאָ קיין זעלבסט־רעספּעקט, ניטאָ קיין קלענסטער וואונש ארויסצורייסען זיך פון דיא נעגעל, פריי צו ווערען פון דער טירא־ניי פון דיא מענשען, וואָס זיינען דיא בעל־הבתים פון דער חלוקה. עס איז אפילו פערלאָרען געגאנגען דיא פעהיגקייט צו פיהלען דיא ערנידריגונג, צו זעהען דיא שאנדע פון דער לאגע. נור איין זאך ווערט געווינשט, צו איין זאך ווערט געשטרעבט, צו פארגרעסערען דיא צאָהל פון חלוקה'ניקעס אין דער אייגענער משפחה, צו פאר־קלענערען דיא צאָהל אין דער פרעמדער משפחה, און גרעסער צו מאכען און זיכער צו מאכען דיא מזומן וואָס קומט אָן אויף דער אייגענער נשמה אָדער אין דיא מיילער פון דיא נאָהענטע קרובים.

עס איז אן אומגליק אין א פאמיליע פון א אייראָפּעאישען קבצן, ווען עס ווערט געבאָרען דער דרייצעהנטער מיילעכעל אין הויז, ניט אזוי אָבער אין א הויז וואו עס ווערט ארויסגעגעבען חלוקה. דאָרט איז א מזל טוב, אן אמת'ער מזל טוב, ווייל מיט דעם צוגעקומענעם מויל קומט צו א נייער חלוקה'ניק. און עס איז גוט. וויא רוזוועלט נעביך האָט געשוויצט ריידענדיג וועגען „רייס סוע־סייד". א נאַר וואָס ער איז, ער וואָלט בעשאפען חלוקה וויא אין ירושלים, און עס וואָלט ניט געווען קיין „רייס סועסייד", אפילו ניט קיין זכר פון דעם.

ניט נור קריגען אין ירושלים חלוקה דיא בייבים אין דיא וויעגען, נור דיא חלוקה ווערט שוין ארויסגעגעבען, ווען דאָס קינד איז נאָך אין בויך פון דער מוטער. מיינט ניט, אז דאָס איז א וויטץ, דאָס איז דיא חלוקה פון ירושלים.

און ווען א יונג קינד, א וואויל־לערנער, ווערט צייט צו חתונה האָבען, הלומ'ט ער שוין ניט מעהר וועגען א מיידעל אין ירושלים וויא זיא איז בעזונגען אין שיר השירים. מען אינטערעסירט זיך אפילו ניט מיט איהר יחוס וויא אמאָהל. פיעל וויכטיגער איז, צו

װעלכען װעד זיא געהערט, דאָס הייסט, װיפיעל חלוקה עס געהט מיט איהר צוזאמען.

איז א װאונדער דאָס ביי אזא אלגעמיינער דעמאָראליזאַציאָן איז פערלאָרען יעדער העכערער אינטערעס, יעדער אינערליכער זינן, יעדע בעסערע שטרעבונג צו דיא בעסערע און העכערע אויפגאבען פון לעבען ?

עס שווידערן אייך, עס דריקען אייך דיא קברים פון ירושלים, וויא זיי ליגען אָפען אויף דיא בערג, אין מיטען שטאָט, אזוי וויא דיא מתים וואָלטען געוועזען א טהייל פון דער לעבעדיגער בעפעלקערונג, אָבער נאָך מעהר שווידערן אייך דיא חלוקה׳ניקעס לעבען דיא קברים, אזוי וויא ביי דיא מתים וואָלטען זיי זיך געלערנט וויא צו לעבען אויף דער וועלט.

ארבייטען איז פאר זיי א שאנדע, ליכט, וויסענשאפט, פאָרטשריט איז פאר זיי אָן אומגליק. איך האָב געטראָפען א קליינעם ירושלים׳ער אינגעלע, שעהן וויא דיא זונן, וואָס האָט געשיינט איבער איהם, קלוג, שארף, פול מיט גייסט און פייער וויא דיא חכמים און נביאים וואָס ליגען בעגראָבען אין ירושלים. אין דייטשלאנד וואָלט ער געוועזען א מענדעלזאָן, אין אמעריקא — א עדיסאָן. איך האָב איהם געבעטען ער זאָל זיך לאָזען פאָטאָגראפירען.

און ער האָט געענטפערט : „מיין זיידע האָט זיך קיין מאָל ניט פאָטאָגראפירט, מיין טאטע אויך ניט. איך האָף, אז איך וועל שטארבען, און מיינע קינדער וועלען שטארבען, און מיינע אייניקלעך וועלען שטארבען, און יעדער פון אונז וועט שטארבען אָהן פאָטאָגראפיעס.“

דאָס איז געוועזען א קליינטשינקער חלוקה־ניק פון ירושלים.

צו מיר איז געקומען א איד אין א שטריימעלע, מיט לאנגע געגרייזעלטע פאות׳ן, מיט גרויסע שווארצע פייערדיגע אויגען, און האָט מיר בעוויזען א שריפט, אין לשון קודש, אָבער אונגעוויינליך שעהן געשריעבען. ער האָט מיר עפּעס אָנגעהויבען צו ערקלעהרען, אז דיא שריפט איז איהם אָנגעקומען אלס ירושה פון זיין טאטען, וועלכער האָט דאָס ווידער געקראָגען פון זיין זיידען, און דיזער האָט עס ווידער געקראָגען פון עלטער־זיידען, וועמען עס איז געגעבען געוואָרען פון א גרויסען צדיק. (איך געדענקט שוין ניט דעם נאמען), און דיזע פאפיער, האָט עפּעס אן אייגענשאפט, — קורץ, א פאפיער מיט א צויבער־קראפט, און אזוי וויא אין שטוב איז ביי איהם ניטאָ

וואָס צו עסען, וועט ער עס מיר פערקויפען פאר 25 פראנק (5 דאָלער).

— הערט צו, ר' איד — האָב איך איהם פאָרגעשלאָגען —

בזעף עריף.

איך זעה פון דיזען פאפיער, אז איהר האָט א שיינעם כתב. איך האָב א געשריבענע זאך וואָס איך וויל האָבען איבערגעשריבען אין א שעהנע האנדשריפט. דריי שטונדען ארבייט און איך וועל אייך פאר דעם געבען 5 פראנק.

דער איד האָט זיך רוהיג אויפגעהויבען ניט בעליידיגט, ניט אויפגערעגט, זיך גאנץ קאלט האָט ער געענטפערט, אז דאָס איז ניט ז י י ן ארבייט, אז מיט דעם בעשעפטיגט ער זיך ניט, און איז אוועק.

דאָס איז געווען א גרויסער חלוקה'ניק פון ירושלים.

אָט פאר וואָס דיא אידען פון פאלעסטינא, דאָס הייסט, דיא

אידען, וואָס לעבען אין ארץ ישראל, אָבער ניט אין ירושלים, וואָלטען וועלען אז א הונגער פון הימעל זאָל דערשלאָגען דיא חלוקה, און אין דערזועלבער צייט בעטען זיי גאָט, אז דער איצטיגער אלגעמיינער קריזיס זאָל פארבייגעהן אָהן שאדען פאר דער חלוקה, ווייל דאס וואָלט געווען נאָך א גרעסערער חורבן ירושלים, ווי דער חורבן פון טיטוס הרשע.

15

דיא שטילע מארטירער אין ארץ ישראל

איך האָב אייך געגעבען פאַקטען פון דעם נייעם חורבן וואָס איז געקומען פון דעם גרויסען פינאַנסיעלען קראַך פון דיא וואָהל־טהעטיגע אנשטאַלטען אין ירושלים, און ציפערן האָב איך אייך גע־געבען וועגען דיא מגפה פון ירושלים, וואָס הייסט דאָרט חלוקה, און וועלכע איז דיא גרעסטע פון דיא דאָרטיגע וואָהלטהאטען.

עס וואָלט אָבער געווען אן אונמענשליכער ליגען ווען איך וואָלט אייך איבערגעלאָזען אין דעם גלויבען, אז אלץ אין ירושלים איז נור שנאָרעריי, נור הימעל, ערד און שווינדעל, וויא עס מוז זיך בעווייזען ווען מען אורטהיילט דיא פּאַסירונגען פון טאָג און דיא געשעהעניסען פון לעבען נאָך דיא אויבערפלעכליכע ערשיינונגען.

אין דעם זעלבען ירושלים, וואו מענשען האָבען קיין אנדער אינטערעס אין לעבען וויא צו קלייבען צדקה, צו שניידען וואו מען האָט ניט געזעעט, צו נעהמען און ניט צו געבען, צו לעבען אָהן אר־בייט, צו פוילען זיך אויף דעם חשבון פון מענשליכער גוטסקייט, און צו קוויקען זיך מיט מענשליכער לייכטגלויביגקייט,—אין דיזען זעלבען ירושלים זיינען דאָ אנדערע זעעלען, עס איז דאָ אנאנדער געוויסען, און דיזע זעעלען און דיזער געוויסען, פון אנדערע אידישע קינדער איז אויך אַ שטיק לעבען פון דער אַלטער שטאָדט, אַ קאַפּי־טעל געשיכטע פון דעם אלטען פאָלק.

איך האָב בעזוכט דיא פערשיעדענע אינסטוטוציאָנען פון ירושלים. דיא שוהלען, דיא האָספּיטעלער, דיא הייזער וואו מען מאַכט לייכטער דעם מענשען׳ס עלענד, דעם מענשענס אונגליקען, וואו מען העלפט דיא הילפלאָזע, מען מאַכט געזונד דיא קראנקע, מען ווישט דיא טרעהרען פון אַלע בעליידיגטע און געשלאָגענע, דיא אנשטאַלטען, וואו מען גיסט אין נייע פורעמס דיא דורות פון דער אידישער צוקונפט, און איך וויים ניט מיט וואָס פאר אַ הארץ איך וואָלט פערלאָזען דיא שטאָדט, וואָס איז דיא וויעגעלע פון אייביגען איד, ווען ניט דיא אמת׳דיגע העלדען און העלדינען, דיא נאמענ־

לאָזע מאַרטירער און מאַרטירערינס, וועלכע ווייט פון דער גאַנצער וועלט זיינען זיך שטיל מקריב פאַר דעם פאָלק, פאַר וועלכען זיי געבען אָב זייערע לעבענס צו רעטען דאָס וואָס קען נור געראַטעוועט ווערען אין דיא אָנגעברענטע שטיינער פון דעם גרויען אַלטערטהום.

וויא מיר וואָלט זיך געוועלט אז איהר, אידען פון אמעריקא, וואָס דרעהען אָהן אויפהער דיא ראָד און דיא רעדלעך פון אמעריקאַנער לעבען, און וואו מענשליכע הערצער, אידישע נשמות ווערען צומאָהלט און וויא שטויב פארנאנדערגעבלאָזען פון אלע ווינטען, — וויא מיר וואָלט זיך געוועלט, אַז איהר, א יעדער פון אייך, זאָל ווען עס איז קענען זיך אָברייסען און א קוק טהאָן אויף דיא יונגע קינדער פון אידישען פאָלק, וואָס האָרעווען און האָרעווען אָהן לאָהן און אנערקענונג פאַר דיא ברידער און שוועסטער זייערע, וועמעס טהייל ארבייט אָבער מוז געטהאָהן ווערען פון אימיצען, כדי דאָס אידישע פאָלק זאָל קענען געראַטעוועט ווערען.

איהר האָט געהערט וועגען יענע גרויסע און עדלע זעעלען פון דיא ערשטע צייטען, פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן, וואָס פלעגען „געהן אין פאָלק ?“

וואָס האָבען געוואָרפען פאַלאַסטען, און געגאַנגען אין מוזשיטצקע כאַטקעס, זיך אָבגעזאָגט פון אַלץ וואָס איז שעהן אין לעבען, צו קוועלען זיך מיט הונגער, און מיט נויטה — איהר האָט געהערט וועגען יענע נעמען, וואָס שטייען אויף דער שפּיטצע פון דעם נייען וועלט־מאַרטיראָלאָג ?

שטעלט זיך פאָר, אַז אין ארץ־ישראל האָט איהר איצט פונקט אַזאַ בעוועגונג, פונקט אזעלכע מענשען. דיעזעלבע יונגע העלדען און העלדינען, וועלכע האָבען זיך אָבגעזאָגט פון אַ לעבען, פון פרייהייט און גענוס, און פרייוויליג זיך איבערגעגעבען אַ לעבען, וואָס איז ניט נור א לעבען פון מאַטעריעלען נויטה און דאגות, נור וואו עס מוז געאָפּפערט ווערען דיא גרעסטע טהייל פון אינטעלעקטועלע און גייסטיגע בעדירפניסע, וואו עס ווערן געשטיקט פיעלע פון דיא בעסערע קולטור אינסטינקטען פון אן אינטעליגענט, וואו מען דאַרף אַמאָהל נידריג האַלטען דעם קאָפּ, ער זאָל ניט צושפּאַלטען ווערען דורך דיא פעלזען, וואָס היינגען איבער איהם.

איהר האָט ניט געהערט וועגען אַ אידישע בעוועגונג „וו נאַראָד!“—אין פאָלק אַריין וויא אַמאָהל אין רוסלאַנד. איך האָב

קרן בן שמן פון יער הערצל.

וועגען דעם אויך ניט געהערט, און דיא מענשען פון פאלעסטינא זעלבסט האָבען דאָס געוויס אויך ניט געהערט. עס איז אָבער דאָ דיעזע בעוועגונג, און זיא איז גרויס, און שטארק, און ערעל איז דיעזער מארש פון דער אידישער יוגענד אין דיא רייהען פון פאָלק צו העלפען איהם אין זיין חושך און נויטה. זי, דיזע יוגענד, געהט אין פאָלק ניט ריידענדיג וועגען דעם און פיעלייכט אויך ניט פיה־לענדיג, אָהן ספעציעלע פראָגראמען, אָהן פראָקלאמאציע, אונבע־וואוסט פיללייכט, זיא גייט אָבער דיא יוגענד אינזערע, און זיא טהוט איהר גרויסע ארבייט פון אויפקלערונג, פון העלפען, פון מיטלייד און אמת'ע מענשליכקייט. זיא טהוט דיע:ע ארבייט וויא איהר היסטאָרישע פליכט, וויא א געבאָט, וואָס איז געגעבען פון הימעל צו איהר, און צו קיין אנדערען ניט, און טהוט עס מיט א ווילען, מיט א פרייד, און קומט זעלבסט אום דאביי, און ברייגנט אום אלץ וואָס איז זיי אם טהייערסטען אין זייער פערזענליכען לעבען.— און אלץ פאר דעם גליק, פאר דער ווידער־געבורט, פאר דער צו־קונפט פון זייער פאָלק.

און וויא מיר וואָלט זיך וועלען איהר זאָלט זיי קענען זעהען, און פארשטיין און בעוואונדערען, וויא איך האָב זיי גע:עהען, וויא איך האָב זיי בעוואונדערט, וויא איך האָב זיי פערשטאנען.

וויא פיעל בעסער, ווייכער, שעהנער עס וואָלט געוואָרען אייער אייגענער לעבען, און וויא פיעל ווארימקייט און טרייסט עס וואָלט געשאפען דיעזער ארמעע פון דיא אידישע פאָלקס־מענשען פון ארץ־ישראל, דיעזע קליינע אנערקענונג פון זייערע ברידער און שוועסטער פון דיא ווייטע גלות־לענדער !

אָט גייט איהר אין דול־הויז. א קליינע געביידע, אן ארימע, אָהן יעדער בעקוועמליכקייט, אָהן יעדע נויטהווענדיגקייט פאר א דול־הויז. א מענש פון אַ דול־הויז האָט געמוזט זיין דער ארכיטעק־טאָר, און די וואהנזיניגע געפאנגענע מוזען אין אמת'ן זיין וואהנזי־ניג צו בלייבען געפאַנגען אין דיזער געביידע, פן וועלכע זיי וואָלטען געקענט אנטלויפען יעדע מינוט, ווען זיי וואָלטען דאָס געוואָלט.

און אויף דער שפיטצע פון דיעזען אנשטאלט שטייט אַ פרוי אַ דאָקטאָר מיט אַ האלבע טוט'ז דיפלאָמען פון פארשיעדענע גרויסע אייראָפעאישע לעהר־אנשטאלטען, אויסער דעם ספעציעלען קורס אין פסיכיאטריע.

זיא איז איינע אליין. אָהן אסיסטענטען, אָהן הילפע, מיט עטליכע אראבערער און אראבערינען, וועלכע זיינען גלייכצייטיג אי דיא וועכטער, אי דיא בעדינער, אויף איהר ליגט דיא גאנצע לאסט פון דער אנשטאלט. זיא איז דער דאָקטאָר, זיא איז דער פּראָפּעסאָר, זיא איז דיא „אינטערן“, זיא איז דער קאנסולטאנט.

טאָג און נאכט מוז זיא זיין מיט דיא אומגליקליכע, מוז זיי אונטערהאלטען, בעשעפטיגען, קורירען, און גלייכצייטיג זאָרגען פאר אלץ, וואָס דארף געזאָרגט ווערען פון א מענעדזשער און דער אדמיניסטראציאָן פון אזא אנשטאלט.

ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל האָבען דיא וואהנזיניגע איהר געכאפּט און גוט געשלאָגען, און ניט איין מאָהל און ניט צוויי מאָהל איז איהר לעבען געווען אין געפאהר, און נור א וואונדער האָט זיא גערעטעט.

דאָס אלץ מאכט ניט אויס, דאָס וואָלט זיא אפילו ניט בעמערקט. אָבער ניט איין מאָהל און ניט צוויי מאָהל איז דאָס געקומען צו דעם, אז עס איז ניט געווען מיט וואָס צו באצאָהלען דיא אָנגעשטעלטע, און מיט וואָס צו קויפען עסען פאר דיא פּאציענטען.

און מען רעדט ניט וועגען דעם אייביגען שרעק, אז דיא קראנקע קענען זיך יעדען אויגענבליק צולויפען און פארפלייצען דיא שטאָדט.

ווילט איהר וויסען, וואָס דיעזער דאָקטאָר פון א האלבע טוטץ דיפּלאָמען און פאר איהר קאטאָרזשנע ארבייט, און שמעריז, און צרות, און שרעק קריגט אלס לאָהן ?

100 פראנק א מאָנאט, וויינינגער, וויא 5 דאָלאר א וואָך !

און ווען איך האָב זיא געפרעגט, וויא אזוי זיא קען דאָס אלץ אויסהאלטען, און וויא זיא קען דאָס אלץ פארטראָגען, האָט זיא מיט א גליקליכען שמייכעל געענטפערט, אז זיא איז ניט געקומען קיין פּאלעסטינא זוכען איהר אייגענעם פערזענליכען גליק, נור צו העלפען אנדערע, וואָס זיינען נאָך אומגליקליכער פאר איהר, און זיא וואָלט אין גאנצען צופריעדען געווען, ווען דיא אנשטאלט וואָלט געהאט א וואנע פאר דיא פּאציענטען.

און דאָס ווערט ניט געזאָגט מיט באָמבאסטישער העלדישקייט און ניט מיט ביהנען־באשיידענהייט. עס ווערט אויסגעשפּראָכען שטיל, האלב מיט האָפנונג, האלב מיט צווייפעל. און איהר פיהלט, אז אלץ איז דאָ אינערליך, עהרליך און אויפריכטיג.

איך האָב געכאַפּט דיעזעןביישפּיעל, ווייל א ביישפּיעל מוז געגעבען ווערען. זיי, דיזע טיפען פון אויפאָפּפערונג, פון שטילער בעשיידענער מאַרטירערייע האָב איך געפונען אין ארץ־ישראל אָהן א ברעג און אָהן א סוף. אויף יעדען געביט האָב איך זיי געזעהען דיע־

דיא בלינדע לעהרערקע און דיא בלינדע קינדער פון דער שוהלע פאר בלינדע אין ירושלים.

זע שטילע מאַרטירער פון נייעם ציון. אויף יעדען געביט, אין יע־דער פאזע פון לעבען, אין דיא האָספּיטעלער האָב איך זיי געפונען, און אין דיא שוהלען, אין קליינע אָרימע ווערקשטעטע און אויף דיא פעלדער און אין דיא גאַרטענס פון דיא קאָלאָניען, און ווען איך האָב זיי דערזעהען, און דערפיהלט דעם גייסט, און פאַרשטאַנען דיא נשמה, פון דיעזע נייע מענשען פון אונזער פאָלק, דאן האָב איך פערשטאַנען, וויא רייך דאָס יודענטהום איז אין זיין אָרימקייט, און וויא שטאַרק ער איז אין זיין שוואַכקייט.

און ווען אין מיינע וויימערע בריעף פון ארץ־ישראל, וועט איהר נעהנטער בעקאנט ווערען מיט דיא נייע טיפּען פון אונזערע אידישע „נאראדניקעס", וועט איהר דאָס אויך דערזעהען, און דער־פיהלען פונקט וויא איך.

16.

דער בארג פון פ״יהלינג

איך וויל ענדיגען אלע מיינע פּאלעסטינא בריעף נאָך איידער עס געהט אַוועק פון מיר דער בלויער הימעל פון ארץ ישראל, איידער עס ווערט קאַלט און טונקעל דיא בלענדענדע זונן פון דעם אָריענט.

און איך האָב נאָך אזוי פיעל צו שרייבען, אזוי פיעל. אָבער איך וועל ניט פערלאָזען פּאלעסטינא איידער איך וועל זאָגען אם ווייניגסטען א טהייל פון דעם, וואָס איך פיהל וועגען יענע מענשען, וואָס האָבען זיך אמפּוטירט פון לעבען פאַר דעם אידעאַל פון אן אונאבהייגגיגען אידישען פאָלק.

איך וויל, נעמליך, נאָך זאָגען א וואָרט, א גוטען און א וואַרימען וועגען דיא סאָלדאַטען־גענעראַלען פון דער קליינער ארמיי פּאַלעסטינאַ׳ר פּיאָנירען, וועלכע האַקען דעם וועג פון האָפנונג דורך דיא שטיינער, מיט וועלכע דיא געשיכטע האָט פערשאָטען דאָס אמאָהליגע לאַנד פון מילך און האָניג. איך וויל נאָך זאָגען, וואָס איך האָב געפיהלט דיא גאַנצע צייט קוקענדיג אויף דיזע איינפאַכע אונבעוואוסטע העלדען־מאַרטירער, וויא זיי אָפּפערן זיך טאָג פאַר טאָג, און שטונדע נאָך שטונדע, ווער מיט׳ן פען, און ווער מיט׳ן האַק, ווער אלס לעהרער, יעענדיג דיא זריעה דער צוקונפט אין דעם וואַקסענדען דור, ווער אַלס ארצט, אלס קאָלאָניסט, אָדער זאָגאַר קליינער געשעפטסמאַן און אָנגעשטעלטער, אויפצוהויבען פּאלעסטינאַ צו דעם שטאַפּעל פון א ציוויליזירטעם לאַנד.

איך געה ניט אַוועק, איך וועל זיך צוריקקעהרען צו דיא יונגע און אַלטע קינדער פון אונזער פאָלק, וואָס האָבען זיך אָבגעזאָגט פון אייגענע לעבענס, כדי אַנדערע זאָלען קענען בעסער לעבען, און איך וועל אייך היינט איבערגעבען א געשיכטע, וועלכע איהר האָט קיינמאָל פריהער ניט געהערט, און וועלכע איז איינע פון דיא וואונדערבאַרסטע געשיכטען ניט נור פון פּאלעסטינאַ, נור פון

דעם גאַנצען אידישען פאָלק, סאַי דיא וואָס וואָהנען אין פּאַלעס־טינא, סאַי דיא וואָס וואָהנען אין אַנדערע לענדער.

איהר געדיינקט, וויא אין מיין ערשטען בריעף פון פּאַלעסטינא האָב איך אייך דערצעהלט וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף מיר געמאַכט יפו, נעמליך, וויא שווער עס איז מיר געוואָרען אויפ'ן האַרצען, ווען איך בין אַרונטער פון שיף און האָב דערזעהן, אז דער גרעסטער פּאָרט פון פּאַלעסטינא — דער פּאָרט, וואָס דאַרף עמפּפאַנגען פאַר רוהע און זיכערהייט דעם אַלטען, צולעבערטען שיף פון דעם אייביגען איד, אז דיעזער פּאָרט איז א שוידערליכע, א העסליכע שטיק בלאָטע, א פערפּעסטעטער נעסט פון חיות, ניט פון מענשען.

איהר געדיינקט דאָס געוויס, דיעזען ערשטען איינדרוק און דאַן דעם צווייטען איינדרוק מיינעם, וואָס האָט אָבגעווישט דעם ערשטען. איידער איך געה איבער צו דיא שטילע העלדען פון ארץ ישראל מוז איך אייך דערצעהלען וואָס דאָס איז געווען פאַר א זאַך אין יפו וואָס האָט אזוי איבערגעקעהרט אַלע מיינע ערשטע גע־פיהלע.

מיט א יאָהר צוריק, — געדיינקט, לעזער, מ י ט א י י ן י א ה ר צ ו ר י ק , איז אויף דעם פּלאַץ, וועגען וועלכען איך שרייב איצט, גאָר ניט געווען: ניט קיין בוימער, ניט קיין גראָז, ניט קיין וואַסער, ניט קיין שאָטען, נור ווייסע, געלער, טרוקענער, אָנגעברענטער ים־זאַמד אין קופּעס און בערג , און וואו א קאַמעל פון דער וויסטענים האָט ניט אימער געקענט דורכגעהן מיט זיכער־הייט.

און קיינער האָט דאָרט ניט געוואָהנט אין יענער וויסטענים, וואָס איז פּאַזע יפו, ניט קיין מענש און ניט קיין פויגעל, נור שאַ־קאַלען ביינאַכט, פלעגען דאָרט ארומבלאָנדזשען קוקענדיג פון דער הויך אויף דעם ווייטען בלויען ים און וויינענדיג וויא קינדער פון הונגער.

אָט דאָס איז געווען דער פּלאַץ, וועגען וועלכען איך רייד, מיט א יאָהר צוריק.

און היינט?

א קליינע שטעטיל. יעדע הויז, געבויט פון שטיין און צעמענט, און אַלץ וואָס דיא מאָדערנע אַרכיטעקטור ערלויבט צו מאַכען אין

דעם פלאץ, מיט דיא מיטעל, און אונטער דיא אומשטענדען פון פאלעסטינא, געפינט איהר דארט אין דער פאראיאהריגער וויסטעניס: שעהנע, ריינע גאסען, א פראכטפאלער ברייטער בולוואר מיט עספלאנאדען און פערפלאנצטע בוימער. אלץ איז געפלאסטערט אדער „מעקאדאמייזט,“ דיא טראטוארען, וויא אין איירא פא, מיט גלייכע ברעג־שטיינער און פערפלאנצטע בוימער, יעדע הויז, מיט א שעהנע רוימיגע ווערא נדא, דיא צימערן הויך און לופטיג, דיא אומגעגענד אנציהענד און געזונד, אלעס קאנאליזירט (סיוער־ס), אזוי וויא זעהר וויניג אנדערע פלעצער אין אריענט, און, שטעלט זיך פאר א פאלקאמענע, מאדערנע וואסערלייטונג, פאר קיך און באדע־צימער.

און דיעזע וואונדערבארע שטעטיל, אדער פארשטאדט, אדער קאלאניע, וויא איהר ווילט דאס רופען, אים לויף פון א יאהר; וויא דורך א צויבער, ארויסגערופען צום לעבען אין א מדבר, שטעלט זיך פאר, איז אויסגעבויעט געווארען פון אידען, א־עלכע אידען, וועלכע האבען קיין מאהל אין זייער לעבען ניט געזעהן אזעלכע שטעטליך אדער קאלאניעס, אידען, וועלכע האבען קיין מאהל אין זייער לעבען ניט געוואוסט וויא מען הייבט אן, און וויא מען זעצט פאר אזעלכע עקספערימענטען, אידען, וועלכע האבען פון זייער אייגענעם קאפ און אהן פרעמדע עצות געמוזט אויסגעפינען פאר זיך זעלבסט, וויא אויסצולייגען א גאס, וויא איבערצולעזען א פלאן, וויא אוועקצולייגען דעם ערשטען ווינקעל־שטיין פון א פלאנקען אין א לאנד, וואו אייזען איז זילבער און האלץ איז גאלד, און זיי, דיעזע אידען, האבען עס וואויל געטהאן, גלענצענד דורכגעפיהרט, און דער קליינער גן עדן התחתון, וואס זיי, ניט ווארטענדיג אויף דיא צוקונפט, האבען בעשאפען פאר זיך אין דער געגענווארט, און וועלכער הייסט ביי זיי, תל אביב, — דער בארג פון פריהלינג, — איז א זינגענדער מאנומענט, ניט נור פאר דיא שעפפער פון דיעזען „תל אביב,“ נור אויך פאר דעם פאלק, פון וועלכען דיא בוימייסטער פון דעם תל אביב שטאמען.

איך וויים, אז עס איז ניט קיין נייעס, און ניט קיין גוזמא, אויסצובויען א שטאדט, און ניט נור א שטעדטעל אים לויף פון א יאהר. און פאר אייך, וואס וואהנען אין אמעריקא, קען דאס זיכער גיט זיין קיין וואונדער און ניט קיין נייעס.

אָבער איהר מוזט א טראַכט געבען אונטער וועלכע אומשטענ־דען עס ווערט געבויט א שטאָדט אין אמעריקאַ, און אונטער וועלכע אומשטענדען עס קען געבויט ווערען א שטאָדט אין פּאַלעסטינאַ.

דאָ קענט איהר ניט, וויא ביי אייך, זיצען אין אָפיס, און מיט דער הילפע פון טעלעפאָן און טעלעגראַף בעשטעלען אויף אלע פיער עקען פון דער וועלט, וואָס איהר ווינשט, און קריגען דאָס דורך אייזען־באהן, דורך שיפען, עקספּרעס קאָמפּאַניעס און פאַרשיעדינע אנדערע פּריוואַט־מיטלען. א נאָגעל אין פּאַלעסטינאַ קען אמאָל אָבשטעלען דיא גרעסטע ארבייט, און רואינירען דיא וויכטיגסטע אונטערנעהמונג. אין „בצלאל“, צ. ב., סטאַפּט איצט שוין דריי מאָנאַט דיא אבטהיילונג, וואו מען מאַכט געפלאָכטענע מעבעל, וויל מען קען ניט קריגען דעם שטרוי, וואָס איז נייטהיג פאַר דער ארבייט. איינער האָט געוואָלט איינפיהרען א געוויסע מאַשין אין א פאַבריק, און עס האָט געפּלאַצט דיא גלעזעל, וואָס בעווייזט דעם דרוק פון דאַמפּף, מען האָט געמוזט אוועקשיקען א מענשען קיין אלעקסאַנדריאַ, און איך וויים ניט, צי ער האָט דאָס דאָרט געפונען, צי ניט. דריי פאַרשיעדענע פּערזאָנען האָבען אריינגעבראַכט קיין ירושלים דריי אויטאָמאָביּלען. זיי ליעגען דאָרט איצט אלע אָהן נוטץ, וויל דיא ערשטע רעפּאַראַטור, וואָס מען האָט געדאַרפט מאַ־כען, האָט זיי אלעמען געמאַכט אונברויכבאַר.

אָט אונטער דיעזע אומשטענדען, און אין דיעזע פערהעלטניסע האָט מען געמוזט אָנהויבען צו בויען א גאַנצע שטעטיל און מען האָט זיא אים לויף פון איין יאָהר אויסגעבויעט אזוי, דאָס קיין אמעריקאַנער שטאָדט, געבויט מיט דיזעלבע געלד־מיטעל, האָט זיך ניט מיט וואָס איבערצונעהמען.

און וואָס איהר זאָלט פאַר זיך זעלבסט ניט גלויבען וועגען פּאַלעסטינאַ, איהר מוזט זיך פיהלען שטאָלץ, איהר פיהלט זיך גרויס, וואָס דיא אידען, וועלכע מען האָט בעטראַכטעט פעהיג אויף אלץ אויסער פּאָזיטיווע ארבייט פון בוי און שעפּפונג, — אז דיעזע אידען האָבען בעשאַפען דיעזען תל אביב.

אָבער ניט דיא שעהנע, רייכע, מאָדערנע גאַסען, און ניט דיא ציכטיגע, דיא אנציהענדע און בעקוועמע און חן'עווריגע הייזער זיינען דאָס, וואָס מאַכט תל אביב אזוי גרויס און נאָבעל אין לעבען

פון פּאַלעסטינאַ, מאַכט עס אַזוי מאַגנעטיש פאַר דעם פרעמדען רייזענדען, פאַר דעם צופעליגען צושויער.

עס איז דער גייסט פון תל אביב, די נשמה פון דיעזער וואונ־דערבאַרער שטעטיל.

און פון דיעזען גייסט, און פון דיעזער נשמה, און פון דעם שעפּפענדען זשעניע, וואָס די אידען פון תל אביב האָבען בעוויזען אין זייער קליינינקער מייסטערווערק, וועל איך שרייבען אין מיין נעקסטען בריעף.

17.

דער „בארג פון פריהלינג" און דיא מענשען, וואס בעוואהנען איהם

איך וועל ניט אריינגעהן אין דיא אַלע איינצעלהייטען וויא עס איז אים לויף פון א יאָהר אויסגעבויט געוואָרען דיא שעהנסטע און דיא אינטערעסאַנטעסטע פון אַלע פאַלעסטינער „סעטלעמענטס" — דיא תל אביב, עס וואָלט אונז אוועקגעטראָגען צו ווייט פון אונזער צוועק, און עס זיינען אויך ניט נויטהיג דיעזע אַלע דע־טאַלען.

דאָ וועט גענוג זיין צו זאָגען, אז זייט דיא גרויסע עמיגראַציאָן נאָך דיא פּאָגראָמען — דיא גרעסטע טהייל פון וועלכע איז אוועק קיין אַמעריקאַ, און דיא קלענערע טהייל קיין פּאַלעסטינאַ, — זייט עס האָט זיך אָנגעהויבען דיעזע עמיגראַציאָן, האָט מען אויך אָנגע־הויבען צו דיינקען וועגען אייגענע אידישע שטעדט און קאָלאָניען.

וועגען דיא קאָלאָניען, וואו אידען האָבען זיך בעזעצט צו בע־ארבייטען דאָס לאַנד, וועט מיר נאָך אויסקומען צו ריידען בעזונ־דער, און פיעל צו ריידען. דערווייל בין איך נאָך ניט פערטיג מיט דיא אידען פון דיא שטעדט פון פּאַלעסטינאַ. אַלזאָ, זייט דעם, וויא אידען האָבען אָנגעהויבען צו עמיגרירען אין פּאַלעסטינאַ, און בעזאָנדערס זייט אידען האָבען אויסגעקליבען יפו אלס פּאָרט פּאַר זייער ערשטע הויפּט סטאַציאָן, האָט מען אויך גענומען דיינקען וועגען דעם צו בויען ניט ווייט פון יפו א ישוב, וואו מען זאָל קענען וואָהנען מעהר מענשליך און נעהענטער צו ציוויליזאַציאָן, וויא אין דעם אַלטען פּאָרט.

אזוי איז מען געקומען צום געדאַנק פון תל אביב. מען האָט זיך צוזאַמענגעלייגט מיט דיא עטליכע גראָשענס, ווער עס האָט זיי געהאַט, און מען האָט זיך געווענדעט צום נאַציאָנאַל פּאָנד ער זאָל זיי העלפען מיט קרעדיט. נאָך פיעלע אונטעררעדונגען און אונטער־האַנדלונגען, איז בעשלאָסען געוואָרען, אז יעדער וואָס וועט זעלבסט אריינלייגען זיינע אייגענע 1750 פראַנק, וואָס מאַכט אן ערך פון 350 דאָלער, אָדער 700 רובעל, וועט קריגען פון פּאָנד נאָך 4200

פראנק, דאָס הייסט, 900 דאָלאר, אָדער 1800 רובעל, ער זאָל קויפען דאָס נויטהיגע לאַנד און אָנהויבען צו בויען. דיא באַנק פון פאַלעסטינא האָט געדאַרפט גאַראַנטירען דעם פאָנד דיזיע כומע, און דיא באַנק האָט דאָס געטהאָן, אזוי וויא זיא האָט פאַר דעם געקראָגען א מאָרטגעדזש, אָדער א היפּאָטעקע. דער געליהענער קאפּיטאל צוזאַמען מיט דיא געוויינליכע באַנק פּראָצענטען מוז אויסגעצאָהלט ווערען אין 18 יאָהר. אזוי איז דאָס געשעהן, דאָס מיט דעם קליינציקען קאַפּיטאל פון 350 דאָלאר האָט יעדער מיטגליעדער פון דיזען ישוב ·עקראָגען א פּראַכטפאָלע היים, פאַר א יעהרליכע אָבצאָהלונג פון 50 דאָלאר, אָדער איין דאָלאר א וואָך.

פאר דיזע כומע פון אונגעפעהר 1200 דאָלאר פאַר יעדען בעל הבית, זיינען ניט נור אויפגעבויעט געוואָרען דיא הייזער פון תל אביב, נור אויך אַלץ וואָס איז נויטיג צו מאַכען א שטאָדט פאַר א שטאָדט. דיא גרויסע הויכע בערג ים־זאַמד זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין שעהנע בעקוועמע מעקאַדאַמייזד גאַסען מיט טראָטוארען און בולווארען און פערפלאַנצט מיט ביימער, און קאַנאַליזאַציאָן, אויך וואסער־לייטונג, און מען מאַכט איצט אויך דיא נויטיגע פּאָרבערייטונגען איינצופיהרען גאַז. דיא שטאָדט זעלבסט האָט איהר קליינע אידישע פערוואַלטונג, אָדער „ועד,“ וויא זיי רופען איהם, מיט דעם אָנגעזעהענסטען בירגער אַלס ראש הועד, וועלכען מען רופט אין שפּאַס „דער לאָרד מעיאָר פון תל אביב.“ דיזער ועד, וועלכען איהר וואָלט גערופען דער באָארד אָוו אָלדערמען, מיטעט שיער ניט יעדען אבענד, דאָס וועגען איין ענין, דאָס וועגען א צווייטען, און דיא בעשליסע און דיא רעזאָלוציאָנען פון דעם ועד, האָבען אַזא קראַפט וויא איינער געזעצען אין ניו יאָרק, און נאָך מעהר, ווייל פּאָליציי־„גרעפט“, אָדער כאַבאַר, ביז איצט, אַם ווייניגסטען, איז נאָך אין תל אביב ניטאָ. און מיינט ניט, אַז עס איז ניטאָ קיין פּאָליציי אין תל אביב, זיא איז דאָרט דאָ, און זעהר א שטרענגע. זיא בעשטעהט פון דריי נאַכט־וועכטער, וואָס געהען ארום דיא גאַנצע נאַכט און היט דיא גנבים — איך מיין דיא עהרליכע מענשען פון גנבים, פון דיא מאַכען אַראַבער, וואָס קוקען אריין ביינאַכט אין תל אביב אָהן ביזנעס.

שפּעט ביינאַכט, א זייגער צוויי, ווען אַלע שלאָפען, זעהט איהר אַמאָהל אין תל אביב א פּאָרל אונטער דיא אָרימס, שפּאַצי־

רענדיג איבער דיא גאַסען. איהר ווייסט, אז דיא יונגוואַרג פון תל אביב, שפּאַצירט ניט אזוי שפּעט איבער דיא גאַסען. זיי האָבען נאָך דאָרט ניט דעם אַלטען „קאָיפו" פון דיא אַמאָליגע פּוריטאַנער אין אַמעריקאַ, דאָך שפּאַצירען זיי ניט, זיי זיינען צו יונג פאַר דעם, זאָגט מען אייך, ווען איהר פרעגט. איהר געהט צו נעהענטער צום פּאָרעל, איהר קוקט זיך איין, און איהר זייט ערשטוינט, עלטערע מענשען. זיינען דאָס פאַרליעבטע?

אָה, ניין, דאָס איז א בעל הבית פון תל אביב, וועמעס רייהע עס איז צו וואַטשען ביינאַכט, צו וואַכען, דיא וועכטער זאָלען ניט אנשלאָפען ווערען. איין מאָהל אין דריי מאָנאַט מוז יעדער איינוואָהנער פון תל אביב נעהמען א שטעקען אָדער א שירם און ארוים-געהן דיענען, אלס נאַכט פּאָליסמאַן. און-אָט זעהט איהר דעם אידישען פּאָליסמען ביי דער ארבייט. איהם איז אומעטיג אליין אין דיא שטילע גאַסען, און זיין ווייב איז אומעטיג אליין אין הויז, זאָ געהט דער מאַן און דיא ווייב אונטער אָרעמס ביינאַכט היטענדיג שלעכטע מענשען זאָלען קיין שלעכטעס ניט טהאָן דיא גוטע מענשען, וואָס שלאָפען.

און עס מאַכט זיי שפּאַס דיעזע פרייוויליגע פּאָליציי דיענסט, און איך האָב ניט געהערט, אז אימיצער זאָל זיך וועלען ארויסדרעהען פון איהר, אָדער אויסקויפען זיך.

דער ועד בעשטעהט פון 7 מענשען און זייער קראַפט איז גרויס. זיי לייגען ארויף טעקסעס, זיי בעשטימען וואָס עס מוז געטהאָן ווערען פאַר דער שטאָדט. זיי קענען קויפען און פערקויפען לאַנד, קורץ, זיי זיינען דיא רעגיערונג פון דעם ישוב אין פולען זינען, און זיי פאַרטרעטען אויך דעם ישוב פאַר דער טערקישער רעגיערונג. קען מען אפּעלירען געגען זייער בעשלוס? געוויס, דורך א „רעפערענדום," דאָס הייסט, נאָך אַן אַלגעמיינע אבשטימונג פון פאָלק. ביז איצט אָבער איז קיינעם ניט אויסגעקומען צו אפּעלירען געגען וואָס איז פון ועד, און אלץ געהט דערווייל כשורה. און מיט שטאָלץ דערצעהלען אויך דיא תל אביב'ניקעס, אז דער ועד האָט 4500 פראַנק אוועקגעלייגט אויסצובויען א סינאַגאָגע פאַר דיא מענשען, וואָס ווילען געהן אין שוהל און אז נאָך 4500 פראַנק האָט מען אָבגעגעבען צו מאַכען פון תל אביב דיא „סיטי ביוטיפול", דיא שעהן-שטאָדט פון פּאַלעסטינאַ.

אָבער דאָס אלץ איז דיא פאָרמעלע, זאָ צו זאָגען, דיא אָפּי־ציעלע זייט פון תל אביב, וואָס אייך ווארפט זיך אין דיא אויגען, אָדער ריכטיגער אין דיא אויערן, פון דעם ערשטען אויגענבליק, ווען איהר קומט צו צו דעם ישוב, איז, ערשטענס, וואָס קיינער רעדט דאָרטען ניט קיין וואָרט אידיש, אָדער „זשארגאָן,“ וויא זיי רופען דאָס, און דאן, וואָס וויא עס קומט דער אבענד אין תל אביב, פערוואנדעלט ער זיך אין איין גרויסען פערנאנדערגעוואָרפענעם מוזיק־גארטען: פון אלע פענסטער און גאנעקעס, פון אלע עקען און ווינקלעך גיסען זיך ליעדער, מענערשע שטימען, פרויען שטימען, גיסען זיך טענער פון פּיאנאָ, פידעל, ציטער, און וואָס איהר ווילט, אמאָל איינציגע, אמאָל אין דואס און טריאָס, און ניט זעלטען גאנצע כאָרען; און זיי הערען ניט אויף, דיעזע ליעדער און טענער ביז עלף ביינאכט; ווען פלוצים, אזוי וויא אונטער דעם „באטאָן“ פון אַן אונזיכטבארען קאפּעל־מייסטער (דאָס איז דיא גזירה פון ועד) האקט זיך אלץ איבער, רייסט זיך אָב, און עס ווערט ווידער שטיל.

אך דיעזע ליעדער, דיעזע אונאויפהערליכע מוזיק פון תל אביב!

אָט פונקט וויא דער בלויער הימעל פון ירושלים, וויא דיא בלענדענדע זונן פון פאלעסטינא, איז דיא נשמה פון ירושלים, דיא הארץ פון ארץ ישראל, פונקט אזוי איז דער געזאנג פון תל אביב דיא הארץ פון תל אביב, און דער אייביגער פרעהליכער געלעכטער פון דיא מענשען אויף יענעם קליינעם ישוב לעבען יפו איז דיא הארץ פון דיעזען ישוב.

ביי טשערנישעווסקי איז זיין ראָמאן „טשטאָ דיעלאט?“ ווערט גע׳חלום׳ט וועגען א פאנטאסטישער קאָלאָניע פון מענשען, וואָס ארבייטען און טאנצען, און האָרעווען און זינגען, און שאפען און לעבען, און זיינען געזונד און גליקליך. אזוי שטעלט זיך פאָר אין חלום דיא העלדען פון ראָמען, דיא מענשהייט פון דער צוקונפט.

עס איז ווייט, גאנץ ווייט נאָך א תל אביב פון דיעזען חלום. ניט דיא ארבייט איז דיא ארבייט, וועגען וועלכע עס האָט גע־חלום׳ט וויערא פּאוולאָוונא און אויך דיא פריידען פון לעבען, און

דאָס גליק פון דער פריידע איז ניט דאָס וועגען וואָס עס האָט פאַנ־
טאַזירט דער פּערפּאָסער פון „טשטאָ דיעלאַט?“

אָבער ווען איך האָב פון אַנדער זייט, ווען עס איז געזעהען
א גרופּע מענשען, וואָס גיבען אַ קליינע אָנצוהערעניש אויף יענע
אוטאָפּיע, וועלכע דער געניאַלער רוסישער דיינקער האָט אויסגע־
ליהען פון דעם נאָך מעהר געניאַלען פראַנצויזישען אויטאָפּיסט,
ווען אין דעם לעבען פון ווירקליכקייט האָב איך ווען עס איז געזעהן
א געמיינדע, וועלכע גיט איבער אין נעבעלהאַפטע שאַטענס דיא
אונזיכטבאַרע ליניעס פון אַן אויטאָפּיסטישען אידעאַל, דאַן איז
תל אביב דער נעהנטסטער אויסדרוק פון דיעזען בעגריעף. אָם
וויינינגסטען פון דיא נייערע צייטען און נייערע מענשען.

עס איז ניט קיין קאָמונע וויא דיא ערשטע עקספּערימענטען
פון דיא ערשטע אוטאָפּיסטען, און עס איז אויך ניט קיין קאָאָפּע־
ראַציאָן וויא דיא לעצטע עקספּערימענטען פון דיא פראַקטישע רע־
פאָרמער. עס איז איינפאַך א פערזוך אין אַ לאַנד פון ווילדערניס,
אין א מדבר פון טויט צו שאַפען לעבען, צו שאַפען פערנינפטיגע,
עהרליכע און פּאָרטגעשריטענע מענשליכע פערהעלטניסע, און דער
פערזוך איז געלונגען. געלונגען מאַטעריעל, געלונגען מאָראַליש און
געלונגען גייסטיג. מעהר קען מען ניט ווינשען, און מעהר טאָר מען
ניט האָפען.

איך וויל אויף קיין אויגענבליק ניט ארויסרופען ביי וועמען
עס איז א גלויבען, אז דאָרט, אין יענעם קליינעם ישוב לעבען יפו
האָבען דיא אידען געפונען דעם טויער אין גן עדן, און זיינען אריין
אין דיזען טויער און זיינען גליקליך. איך זעלבסט קען זיך ניט פאָר־
שטעלען, וויא מענשען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אין א וועלט פון
קולטור, אין א לאַנד פון ציוויליזאַציאָן, קענען אויף פיעלע, פיעלע
דורות זיך אָבזאָגען פון פיעלע, פיעלע זאַכען, מיט וואָס עס איז
פערבונדען ביי מענשען דיא קולטור און ציוויליזאַציאָן. איך ווייס,
אז איך פערזעהליך וואָלט וואהרשיינליך ניט געקענט זיך פיהלען
גליקליך אין אַזאַ פּלאַץ, און אז פיעלע פון אייך, לעזער, וואָלטען
זיך וואהרשיינליך אויך ניט געקענט פיהלען גליקליך אין דיעזען
פּלאַץ. און איך ווייס אויך, אז מאַנכע — ניט פיעל, עס זיינען
אָבער דאָ אזעלכע, וואָס זיינען געקומען לעבען אין פּאַלעסטינא
און האָבען זיך בעזעצט אין תל אביב, האָבען ניט געקענט אויס־

דיא קליינינקע נייטערקעס פון ירושלים.

האלטען דיא לאנגוויילינע רוהיגקייט, דיא שטילע פריעדליכקייט, דיא מאָנאָטאָנע גליקזעליגקייט פון דער קליינער אידישער בעפעל־קערונג פון דיעזען פלאַץ, און זיינען אוועק צוריק קיין רוסלאנד, וואו דער לעבען איז וויינינער רוהיג, מעהר אויפרעגענד.

ווען איהר וועט אָבער פרעגען ווער פון אונז איז בעסער־אָב, ווער פון אונז איז גליקליכער, צי מיר, וואָס קענען ניט אויסקומען אָהן דעם הו־הא, אָהן דעם רעש, אָהן דער הווּשעריי, אָהן דיא נער־ווען־צוקענדע אינצידענטען פון אונזער אלטעגליכער עקזיסטענץ, אָדער זיי, דיא מענשען פון תל אביב, וואָס האָבען ניט קיין אָפּערא, און לעזען אַ צייטונג דריי וואָכען שפּעטער נאָך אייך; און לע־בען ניט מיט דעם גרויסען לעבען פון דער וועלט, אינטערעסירען זיך ניט מיט דער וועלט פּאָליטיקע און קענען אויך ניט דעם „וועלט־שמערץ“ — זאָנדערן, לעבען רוהיג, געזונד און נאָרמאַל, מיט דיא קליינינקע פריידען, וואָס דיא קליינינקע ערפאָלגען ברענ־גען זיי, און מיט דעם גרויסען גליק, וואָס שיינט פאַר זיי, וויא אַ זונן אינעווייניג, פון דעם בעוואוסטזיין, אז זיי פּפלאסטערען אַ וועג פאַר אַ גרויסער אידישער צוקונפט, — ווען איהר וועט פרעגען ווער פון אונז איז מעהר גערעכט, און מעהר גליקליך אין אונזערע געפיהלען און שטרעבונגען, וועל איך אייך אָפען זאָגען, אז איך וויים ניט.

און איך וויים טאקע ניט, ווער פון אונז.

איין זאַך וויים איך, אז אויף איין בלאָק פון דער אידישער גאַס אין ניו יאָרק זעה איך אין אַ מינוט מעהר טרעהרען, מעהר צרות, מעהר נויטה, שאנדע און ערנידערונג, וויא איהר וועט אין אַ יאָהר געפינען אין דעם גאנצען תל אביב, און אין איין אבענד אין תל אביב וועל איך הערען מעהר פרעהליכען געלעכטער, מעהר ליעבע, זעהען מעהר גליקליכע פנים'ער, וויא אין אַ יאָהר אויף אַ אידישער גאַס אין ניו יאָרק.

18.

דער נייער דור פון ארץ ישראל

ניט דורך אַ צופאַל, און ניט דורך אַ פערזעהען, האָב איך, שרייבענדיג אייך וועגען דעם וואונדערבאַרען נייעם ישוב פון פּאַלעסטינאַ, תל אביב, קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען דיא גרעסטע ציערונג פון דעם תל אביב אין דעם נייעסטען שטאָדט פון פּאַלעס־טינאַ, וועגען דיא גימנאַזיע, וואָס דיא דאָרטיגע אידען האָבען אויסגעבויט, און וואוהין דיא אידען פון אַלע לענדער שיקען איצט זייערע קינדער זיך לערנען.

איך האָב אייך קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען דעם, פּונקט וויא איך האָב כמעט נאָך גאָר ניט געזאָגט וועגען דיא שפּראַכע פון דער נייער פּאַלעסטינאַ, — וועגען דיא אַלטע העברעאישע שפּראַכע, וואָס איז איצט געוואָרען דיא אויסשליסליכע שפּראַכע פון דער גאַנצער פּאַלעסטינער אינטעליגענץ.

און איך האָב דורכגעלאָזען ביידע געגענשטענדע, אויס דעם איינפאַכען גרונד, ווייל איך האָב געוואָלט יעדער פון זיי ווידמען אַ בעזונדער בריעף.

און זיי האָבען דאָס פערדיענט. אי דיא העברעאישע שפּראַכע, אי דיא גימנאַזיע. איך ווייס ניט וועלכע פון זיי האָט דאָס מעהר פערדיענט, נור ביידע זיינען דאָס ווערטה.

אין רעכטען צענטער פון תל אביב, איבער אַלע הייזער און געביידען, אויף אַן אָפענעם פּלאַטץ און מיט אַן אויסזיכט אויף דיא בלויע וואַסערען פון ים, שטעהט אַ גרויסע, שעהנע געביידע, אין דעם כטיל אַביסעל פון דעם אַלטען אָריענט, מעהר פון דער נייער קונסט. דאָס איז דיא גימנאַזיע פון תל אביב. איהר קענט זאָגען, דאָס איז דיא גימנאַזיע פון פּאַלעסטינאַ, און ווען איהר ווילט, וועט איהר ניט זיין זעהר ווייט פון אמת, ווען איהר וועט זאָגען, אַז דאָס איז דערווייל דיא גימנאַזיע פון אידישען פאָלק.

און וואָס דיא גימנאַזיע איז, און וויא זיא אַרבייט, און וויא דאָס פאָלק האָט איהר שנעל בעגריפען און אויפגענומען, וועט

זיין גענוג אייך צו זאָגען, אז מיט א קורצע צייט צוריק, האָט זיא זיך געעפענט מיט 17 שילער, און היינט צעהלט זיא 253 שילער. אין דיא 6 קלאסען וואָס זיינען שוין אָפען, און פון וועלכע 95 זיינען מיידלאך.

איך וועל אייך ניט דערצעהלען וויא דיעזע גימנאזיע איז ארויסגערופען געוואָרען צום לעבען. עס איז דיזעלבע אלטע געשיכטע פון אָפּפער, ענערגיע, אונאויפהערליכער ענערגיע און ענד־לאָזע אָפּפער. עטליכע דאָלער האָט געגעבען דזשייקאָב שיף (1000 דאָלער), עטליכע דאָלער האָט געגעבען דער אדעסער קאָמיטעט פאַר פּאלעסטינא (אויך 1000 דאָלאר). דיא גרעסטע סומע האָט געגעבען דער לאָרד מעיאָר פון בעדפאָרד, אין ענגלאנד, וועלכער האָט בייגעטראָגען 125,000 פראנק ($25,000), און אויסער וואָס ער האָט געגעבען זיין געלד האָט ער אויך אוועקגעגעבען דער גימנאזיע זיין הארץ און זיין נשמה.

מעהר אָבער וויא שיף, און מעהר וויא דער אדעסער קאָמיטעט, און מעהר אפילו וויא דער לאָרד מעיאָר פון בעדפאָרד, האָבען אָבער דיעזע גימנאזיע געהאָלפען אויסבויען דיא לעהרער, מייסטען פון וועלכע האָבען דיפּלאָמען פון דיא בעסטע האָכשולען און אוניווערזיטעטען דער וועלט, און ארבייטען אין דער גימנאזיע פון תל אביב פאר א געהאלט, וועלכע איך וואָלט זיך געשעהמט צו דערמאָנען ווען זיי אליין וואָלטען ניט געשטאָלצירט מיט דעם — נעמליך פאר א געהאלט וויינינגער, אין מייסטען פעלע, וויא צעהן דאָלאר א וואָך.

און וואָלט איהר וויסען וויא מען לערענט און וואָס מען לערענט. איך האָב פערזענליך בייגעוואָהנט פיעלע פון דיא לעקציאָנען. אין רוסלאנד, אין דער בעסטער גימנאזיע פאר אינגלאך איז דער קורס פון שטודיום ניט בעסער און ניט גרינדליכער, וויא אין דער גימנאזיע פון תל אביב וואו עס לערנען זיך צוזאמען אינגלעך און מיידלעך.

אויסער דעם אלגעמיינעם קורס אין נאטור וויסענשאפטען, און אויסער דעם ספּעציעלען קורס אין העברעאישער שפּראכע, און אויסער אלע געוויינליכע געגענשטענדע וואָס ווערען איבער־געגעבען אין דער גימנאזיע (אלץ אין העברעאיש), אויסער אלעם דעם, לערנט מען נאָך דאָרט אראביש און טערקיש. אראביש, ווייל

דאס גאנצע פאלק ארום רעדט נור אראביש. טערקיש, ווייל דיא רעגיערונג אין פאלעסטינא איז א טערקישע, און דיא אפיציעלע שפראכע פון לאנד איז טערקיש. מען לערנט דארט אויך פראנ־צויזיש, אבער אזוי וויא אין אלע גימנאזיעס, „אויפ'ן שפייז מע־סער". גימנאסטיקע, מוזיק, צייכנען, דערפאר ווערט איבערגעגעבען בעסער וויא אין רוסלאנד, און בעסער פיעלייכט אויך וויא אין אמעריקא. אויך וויא ווייט דיא גרינדער און פערוואלטער פון דער גימנאזיע בעטראכטען גימנאסטיקע, צ. ב. אלס וויכטיגען געגענ־שטאנד, בעווייזט דער פאקט, אז פון דיא ארימע און קארגע מיטעל פון דער גימנאזיע, האבען זיי דיא וואך ארויסגעשיקט זייער לעה־רער פון גימנאסטיקע אין שוועדען און אין דער שווייץ ער זאל דארט בעקאנט ווערען מיט דיא נייעסטע מעטהאדען פון גימנאס־טיקע, פאר דיא קינדער פון דער גימנאזיע. פונקט אזוי שיקען זיי אפט ארויס אנדערע לעהרער פון אנדערע געגענשטענדען בעקאנט צו ווערען מיט אלץ וואס איז ניי און גוט אין דער וועלט פון גייס־טיגער ערציהונג און בילדונג.

וואס דיא גימנאזיע איז, וועט איהר וויסען פון דעם פאל־גענדען, איינפאכען פאקט, אז דיא גימנאזיע האט שילער ניט נור פון תל אביב, אדער יפה, און ניט נאר פון אלע נאהענטע און ווייטע פלעצער פון פאלעסטינא. אפילו פון רוסלאנד, פון רומעניען, זיד־אפריקא און זאגאר פון אמעריקא קומען אידישע קינדער צו קריגען דארט א בילדונג, וועלכע אידישע קינדער קענען ניט אימער קריגען אין אנדערע לענדער. צעהן אידישע מוטערס וואהנען איצט אין תל אביב פאר דעם איינציגען צוועק צו געבען דיא קינדער א בילדונג, וואס נאר דיא גימנאזיע פון תל אביב קען געבען. זייערע מענער זיינען אין רוסלאנד, און זייער היים איז נאך אין רוסלאנד. אין יפו זיינען זיי געקומען צוליעב דיא קינדער און אין תל אביב וואהנען זיי, ווייל דאס איז דער איינציגער פלאץ אין יפו, וואו מענשען מיט שטרענ־גערע פאדערונגען פון לעבען, קענען וואהנען מעהר אדער ווייניגער בעקוועם; דער איינציגער פלאץ וואו מאלעריא איז אבי־סעל געצאמט, און טראכאמא איז אזוי גוט וויא אין גאנצען אונ־בעקאנט.

און עס פעהלט ניט א געוויסער עלעמענט פון קאמישער

קינדערגארטען סעמינאר אין ירושלים.

ערנסטקייט אין דעם לעבען פון דיזע פרויען, וואס קומען קיין פאלעסטינא געבען א בילדונג זייערע קינדער, וועלכע קענען עס ניט קריגען אין לאנד פון שווארצען קאנסטיטוציאנאליזם. צוויי מוטערס וואהנען דארט, וואס האבען דארט קינדער, אדער ריכטי־גער איין מוטער, וואס האט דארט קינדער פון צוויי מוטערס. און דיא געשיכטע איז אזא. צוויי פאמיליען זין רוסלאנד זיינען אזוי איינגעריכטעט, אזביידע מוטערס קענען ניט גלייכצייטיג פארלא־זען זייער היים. קומט אין תל אביב איין מוטער, און זארגט פאר דיא קינדער פון ביידע פאמיליעס זעקס מאנאט. און דאן פאהרט זיא צו איהר מאן אין רוסלאנד, און קומט דיא צווייטע מוטער אויף איהר פלאטץ און זארגט אין תל אביב פאר דיא אייגענע קינ־דער און פאר די קינדער פון דער אנדער מוטער.

און וויא דיא גימנאזיע פון יפה וואקסט אין פאפולארי־טעט, איז אט פאר אייך אנאנדער פאקט. אין ווילקאוויסק, רוס־לאנד איז געשלאסען געווארען דיא רעאל שוהלע. איז געקומען פון דארט א שיללער פון פינפטען קלאס אין תל אביב. איהם איז גע־פעלען געווארען דיא גימנאזיע פון תל אביב נאך זיין ערפאהרונג פון ווילקאוויסק, און ער האט אריבערגעבראכט זיינעם א חבר, דאן א ברודער, דאן וויעדער א חבר און איצט איז אין דער גימנאזיע־קאלאניע פון תל אביב דא א קליינצינקע קאלאניע פון דער רעאל שוהלע פון ווילקאוויסק. א לעהרער פון ק-שינעוו האט אריבערגע־שיקט זיינע קינדער, באלד זיינען צו זיי געקומען נאך פיעל פון דער שטאדט. איינער א דיימאנד, וואס וואהנט אין ניו יארק, האט אריבערגעשיקט אהין איין קינד, און א צווייטע און א דריטע.

דיא גימנאזיע איז איינגעטהיילט אין דריי דעפארטמענטס: דער ערשטער איז א פארבערייטענדער, דא קריגען דיא קינדער דיא פארבערייטענדע קענטניסע, וואס זיינען נויטיג פאר אלעמען. דא ווערען אנגענומען קינדער פון זעקס יאהר ביז נייען. דאן איז דא א צווייטער דעפארטמענט, ער בעשטעהט פון פינף קלאסען. דא ווערען געלערנט דיא העברעע געגענשטענדען, וויא געשיכטע, נאטור וויסענשאפטען, אביסעלע ליטעראטור און שפראכען. ביז דעם סוף פון פינפטען קלאס איז דיא גימנאזיע אלגעמיין און פאר אלעמען גלייך.

פון זעקסטען קלאס הויבען דיא שילער אן צו ווערען גע־

טהיילט. דיא יעניגע וואָס ווילען אַ מעהר קלאַסישע בילדונג, נעה־
מען אויף לאַטיין, און מעהר קלאַסישע ליטעראַטור. און דיא וואָס
ווילען אַ מעהר רעאַלע בילדונג, נעהמען אויף אַ ווייטערען און
ברייטערען שטודיום פון פיזיקע, כעמיע, העכערע מאַטעמאַטיקע
א. ז. וו. אין דיא העכערע קלאַסען הויבט מען אָן אויך מעהר
געוויכט צו לייגען אויף פראַנצויזיש, וועלכע איז דיא פערשפּריי־
טעסטע פון אַלע שפּראַכען אין דעם אָריענט, און אָהן וועלכער קיין
מענש, וואָס וויל פערקעהרען אין דער געשעפטליכער וועלט, קען
ניט אויסקומען.

מיך האָט זעהר אינטערעסירט דיא פראַגע „און וואָס דאַן?“
און וואָס וועט ווערען מיט דיא קינדער, ווען זיי וועלען שוין ענ־
דיגען דיא גימנאַזיע, און זיי וועלען קריגען דעם דיפּלאָם, וואו־
הין וועלען זיי געהן, וואָס וועלען זיי טאָהן, וויא און מיט וואָס
וועלען זיי דיענען זיך און זייער פאָלק ?

איין טהייל פון דיא ערוואַרטונגען און האָפנונגען פון דיא
מענשען פון תל אביב, וועל איך אייך איבערגעבען, ווען איך וועל
איבערגעהן צו דיא אַלגעמיינע ערוואַרטונגען און האָפנונגען פון
דיא אידען וואָס לעבען אין פּאַלעסטינא, דאָס וועט זיין ביים שלום
פון דער סעריע פון מיינע בריעף פון פּאַלעסטינא.

אַנדערע ערוואַרטונגען און האָפנונגען אין פערבינדונג מיט
דער גימנאַזיע קען איך איבערגעבען זאָפאָרט.

דיא גימנאַזיע איז געגרינדעט נאָך דעם מוסטער פון דיא
גימנאַזיעס אין דער שווייץ.

דאָס איז געשעהען טהיילווייז דורך דעם, וואָס מייסטענס
פון דיא לעהרער פון דער גימנאַזיע האָבען זיך אויסגעבילדעט אין
דער שווייץ, און טהיילווייז דורך דעם, ווייל דיא גימנאַזיעס אין
דער שווייץ ענטשפּרעכען מעהר פאַר אַלע אַנדערע דיא אידעעז
און פּאָרשטעלונגען פון אַ העכערע שוהלע, פאַר קינדער פון אַ פאָלק,
וואָס איז פריי און פאָרטגעשריטען.

און דער אוניווערזיטעט פון בערן, האָט שוין געלאָזט ווי־
סען דיא דירעקציאָן פון תל אביב גימנאַזיע, אַז ווען דיא גימנאַ־
זיע וואו עס זיינען נאָר ביז היינט אָפען זעקס קלאַסען, וועט
אין איהרע ווייטערע צוויי קלאַסען פּאָרטזעצען דיא פּראָגראַם
פּונקט, וויא עס איז אָנגעהויבען געוואָרען, דאַן וועט דער אוני־

ווערזיטעט פון בערן אנערקענט די גימנאזיע פונקט וויא אלע אנדערע גימנאזיעס פון אייראפעאישע לענדער, און דיא שילער ווערען גלייך אנגענומען ווערען אין אוניווערזיטעט אהנע ווייטערע עקזאמענס.

און שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם גרויסען אידישען פּאליטעכניקום, וואס בויעט זיך איצט אין חיפה און וועלכער וועט עפענען א נייען פעלד פיר דיא שילער פון דעם יפה גימנאזיום, האפען דיא מענשען פון תל אביב, אז אלע אנדערע גרויסע אייראפעאישע און אמעריקאנער אוניווערזיטעטען וועלען אנערקענען דיא גימנאזיע פון יפה און געבען דיא דארטיגע שילער דיזעלבע רעכטע וואס אלע אנדערע פעלקער האבען.

אבער ביז וואס ווען, האבען דיא קינדער פון דער גימנאזיע א שאנס צו קריגען א בילדונג, וועלכע פיעלע פון זיי וואלטען קיין מאהל ניט געקענט קריגען ווען ניט דיא גימנאזיע.

א בילדונג, און נאך מעהר וויא א בילדונג.

און דאס איז דער גייסט, דער וואונדערבארער גייסט פון פרייהייט, פון עהרליכקייט, פון חבר׳שאפט, פון אפענקייט, און מענשליכקייט אין וועלכע אי דיא איינגלאך אי דיא מיידלאך פון דער גימנאזיע ווערען אויפגעצויגען און וואקסען.

איך האב זיי געזעהען, דיעזע שילער און שילערינען פון דער גימנאזיע, די „בחורים“ און „ילדות“ אויף זייערע לעקציאנען און צווישען דיא לעקציאנען, און ווען זיי שפאצירען, און אויף דיא גאנקעס, ווען זיי זינגען, אויף דיא וואגענס, ווען מיט דיא ווייסע „קאפּאס“. וויא דיא אראבער, פאהרען זיי אוועק מיט א גאנצע פרעהליכע קאמפאניע אויף פיעלע טעג אויף דעם ירדן, און צום ים המלך און אין דיא הייזער פון א פארררייזענדען לעהרער, וואו זיי ארגאנזשירען סערענאדען און טענץ — איך האב זיי געזעהען און בעאבאכטעט און מיר טהוט גייד, וואס איך האב פיעל פון מיין בעוואונדערונג און בעגייסטערונג אבגעגעבען אויף אנדערע זאכען אין תל אביב און עס איז מעהר גאר ניט פערבליעבען פאר זיי, פאר דיזען נייעם וואקסענדען, קומענדען דור פון אידישען פאלק אין פאלעסטינא.

ווייל ווען עטוואס איז גרויס אין פאלעסטינא, איז ער, דיעזער דור, נאך גרעסער, ווען עטוואס איז נאבעל אין ארץ ישראל,

זיינען זיי, דיא מענשען פון דער נאָהענטער צוקונפט נאָך נאָבע־
לער, און ווען מיר קענען לעגען אונזערע האָפנונגען ערגעץ וואו
עס איז אין ארץ ישראל, איז דאָס אויף זיי, אויף דיא קינדער, וואָס
וואקסען צוזאמען מיט דעם לאנד, וואו זייערע הערצער ענטוויק־
לען זיך צוזאמען מיט דער נייער קולטור, וואָס ווערט דאָרט איצט
געפלאנצט.

19.

דיא קאלאניזאציאן פון פאלעסטינא

גרויס איז דער נאָמען, און גרויס איז דיא ראָליע פון דער שטאָדט ירושלים אין דער געשיכטע פון אידישען פאָלק, אויז טהייער איז דער נאָמען און ליעב איז דיא ראָלע פון דיזער איי־ביגער שטאָדט אין אוניער פעו׳גאנגענהייט; פון ירושלים וואו אויסער דיא כותל מערבי און דיא קברים פון פראָפעטען איז אויך דאָ דער בצלאל.

און שעהן איז תל אביב מיט זיין גימנאזיע, און נאָבעל איז דער גייסט וואָס הערשט דאָרט איצט. נאָך שעהנער, ערוואַרט איך, און נאָבעלער האָט איך וועט זיין דער גייסט און דיא ווירקונג פון דעם גרויסען אידישען פּאָליטעכניקום וואָס בויט זיך איצט אין חיפה.

דאָס פּאָליטעכניקום וועלכער איז ענג פערבונדען מיט דעם נאָמען פון שמריהו לעווין, וועלכער האָט זיך געמאַכט אזוי פיעל פריינד און פערעהרער אין דער קורצער צייט וואָס ער איז געוועזן אין אמעריקא.

עס איז אָבער ניט ירושלים מיט בצלאל און ניט תל אביב מיט זיין גימנאזיע און אפילו ניט דער שטאָלץ און האָפנונג פון פּראָגרעס, דער נייער פּאָליטעכניקום וואָס ווערט געבויט אין חיפה און מיט וואָס עס איז פערבונדען דיא צוקונפט פון פּאַלעסטינא, אויף וואָס מען מוז רעכענען, ווען מען רעדט וועגען דיזער צוקונפט.

דאָס זיינען דיא קאָלאָניען פון פּאַלעסטינא, דיא גאַנצע פראַגע פון פּאַלעסטינא׳ר קאָלאָניזאציאָן, אין וואָס עס הייננט אָב דיא צוקונפט פון פּאַלעסטינא און וואו עס הויבט זיך אָן פון איין זייט אַלע שעהנע האָפנונגען פון דיא ציוניסטען, און פון אַנדער זייט דער סקעפּטיציזמוס און פּעסימיזמוס פון זייערע געגנער.

און מיט רעכט. ירושלים האָט גאָר ניט אויסער קברים, גרויסע קברים, שעהנע קברים, ווען איהר ווילט, אָבער נור קברים. וואונדערבאַרע בערג, א וואונדערבאַרען הימעל, אָבער בערג מיט קברים, א הימעל איבער קברים. דיא ביסעל לעבעדיגע מענשען, דיא עטליכע גוטע אַנשטאַלטען קענען אביסעל ווארימער מאַכען דעם

מיטאגס־שטונדע לעבען גימנאזיע.

גרויסען בית עולם, זיי קענען אָבער ניט אריינהויכען א נייע נשמה אין דעם גרויסען היסטאָרישען מת.

דער בצלאל פון ירושלים, דיא גימנאַזיע פון יפו, דער פּאָ־ליטעכניקום פון חיפה, און דיא אַלע איבעריגע גוטע און שעהנע אנשטאַלטען, דיא געבאָרענע און נאָך ניט געבאָרענע, זיי קענען הויך אויפהויבען דאָס אידישע פאָלק אויף דיא פליגלען פון פאָרט־שריט און קולטור, אָבער נאָר דאַן, ווען זיי זעלבסט וועלען ווערען גענעהרט און געשפּייזט פון דעם אידישען פאָלק גופא, ווען דאָס בלוט פון דעם הארץ פון דיא אידישע מאסען וועט ווערען דאָס בלוט פון זייער אייגען הארץ;—ניט פון נדבות און ניט פון סטיפּענ־דיעס, און ניט פון וואָהלטהאַטען פון רייכע וואָהלטהעטער, נור ווען זיי וועלען וואקסען און בליהען פון דעם זאפט. וואָס וועט פריי און נאַטירליך פליסען פון פרייע און נאַטירליכע קוועלען פון אי־דישען פאָלק.

און דיא נאַטירליכע קוועלע פון לעבען, און דיא געזונדע בעדינגונג פון עקזיסטענץ, און א זיכערער פונדאמענט אויף וועל־כען אידען קענען בויען וואָס עס איז פאר האָפנונגען אויף א צו־קונפט אין פּאַלעסטינא, זיינען דיא קאָלאָניען. דאָס הייסט, סיסטע־מאַטישע פּאָרבעריייטונג און פערשפּרייטונג פון דער אידישער בע־פעלקערונג איבער גאַנץ ארץ ישראל, וואו דיא פיזישע און עקאָנאָ־מישע פארהעלטניסע ערלויבען דאָס.

וויא איז דאָס ביז איצט צוגעגאַנגען, און וויא געהט עס איצט צו מיט דיעזע קאָלאָניען?

פונקט וויא דער ערשטער איינדרוק מיינער וואָס איך האָב געקראָגען אין יפו איז געווען אַן איינדרוק פון ענטוישונג און שרעק, אַזוי איז דער ערשטער איינדרוק מיינער, וואָס איך האָב געקראָגען פון דאָס לאַנד פון פּאַלעסטינא געווען אַן איינדרוק פון בעדויערן און ביטערקייט.

„וואָס וועלען זיי דאָ טהאָן מיט דיא אידען אויף דיעזען באָדען פון זאַמד, קרייד און שטיין, אין דיעזע בערג פון דערנער און ווילדע קרייטעכער?"

דאָס איז געווען מיין ערשטער געדאַנק, ווען דער צוג פון יפה נאָך ירושלים האָט אָנגעהויבען צו פּויזען צווישען דיא בערג און איבער דיא טהאָלען פון יהודה.

„וואָס ווילען זיי פון דעם אויסגעמוטשעטען, פערצרה'טען, האַלב־הונגעריגען און נאַקעטען גלות קרבן אין דיעזער ווילדערנים, אין דיעזען שטיינערנעם מדבר, וואו דיא נאַטור האָט געבאָרען אויף דער וועלט דעם טויט און פערוויסטונג?"

דאָס איז געווען דער ערשטער איינדרוק, דאָס זיינען גע־ווען מיינע ערשטע געדאַנקען ווען איך האָב דערזעהען יהודה.

און לעכערליך האָבען זיך פאר מיר בעוויזען דיא ראיות, וואָס דיא „פּאַטריאָטען" פון פּאַלעסטינא האָבען מיר געבראַכט פון דער ביבעל, אַז דאָ, אין דיעזער יהודה האָבען אַמאָהל געבליהט וויין גערטנער, און דוּם האָט געקלונגען דיא ציטאַטע פון „חלב ודבש" (מילך און האָניג), וואָס דאָס לאַנד איז אַ מאָל געווען פאר אידען, און אונגלויבליך האָבען געקלונגען דיא געשיכטען, וועגען דיא פערשיעדענע בליהענדע קאָלאָניען, בעטראַכטענדיג פון דיזע גרויע שטיינער, און פון דעם ווייסען קרייד, און דעם געלען זאַמד,

מיט וועלכען עס זיינען דיק און געדיכט בעדעקט דיא בערג און דיא טהאָלען פון יהודה.

איך בין געוועזען בערייט צו גלויבען, אַז אין גליל, וואו דער באָדען איז רייך, דיא ערד איז פעט, אַז דאָרט קען עס געבען אַ שעהנע נאַטור, גוטע קאָלאָניען, וואָהלהאַבענדע מענשען. אַז ארום טבריה, קען ווירקליך זיין אַ גן־עדן פאר אידען, וויא דיא ציוניסטען בעהויפּטען.

אָבער דאָ, אין יהודה?

איך בין אַוועקגעפאָהרען זעהען דיא קאָלאָניעס מיט דעמ־זעלבען געפיהל מיט וועלכען מענשען געהען זוכען אַ פּערלאָרע־נעם חפץ דאָרט, וואו זיי זיינען זעלבסט קיין מאָהל ניט געוועזען.

און וויא מיר טהוט איצט לייד, וואָס איך האָב ניט גע־קענט זעהען אַלע קאָלאָניעס פון פּאַלעסטינא, וואָס איך האָב ניט געקענט פערבלייבען לאַנג אין יעדערער! אך, וויא מיר טהוט לייד, וואָס איך האָב אַזוי פיעל פון מיין צייט אַוועקגעגעבען אין ירושלים און אומגעגענד, און אַזוי ווייניג פאר דיא קליינע ישוב׳ס איבער׳ן לאַנד יעדער פון וועלכע, פאַר דער צוקונפט פון פּאַ־לעסטינאַ, שפּיעלט פיעלייכט אַ וויכטיגערע ראָלע וויא דיא שטאָדט, וואָס האָט אי געשאַפען, אי צושטערט דאָס אידישע פאָלק.

און איך שרייב דאָס פאר אייך אידען, און פאר דיא פון אייך, וועלכע וועלען ווען עס איז פיעלייכט וועלען געהן אין פּאַ־לעסטינאַ, און זעהען וואָס טהוט זיך דאָרט, וויא איך. ווען איהר האָט אַ וואָך צייט פאַר דיעזען בעזוך, גיט אָב דריי טעג פאַר ירושלים און דאָס איבעריגע פאר דיא קאָלאָניעס. און ווען איהר האָט אַ מאָנאַט צייט פאַר פּאַלעסטינאַ, גיט אָפּ דריי טעג פאר ירושלים און דאָס איבעריגע פאר דיא קאָלאָניעס, און ווען איהר האָט אַ יאָהר צייט גיט אָב דריי טעג פאר ירושלים און דאָס אי־בעריגע פאַר דיא קאָלאָניעס, און ווען איהר ווילט אייער גאַנצען לעבען אָפּגעבען אין ארץ ישראל, פערבלייבט אייער גאַנצען לע־בען אין דיא קאָלאָניעס און, ווען איהר ווילט שטאַרבען דאַן קענט איהר קומען אין ירושלים. אָבער ניט מעהר און ניט לייננער, וויא עס איז נויטיג דאָרט צו שטאַרבען.

איך בין געוועזען אין דעם יער הערצל. אין מיטען פון אַ זאַמ־דיגען מדבר, אַזוי ווייט וויא דער אויג קען כאַפּען, זעהט איהר

דיא שפראצענדע צווייגען פון דיא יונגינקע, אקארשט פערפלאנצטע אליווען בוימער. 2400 דונאם בליהענדעס לאנד, וואו איינינגע יאהר צוריק איז געווען טויט און וויסט. אין מיטען, וויא א פריעדליכער שלאס, א ריעזיגע פארם מיט געביידען, הייזער, שטאלען, מאשין שאפס, שפייכלערס, בהמות, פערד, אלעס אין ארבייט, אין ענערגישער טהעטיגקייט, דיא מענשען און דיא פערד, דיא ערד און דיא בהמות, און דיינקט נאר, דאס איז אויך א באדען, וואס איז מיט איינינגע יאהר צוריק געווען טויט און אונברויכבאר.

איהר געהט צו נעהענטער צו דעם פלאטץ. וויא איבעראל אין פאלעסטינא, געפינט איהר דארט דיא מענשען, וואס זיינען אוועק „אין פאלק“. א יונגער מאן, ער הייסט ווילקאוויסקי, געענדיגט אן אוניווערזיטעט, געקראגען א הויכע אגריקולטור בילדונג אי אין פאריז אי אין בערלין, וואלט געקענט געהן אין אמעריקא מיט א געהאלט, אם ווייניגסטען פון דריי אדער פיער טויזענד דאלאר א יאהר, איז אבער צופריעדען צו ארבייטען אין א וויסטענעס פון פאלעסטינא פאר 700 דאלער א יאהר, פאר 14 דאלער א וואך, דאס הייסט א געהאלט וואס איז א העלפט פון דעם, וואס א גוטער שניידער פערדיענט אין אמעריקא, און ער איז גליקליך מיט זיין בעשלום.

און ער דערצעהלט אייך, וואס עס איז אויפגעטאהן געווארען מיט דעם הערצל־וואלד אים לויף פון דיא עטליכע יאהר, זייט מען האט איהם אנגעהויבען. וויא 6000 בוימער זיינען שוין פערפלאנצט געווארען, וויא 7000 בוימער און נאך אמאל 5000 בוימער זיינען שוין אין דער „נוירזערי“ באלד פארטיג פערפלאנצט צו ווערען. וויא אין חולדה, וואו מען האט נאך 2000 דונאם לאנד זיינען שוין 9000 בוימער פערפלאנצט און 6000 אין דער „נוירזערי“. וויא אין 15 יאהר ארום וועט יעדער בוים אריינברייגען אן ערך פון 15 פראנקס, און וויא דאס וועט געבען א ריעזען פערמעגען צו קויפען נאך לאנד, נאך בוימער, ווייטער פערשפרייטען דיא אידישע קאלאניזאציאן, און נעהענטער צו גיהן צו דעם ענדליכען צוועק.

און עס בלישטשען דיא אויגען פון דיעזען אגראנאם און ער גלויבט אין יעדען ווארט, און ער זעהט שוין פאר זיך דעם „ענדליכען ציעל“, און צי איהר זעלבסט גלויבט אין דעם, צי איהר

גלויבט ניט, עס ווירקט אויף איך, איהר מוזט מיט איהם סימ־פאטיזירען.

דאָ ניט ווייט פון דער ריעזיגער פארם פון יער הערצל איז א קליינטשינקע, א פרישינקע קאָלאָניע פון „בצלאל“. עטליכע אָקאָרשט געענדיגטע הייזער. פראָפ. שאַטץ איז דאָ צו מאַכען דיא לעצטע אראַנדזשעמענטס. ער ערקלערט דעם צוועק פון דיעזער קאָלאָניע. עס איז אינטערעסאַנט.

אין בצלאל שוהלע לערנט מען מענשען געוויסע קונסט־מלאכות. זיי קריגען בעצאָהלט דאָרט פאר דיא אַרבייט, וואָס זיי מאַכען. עס איז אָבער ניט דער צוועק פון דער שוהלע צו האַלטען דיא אַרבייטער ביי זיך. זיא וויל ניט דיא שוהלע זאָל פערגרעסערען דיא צאָהל פון ירושלים פראָלעטאַריער, זיא וויל, אַז דיא מענשען, וואָס קומען אַרויס פון בצלאל זאָלען פערשפרייטען דיא קולטור פון בצלאל איבער׳ן גאַנצען לאַנד. אגב מוז מען האָבען פלאַטץ פאר אַנדערע שילער, פאַר אַנדערע אַרבייטער.

און מען גרינדעט דיעזע קליינע קאָלאָניעס. אַביסעל דורך דיא הויז אַרבייט, וואָס וועט זיי צוגעשטעלט ווערען פון בצלאל, און אַביסעל דורך דיא לאַנד אַרבייט, גאַרטען־אַרבייט, וואָס וועט פאר זיי מעגליך זיין, אין דיעזע קאָלאָניעס וועלען זיי מאַכען זייער אייגענעם לעבען, און פאָרבערייטען דאָס לאַנד פאר אַנדערע מענ־שען. אגב קען מען ניט האַלטען דעם גרויסען וואַלד פון אָליוועען אָהן מענשען, אָהן א אידישער בעפעלקערונג קיין זאך וואָלט דאַן ניט געשטערט דיא אַרומיגע אַראַבען פאַרנאַנדערצוטראָגען דעם וואַלד צווייגען־ווייז.

און אַזוי ווערט דאָרט געאַרבייט, קולטיווירט, געדאַכט, געפּלאַנעוועט, אָרגאַניזירט. אַלע פיהלען זיך וויא מיטגליעדער פון איין משפחה. און יעדען איז טהייער דאָס וואָהל־זיין פון דעם שכן, דער ערפאָלג פון דיא אַנדערע אונטערנעהמונגען. בצלאל וואָלט פיעלייכט געקענט געפינען פאר זיין קאָלאָניע א פאַסענדערען פלאַטץ, וויא לעבען הערצעל׳ס וואַלד, אָבער הערצעל׳ס וואַלד וואָלט ניט אַזוי לייכט געקענט געפינען דיא נויטהיגע שכנים, און דאָס ענטשיידעט דיא פראַגע.

מען קלייבט אויס אַלס קאָלאָניסטען דיא תימן׳ער אידען. עהרליך זיינען זיי, געטריי און אַרבייטזאַם. און אַלס דיא אונ־

אין בית המדרש פון מושב זקנים.

גליקליכסטע פון אַלעמען נייטיגען זיי זיך מעהר אין דער עקזיס־טענץ־פערזיכערונג, און אין דער רוהע, וואָס דיא קאָלאָניע קען געבען.

און ניט נור אַלס דיא אונגליקליכסטע פון אַלעמען נייטי־גען זיי זיך, אויך אַלס דיא צוריק־געשריטענסטע. אַך, וואָס פאַר אידען עס זיינען דאָ צווישען אַלע אידען אויף דער וועלט.

איך בין אָנגעקומען אין דער בצלאל־קאָלאָניע אין איינעם פון דיא אינטערעסאַנטעסטע מאָמענטען. דיא הייזער זיינען געווען פאַרטיג, און מען האָט געדאַרפט ענטשיידען דיא פראַגע וואָס זאָל מען פריהער אָנהויבען, צי מאַכען וואָטער־קלאָזעטען פאַר דיא הייזער, צי אַ מקוה פאַר דער קאָלאָניע.

דיא תימן'ער אידען האָבען ערקלערט אין איין קול, אַז אָהן וואָטער קלאָזעטען קענען זיי נאָך אויסקומען אָבער אָהן אַ מקוה, ווילען זיי ניט פערבלייבען אין דער קאָלאָניע קיין איינצי־גען טאָג.

און מען האָט געמוזט אָנהויבען מיט אַ מקוה.

ווען איך האָב אויסגעשפּראָכען מיין פערוואונדערונג האָט פּראָפעסאָר שאַטץ נאָר אַ מאַך געטאָהן מיט'ן האַנד.

— שטעהט דאָ אַביסעל לייגגער, און איהר וועט נאָך מעהר דערזעהען. איידער מיר האָבען אָנגעהויבען צו בויען דיא הייזער האָבען זיי פּראָטעסטירט פאַר וואָס מען בויט ניט אַ הויז אויף אַ הויז, וויא זיי זיינען געוואוינט געוואָרען ביי זיך אין תימן, פאַר וואָס מען לאָזט פּלאַטץ פאַר אַ הויף, פאַר אַ גאָרטען. „אידען, האָבען זיי געזאָגט, דאַרפען וואָהנען צוזאַמען און ניט פאַרנאַנדער־געוואָרפען". דעם איינציגען סטרייק וואָס מיר האָבען געהאַט פון זיי אין בצלאל איז געווען פאַר וואָס דיא וואַטער־קלאָזעטען זיינען דאָרט וויא אין איראָפּאַ, מיט ביינקלעך, און ניט וויא אין טערקיי, פּשוט אויף דער ערד.... אָט פון דיזע מענשען הויבען מיר אָן, קומט אהער אין עטליכע יאָהר אַרום, איהר וועט זיי ניט דערקענען. ווען מיר וואָלטען ניט געהאַט קיין אַנדער אויפגאַבע און צוועק אין לעבען, וואָלטען אַלע אונזערע אָפּפער זיך פּאַלשטענדיג בע־צאָהלט מיט דער אונגעהייערער קולטור ארבייט וואָס מיר טהוען דאָ . . . אויך פאַר דיא מענשען וועלכע זיינען שוין דאָ.

און דאָס איז געווען אבסאָלוט וואהר.

ניט נור דיא אידען וואס וואהנען אין פאלעסטינא, נאר דיא אראבער זאגאר ווערען מעהר ציוויליזירט, מעהר געהויבען דורך דיא שטענדיגע אונאויפהערליכע קולטור ארבייט פון דיא אינגערע און מיטעל־יעהריגע ציוניסטען וואס ארבייטען דארט „אין פאלק". זיי לערנען זיך ביי דיא אידען ניט נור דיא פאלקאז־מענע אייראפעאישע געשעפטס־וועגען און דיא פאלשטענדיגערע האנדווערק און האנד־ארבייטס מעטהאדען, נור זאגאר פון לאנד־ווירטהשאפט, וויא צו בעארבייטען דאס לאנד, האבען זיך דיא אראבער איצט אנגעהויבען צו לערנען פון דיא אידען און לערנען זיך מיט ערפאלג.

זיי, דיא אראבער, האבען נאך ניט עררייכט דיא שטופען פון דער פאלקאמענהייט, וועלכע דיא אידען האבען ערריכט. ווען איהר פאהרט איבער פיעלע קאלאניעס קענט איהר גלייך זאגען, ניט פרעגענדיג, וועלכע לאנד איז אידישע לאנד, און וועלכע לאנד איז אראבישע. איהר געפינט אויס איינפאך דורך דעם דאס דיא אידישע פעלדער זיינען גרינער, און וואס עס וואקסט דארט, וואקסט שעהנער, און געדיכטער, און רייכער, וויא ביי דיא אראבער, און איבערהויפט זעהט איהר ביי דיא אידען מעהר סיסטעם, מעהר אינטעליגענץ, ניט אכטענדיג אויף דעם וואס דאס לאנד פון דיא אראבער איז פיעל בעסער, אבער אין דערזעלבער צייט געפינט איהר אויס, אז דיא אראבער זוכען נאכצוטאהן דיא אידען מיט אלע קרעפטען, און עס איז נאר א פראגע פון צייט ווען זיי וועלען ערייכען דיא זעלבע שטופע וואס דיא אידען האבען ער־רייכט.

און אבוואהל דערוייל ווייסען מיר אז ווען דער פאשא אין ירושלים וויל מאכען זיין אייגענעם גארטען שעהן און גוט, נעהמט ער אידישע ארבייטער, אבוואהל אראבער זיינען ביליגער, און דאס ווען עס קומט פאר א גרויסע אגריקולטור פראבלעמע אין לאנד, ווענדעט מען זיך צו אידישע אגראנאמען, אבער בויען אויף דעם קען מען ניט. עס איז נור א פראגע פון דער צייט ביז דיא אראבער וועלען ווערען פונקט אזעלכע גוטע לאנד־ארבייטער וויא דיא אידען.

אבער דער פאקט, אז דערוייל זיינען דיא אידען דיא פארטגעשריטענסטע, אז זיי, דיא אידען, וואס האבען נאר מיט

איין צעהנדליג יאָהר צוריק אין דער היים, געקענט האנדלען מיט תבואה, פּעדלען מיט סעקאָנד הענד תחתונים, זיצען ביים קאונטער אָדער גאָר קוועטשען דיא באַנק, אַז דיעזע אידען זיינען אין איינינע יאָהר געוואָרען דיא באַנער־טרעגער פון גערטנעריי, און דיא לעהרער אין לאַנד־ווירטהשאַפט ביי אַ פאָלק וואָס איז בעשעפטיגט דאַביי יאהר־טויזענדע, און אַ פאָלק וואָס ווערט בעטראַכט אַלס איינע פון דיא פעהיגסטע פון דעם נאָהענטען מזרח — דאָס אליין דאַרף שוין זיין אַ קוועלע פון צופריעדענהייט פאר אלע אידען, ווער, וואָס און וויא מען זאָל ניט וועלען ־יינקען וועגען דיא קאָלאָניזאַציאָן פון פאַלעסטינא זעלבסט.

20.

„מיט אונזערע אייגענע הענד"

דיא שיף מיט וועלכע איך מאך מיין רייזע פון פאלעסטינא, איז פערהאלטען געוואָרען אויף 24 שעה אין קאראנטין אין פירע־אום לעבען אטהען. ווען מען האָט ארונטערגענומען דעם קאראנטין, האָב איך זיך בענוצט מיט דיא איניגע שטינדען פרייהייט און בין אוועק אויף דיא בערג, וואו עס ליעגט אין רואינען דיא קונסט, דיא ציוויליזאציאָן און דיא געטער פון דיא אמאָהליגע גריכען.

איך וועל אייך ניט בעשרייבען דיעזע רואינען, איך וועל זיך אפילו ניט אונטערנעהמען איבערגעבען אייך וואָס עס איז פאר איין איינדרוק. פיעלע גרויסע גייסטער און דיכטער פון זשעניע האָבען דאָס געטהאָן ביז איצט, און איך האָב געמיינט, און אלע מיינען, אז דאָס איז געטהאָן געוואָרען ערהאַבען, געטליך.

ווען איך האָב אָבער געזעהען דיעזע טעמפלען, דאָס הייסט, דאָס, וואָס איז פערבליעבען פון דיא טעמפלען, און האָב געזעהן דיא נאטור ארום זיי, און דיא אונפערשטענדליכע און אונבעגרייפ־ליכע הארמאָניע צווישען זיי זעלבסט און דיא ארומיגע נאטור, האָב איך אויך דערזעהן, אז אלע בעשרייבונגען פון דיעזע היסטאָ־רישע וועלט־רואינען איז דאָסזעלבע, וואָס עס זיינען בעשרייבונגען פון הימעל־פארבען פאר בלינדע, אָדער סימפאָניען טענער פאר טויבע.

מען דארף זיי זעהען מיט דיא אייגענע אויגען און הערען דיא ארומיגע נאטור מיט דיא אייגענע אויערען, צו קריגען א קליינע פאָרשטעלונג פון דעם וואָס עס איז געווען דיא ציוויליזאציאָן און דיא קולטור, און דיא קונסט, און איבערהויפט דער גייסט פון דיא אלטע גריכען.

און ארונטערגעהענדיג פון דעם בארג, וואו עס זיינען פערשאָ־טען דיא געטער פון אמאָהל, און אריינגעהענדיג אין די נייע שטאָדט פון אטהען, וואו מענשען, וואָס רופען זיך אויך גריכען, — קליינינ־קע, העסליכע, אונסימפאטישע, אָהן וואָס עס איז פאר א געזעל־שאפטליכען אידעאל, אָהן וואָס עס איז פאר א היסטאָרישע אינ־דיווידואליטעט, אונפעהיג זאָגאר צו קאָפירען זייערע אייגענע גרויי־

סע מאָנומענטען, — וואו דיעזע מענשען טרייבען זייער קליינעם שאַכער־מאַכער אויף א שטייגער פון אל״ז וואָס איז פארוואָרפען אין אייראָפּא, און פערדאמט אין אָריענט, אין דיא פאַנטאַסטישע שאַטענס פון דיא קונסט טעמפּלען פון דיא אמאָהליגע גריכישע געטער, — האָב איך מיר געפרעגט: „און פון וואַנען ווייסען מיר. און מיט וואָס זיינען מיר גאַראַנטירט, און ווער קען זיין זיכער, אז מיט אונז, מיט אונזער ציוויליזאַציאָן וועט ניט געשעהן דאָס־זעלבע, און דאָס דיא יורשים פון אלע היינט־יגע גרויסע נאַציאָנען, וויא דיא יורשים פון דיא אמאָהליגע ערדלע גריכען, וועלען ניט מאַכען קליין און אונווירדיג דאָס אַנדענקען פון דיא איצטיגע גרויסע פאָרטשריט־קעמפּפער?“

און איך האָב מיך ווייטער געפרעגט: „פאַר וואָס ווידער איז דאָס אזוי, דאָס דיא אידען, וועלכע האָבען זיך קיין מאָל אין זייער געשיכטע ניט אויפגעהויבען אלס פאָלק אויף אַזאַ הויכען שטאַפּעל פון קונסט און פּאָעזיע וויא דיא גריכען, פאַר וואָס איז דאָס, דאָס מיר זיינען מ י ר ? מיר לעבען, מיר האָבען קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירען, און די גריכען,—יענע גריכען, וואָס האָבען בעריהמט געמאַכט דעם נאָמען פון דאָס פאָלק, איז נור פערבליבען אין דיא גרויסע מצבות פון זייערע אונשטערבליכע קולטור ווערק און זעלבסט זיינען זיי פערשוואונדען?“

און וויא מיין שיף קומט אל״ז נעהענטער און נעהענטער צו צו אייראָפּאַ, און דיא לופט ווערט קעלטער און דער הימעל גרויער, און דיא שטערען ביינאַכט קלענער, און פאַר דיא אויגען הויבען אָן וויא אין קאַליידאָסקאָפּ צו פליהען בילדער, כצענען, עראינערונגען, איינדריקע פון דיא פיעלע, פיעלע טעג אין דעם אָריענט, דאַן קומט שאַרפער פאַר אל״ז ארויס אין זכרון, און מיט העלערע פאַרבען און אין א וואַרעמערע אטמאָספּערע, דיא נאַטור און דיא מענשען, וועלכע איך האָב געזעהן אין דיא אידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל.

אָט פאָהרט איהר אריין אין א קאָלאָניע וואָס הייסט רחבות. עס איז ביינאַכט. אין ערגע״ז ניט קיין פייער, איהר זעהט קיינעם ניט, איהר זעהט ניט געגנוי דיא הייזער, איהר פיהלט אָבער, אין דער לופט פיהלט איהר, אז דאָ איז גוט, אז דאָ איז פריי, — און מערקווירדיג, איהר פיהלט, אז דאָ איז אויך שעהן. שעהן און גוט און וואַרעם איז דאָס לעבען ארום אייך. אזוי פיהלט איהר.

און פאר וואָס? דאָס ווייסט איהר אליין ניט, נור ווען דיא זונן געהט אויף און פארטרינקט אין איהרע בלענדענדע שטראהלען דיא ארומיגע ויין־גערטנער, און דיא אָראַנזשען באיארעס, און דיא קליינינקע, ציכטיגע הייזער מיט דיא ברייטע גאסען, צו וועלכע איהר זייט גאָר ניט געוואוינט אין דעם אָריענט, און איהר דער:עהט דיא אידען, — דיזעלבע אידען, וואָס איהר טרעפט אין סמארגאָן, און אין בראָנזוויל, וויא דיא אידען לויפען אין דיא גאסען, בעשעפ־טיגט, פארנומען, אָבער אָהן דעם אויסדרוק פון זאָרג און דאגה, וואָס איהר געפינט אויף זייערע פנים'ער אין סמארגאָן און אין בראָנזוויל, — דאַן זעהט איהר, אז איהר האָט זיך ניט גענארט, אז דיא מענשען לעבען אויך דאָ ווירקליך לייכטער, ווען ניט בעסער, וויא אין רוסלאנד און אמעריקא.

און איהר פערלאָזט זיי, און איהר געהט אין א צווייטע קאָלאָ־ניע, — אין ראשון לציון, און דאָרט זעהט איהר וויא אין דיא רוי־

אויף א „באָיארע“ אין יהודה.

טע שטראהלען פון אן אונטערגעהענדער זונן, געהען דיא בהמות פון פעלד, שטיפען קינדער אין דיא גאַסען, — זאטע בהמות, גליקליכע פרייע קינדער, און איבער אַלץ טראָגט זיך א צערטליכער, לאַש־טישענדער, קיהלענדער ווינטעלע פון דעם קומענדען אבענד, און אַלץ פיהלט זיך דאָ אזוי זיכער, גוט און פריי, און דיא אַלטע מענ־שען פון שטעטיל, און דער יונגער דור לעבען מיט איין לעבען, און אטהעמען מיט איין האָפנונג.

און איהר געהט ווייטער, און איהר קומט צו א פּראַכטפאָלער געביידע, א קליינער „סיטי האָל" פון דער שטעטיל. א אידישער „מעיאָר" געהט ארוים אייך צו בעגריסען. אין א גרויסען זאאל רעפּעטירען קינדער — אידישע קינדער — א טהעאטער פאָרשטע־לונג. אלע צוזאַמען געהט איהר אריין אין א פּארק. א וואונדערבאַ־רער פּארק. איהר קומט צו צו אן אַלעע פון פּאַלמען, וועלכע וואָלט געווען א ציערונג פאַר אייער סענטראַל פּאַרק, און א שטאָלץ פאַר דעם שעהנסטען פּאַרק פון אייראָפּאַ — און איהר פרעגט ווער האָט געמאכט דיעזען פּארק, ווער האָט בעשאַפט דיזע צויבער־אַלעע פון פּאַלמען, און מען ענטפּערט אייך, דאָס האָבען מיר געטהאָן, מיט אונזערע הענד האָבען מיר דאָס געטהאָן, און א מדבר איז געווען מיט א קורצע צייט צוריק אָט דאָרט וואו איהר זעהט דיעזען שעה־נעם פּארק ; זאמד, געלער זאמד איז געווען אָט דיעזע פּאַלמען־אַלעע וואָס האָט אייך אזוי בעצויבערט.

איהר הערט דאָס און איהר געהט ווייטער, איהר קומט אין פּתח תקוה, און אַלץ וואָס איהר האָט ביז איצט געזעהן, ווערט נאָך מעהר איבערשטיגען, איהר דערזעהט נאָך מעהר, און מעהר, און מעהר, וואָס איז אויפגעטהאָן געוואָרען, בעשאַפען געוואָרען, ער־ציעלט געוואָרען מיט אידישע הענד, מיט דעם אידישען גייסט, אין א קורצע צייט.

און איהר קומט זיך צוזאַמען אַם אבענד מיט דיעזע מענשען, איהר הערט זיך צו צו וואָס זיי ריידען, וואָס עס אינטערעסירט זיי, מיט וואָס זיי זיינען בעשעפטיגט, דיא ערפאַהרונג זייערע, דיא גע־שיכטען וואָס זיי האָבען צו דערצעהלען איינער דעם צווייטען.

איהר הערט וויא איינער, א פופצעהן־יאָהריגער אידישער אינ־געל, האָט איינער אליין מיט זיינע אייגענע קרעפטען, פאַרטריבען

א באַנדע אַראַבער, וואָס האָבען געוואָלט בע׳גנב׳ענען די קאָלאָניע ווען די עלטערע מענשען זיינען געווען אין פעלד.

איהר הערט וויא א בעדואין איז בעפאַלען א אידישען יונגען מאַן אויפ׳ן וועג פון איין קאָלאָניע צו דער צווייטער און האָט פון איהם פערלאַנגט א סיגאַרעט, וואָס האָט געהייסען, אז נאָך דעם וואָלט ער ביי איהם צוגענומען אלעס, און וויא דער יונגער מאַן האָט גענומען א סיגאַרעט און אריינשטעקענדיג דאָס אין דעם ראָהר פון א בראָונינג רעוואָלווער, געהייסען דעם בעדואין צונעהמען דאָס פון דאָרט.

אָדער דאָ ווערט דערצעהלט אזא מעשה. א רוסישער, א „קור־פעץ,“ געהענדיג אויף „באָגאָמאָליע“ צום קבר פון זיין גאָט, האָט זיך אָבגעשטעלט אין א מאָנאַסטיר צו שלאָפען. ער האָט צוקאָפען אוועקגעלייגט זיין טייסטער, פאַרגעבען עס אויף א ווייל, און עס איז פון דאָרטען פערשוואונדען. אין א טאָג שפּעטער האָט ער פער־רען 60 רובעל אין פעלד פון א אידישען קאָלאָניסט, וועלכער האָט דאָס געפונען, אָנגעיאָגט דעם רוסע און האָט עס איהם צוריקגע־קעהרט, וויא דיזע געשיכטע איז דערצעהלט געוואָרען פון דעם רוסע זעלבסט איבעראַל, וואו ער האָט דאָס נור געקענט.

אָדער אין אַן אַנדער ווינקעלע דיסקוטירען אַנדערע צוויי אידען, וויא פּטור צו ווערען פון די שווידערליכע גראָז „אנזשיל,“ וואָס עסט אויף דעם באָדען.

אָדער א גאַנצע גרופּע אידען — עלטערע אידען, בעשפּרעכען גאַנץ ערנסט וויפיעל פּראָצענט אַלקאָהאָל, זאָלצען אָדער שטיקשטאָף דאַרף האָבען די ערד פאַר אָראַנזשען, און וויפיעל פאַר וויין־טרויבען.

און איהר דערמאָנט זיך, אז אָט דיזעלבע אידען, קינדער פון דעמזעלבען פאָלק, ווען זיי זיצען ערגיץ אין א קאַפע, אין בראָנז־וויל, דערצעהלען וויא דער לענדלאָרד, דער ימח שמוניק, האָט גע־רייזט די רענט, און דער באָס, דער משומד, האָט אַרונטערגעריסען א פּעני פון א טוץ באָטענהאָלס, אָדער, דער פּאָליסמען האָט אַרעס־טירט די הויזקיפּערקע פאַר וואָס זיא האָט אריינגעוואָרפען אין די באַרעל פון אַש א פּאַפּיער, וואָס האָט געזאָלט געהען אין די באַרעל פון מיסט, אָדער וויא דער פּרעזידענט פון אַנשי נעכטיגער, האָט אויסגעפּאַטשט דעם גבאי פון דיזעלבע אַנשי, אָדער,

ניט אין בראָנזוויל, נור אין ווילנאָ, קומען זיך צוזאַמען דיא אידען און מען דערצעהלט וויא דער פּאָליצמייסטער האָט געלאָזט רופען רבי שמואל יאטעביע דאָס און האָט איהם געלאָזט וויסען, אז ווען אין שוהל־הויף וועלען ניט געמאַכט ווערען קיינע נייע אָב־טרעטען...

אָדער, אז עס איז א סברא, אז אלע, וועלכע זיינען צוגעשריבען ניט צו ווילנאָ גופא, וועלען מוזען געהן אהין וואו זיי זיינען צו־געשריבען . . . .

. . . . :

און ווען איהר דערמאָנט זיך אָן דיא אינטערעסען, מיט וועלכע דער איד לעבט, וואו ער האָט ניט קיין רעכט צו לעבען, און איהר טהוט א קוק, וויא עס בייט זיך איבער דער גאַנצער איד, וויא ער ווערט גאָר אַנאַנדערער אין דעם אויגענבליק, ווען מען שטעלט איהם אַוועק אין אַנדערע בעדינגונגען, קורץ, ווען איהר דערזעהט דעם אידען אונטער מעהר אָדער וויניגער מענשליכע צושטענדע, דאַן פאַרשטעהט איהר, פאַר וואָס איהם קען ניט און וועט קיין מאָל ניט טרעפען דער שיקזאל פון דיא אמאָליגע גריכען.

דיא גרויסע, וואונדערבאַרע קולטור פון דיא גריכען, זייער ציוויליזאַציאָן, זייער קונסט איז געווען געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון שקלאַווערייי, אויף יעדען פרייען גריך פון אַלטערטהום זיינען געווען זיעבען קנעכט, וואָס האָבען פאַר איהם געאַרבייט, און ווייל אלץ איז געווען געבויט אויף שקלאַפערייי, און איז געקומען פון שקלאַפערייי, און דורך שקלאַפערייי, דערפאַר, איז ניט געווען אין גריכענלאַנד ווער עס זאָל פערטהיידיגען, זאָל זייער בלוט פערגיסען, זייער לעבען אוועקגעבען פאַר דיעזע ציוויליזאַציאָן, פאַר דיעזע קולטור, פאַר דיעזע קונסט.

אידען זיינען קיינע שקלאַווען און האָבען פיינט שקלאַווען. זיי האָבען פיינט צו האָבען שקלאַווען און אויך פיינט צו זיין שקלאַווען ביי אַנדערע.

דער דין, וואָס האָט אמאָל געפאָדערט מען זאָל דורכבויערן א לאָך אין אויער פון א שקלאַוו, ווען ער וויל ניט ווערען פריי, דיעזער דין דריקט אויס דעם אידישען געדאַנק, דיא אידישע מאָראַל וועגען שקלאַווערייי.

און קיין מאָהל האָב איך דאָס ניט געפיהלט אזוי קאָנקרעט,

דיא פאלמען־אללעע פון ראשון לציון.

וויא זעהענדיג דיא אידען, זייער לעבען, זייער טהעטיגקייט אין פאלעסטינא.

„מיט אונזערע אייגענע הענד,“ אַט איז דיא מאָטטאָ, אַט איז דער אידעאל פון אידישען פאָלק.

„מיט אונזערע אייגענע הענד,“ דיא וויין־גערטנער, „מיט אונזערע אייגענע הענד“ דיא הייזער, „מיט אונזערע אייגענע הענד“ דיא פאלמען אלעען; „מיט אונזערע אייגענע הענד“ א „בצלאל,“ „מיט אונזערע אייגענע הענד“ דיא גימנאזיע אין יפו, דעם פאָלי־טעכניקום אין חיפה. „מיט אונזערע אייגענע הענד“ א תל אביב; „מיט אונזערע אייגענע הענד“ און ניט מיט דיא הענד פון שקלאווען

האָבען דיא אידען געבויט זייערע טעמפּלען פון אמאָהל, און „מיט אונזערע אייגענע הענד” וועלען זיי בויען דיא אנדערע טעמפּלען פון דער צוקונפט, ווען דיא אומשטענדען וועלען ווערען גינסטיג.

אט פאר וואס איך פיהל. אז אידען קען ניט טרעפען דער שיקזאל פון דיא אמאָליגע גריכען, רוימער און דיא אלע גרויסע פעלקער פון אלטערטהום, וואָס זיינען אונטערגעגאנגען.

21.

דיא שאטענס פון פאַלעסטינא

דיא שיף האָט פערלאָזען קאָנסטאַנטינאָפּאָל. א קאַלטער, שניידיגער ווינד, א כמארער בלייענער הימעל. דיא מענשען דערצעהלען, אז אין רומעניען האָט דיא גאנצע וואָך, אָדער גערעגענט, אָדער געשנעעט. קאַלט, נאַס, אונגעמיטהליך. אז אין עסטרייך איז נאָך ווינטער, אז אין גאנץ אייראָפּא איז דאָס וועטער זעהר אונהיימליך, ניט אנגענעהם.

און ווידער האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם בלויען גליהענדען הימעל, אָן דיא גרינע געוועלבען פון דער קיהלער פיעל־פארבינער פאַלמען־אַלעע פון דעם וואונדערבארען פארק פון ראשון לציון.

און עס בייינקט זיך נאָך דיעזען הימעל און נאָך דיעזע פאַלמען, און אפילו דיא טויטע שטיינערנע בערג פון ירושלים מיט דיא גרויע קברים אין מיטען שטאָדט, אויך נאָך זיי הייבט זיך אָן צו בייינקען, אויך זיי וואָלט זיך וועלען זעהען נאָך אמאָהל.

לעזער פון דיעזע בריעף! איך וויל ניט, אז איהר זאָלט אויף איין אויגענבליק האָבען א טעות אין מיינע געפיהלען צו ארץ ישראל, אין מיינע מיינונגען וועגען ציוניזם. איך בין קיין מאָל ניט געווען ווייטער פון דעם גלויבען אין דעם וואָס פיעלע מענשען פערשטעהען אונטער „ציוניזם," וויא איך בין דאָס איצט, נאָך דעם וויא איך האָב געהאט דיא מעגליכקייט זיך נעהענטער צוצוקוקען צו דעם לעבען און צו דער נאטור פון פאַלעסטינא, און צוהערען זיך צו דעם, וואָס דיא ציוניסטען זעלבסט דערצעהלען. קיין מאָל ניט ווייטער!

דאָס אָבער שטערט מיר ניט אין דערזעלבער צייט צו פיהלען, אז איך האָב ניט פיעל געזעהען אזעלכע לענדער אויף דער וועלט וויא פאלעסטינא, און איך וויים ניט, וואו דער איד וואָלט אונטער געוויסע אומשטענדען געקענט לעבען שעהנער, וויא אין פאַלעסטינא. און אין ערגעץ ניט, אין ערגעץ ניט, אויף דער גאנצער וועלט האָבען דיא ברידער פון מיין אייגענע ראַסע, דיא קינדער פון אונזער פאָלק ביי מיר ניט ארויסגערופען אזוי פיעל בע־

וואונדערונג און אמת'ע, עהרליכע, אונפארשטעלטע און אינערליכע בעגייסטערונג און ליעבע, וויא דיא יעניגע מענשען פון ציון, וועל־כע טראָגען טאָג־טעגליך, שטונדע נאָך שטונדע זייער בלוט טראָ־פען־ווייז, און זייער הארץ שטיקער־ווייז אויף דעם מזבח פון דער וויעדערגעבורט פון אידישען פאָלק.

איך וואָלט וועלען זיין אימשטאנד פאר אייך צו בעשרייבען קאָלאָניע נאָך קאָלאָניע, און ישוב נאָך ישוב פון דיא אידען פון פאלעסטינא, וויא איך האָב זיי געזעהען.

דאָס וואָלט צופיעל אויסגעצויגען דיעזע בריעף. און עס איז אויך ניט דער צוועק מיינער אין דיעזע בריעף ארייננצוגעהן אין דיא אונגויטיגע דעטאלען.

איך וועל אייך דאָ נור איבערגעבען אזעלכע זאכען, וואָס זיינען נויטיג פאר אייך פון ווייטען צו האָבען א קליינע פאָרשטע־לונג פון דעם אלגעמיינעם כאראקטער פון דיעזע קאָלאָניען.

דיא הויפט בעשעפטיגונג פון דיא אידען זיינען דאָרט פער־פלאנצונגען פון וויין־טרויבען, אָראנזשען, אָליווען, מאנדלען, און ווייטער זעהר וועניג אנדערע זאכען.

פאר וואָס ?

ערשטענס, איז דער באָדען מייסטענס ניט אימשטאנד צו געבען אנדערע פראָדוקטען, און צווייטענס, זיינען דיא מענשען ניט אימשטאנד צו בעשעפטיגען זיך מיט לאנדווירטהשאפט, וויא א פארמער אָדער א בויער.

אזוי ווערט דאָס ערקלעהרט פון דיא מענשען אויפ'ן פלאץ.

איך האָב אָבער נור געפונען דיא ערשטע אורזאכע אלס א ריכטיגע, און ווייל דיא ערשטע אורזאכע איז דיא ריכטיגע, מאכט דאָס זעלבסט שוין אונמעגליך אויסצוגעפינען צו דיא צווייטע אור־זאכע איז וואהר.

און פון דיא ביספיעל בעאָבאכטונג אין ערפאהרונג, וואָס איך האָב געהאט, בין איך ניט נור ניט געניגט אָנצונעהמען, אז אידען קענען ניט זיין קיינע גוטע לאנד־ארבייטער, וויא דיא פארמערס. נור פארקעהרט, מיר דאכט זיך, אז, וואָלט זיך לאנד־ארבייט, וויא אין דער היים גוט בעצאָהלט אין פאלעסטינא, וואָלטען דיא אידען געווען פונקט אזעלכע לאנד־ארבייטער וויא איצט „קאָלאָניסטען“, איך מיין, וויין - גערטנערער, אָדער „באיארען - אייגענטהימער“,

דאָס הייסט, זיי וואָלטען געווען דיא ב ע ס ט ע אין לאַנד.

עס צאָהלט זיך אָבער ניט דיא לאַנד־אַרבייט אין פּאַלעסטינאַ, און מיט מיין גאַנצען וואונש צו זיין ליעב מיינע פריינד פון ארץ ישראל, וואָס וואָלטען וועלען, אז דאָרט איז איבעראַל גן עדן, און אַלץ איז גן עדן, גלויב איך, אז דיא לאַנד ארבייט, דאָס הייכט, פאַרם־אַרבייט, וועט זיך אין דיא מייסטען טהיילען פון פּאַלעסטינאַ קיין מאָהל ניט בעצאָהלען, אויבער, אויסער, ווען דיא וויסענשאַפט וועט פיעלייכט אויסגעפינען אַ וועג וויא צו זעען ווייצען אין זאַמד און קאַרטאָפעל און אוגערקעס אין שטיינער.

ניט אַנדערש און ניט פריהער.

און דאָס וואָס מען ווייזט אָן, אַז דאָ און דאָרט האָט מען ☛ זאַמדיגען באָדען אָדער אַ שטיינערנעם באָדען פערוואַנדעלט אין אַ גאָרטען, וואו עס איז פערזעעט אי מעהרען, אי ציבעלעס, אי קרויט, אי סאַלאַד, אי אפילו קאָרן און וואו עס בליהען בלומען און



דיא „רעפּיד טרענזיט“ פון דיא קאָלאָניעס.

עפעל בוימער, — דאָס אַלץ איז אמת, אָבער מיר האָבען געלעזען, וויא אין דעם אַלטען בבל זיינען געווען גערטנער אויף דיא דעכער פון די הייזער, און אין ניו יאָרק געפינען מיר אויף סקיי־סקריי־פערס אָראַנזשערעען.

דאָס הייסט ניט, אַז מען קען פלאַנצען בוימער אויף סקיי־סקרייפערס און לאָזען וואַקסען באַטשווענע אויף דעכער. דאָס איז ניט אַגריקולטור. דאָס איז ניט קיין לאַנד־ווירטהשאַפט.

דיא פראַגע וואָס אַ באָדען קען געבען, פונקט וויא דיא פראַגע, וואָס אַ באָדען קען ניט געבען, ווערט נור ענטשיעדען, ווען מען נעהמט דאַביי אין אַנבעטראַכט דיא געוויינליכע דורכשניטליכע אַרבייט, וואָס אַ מענש איז ערוואַרטעט צו געבען פאַר דעם באָדען. און פונקט ווי איהר קענט ניט פאַרוואַרפען אַ שטיק לאַנד, דערפאַר וואָס אויף דיזעס לאַנד וואַקסט ניט קיין תבואה אָהן אַקערן און זעען, פונקט אַזוי קענט איהר ניט ערקלעה־רען קיין שטיין פאַר גוטען לאַנד, ווייל דיעזען שטיין קען מען בע־דעקען מיט ערד, און אין דיעזער ערד קען מען פאַרזעען בולבעס אָדער פערפלאַנצען בלומען.

און דער דורכשניטליכער באָדען פון פאַלעסטינא פאָדערט צופיעל אונגעוויינליכע ארבייט פון מענשען מען זאָל עס קענען פון לאַנדווירטהשאַפטליכען שטאַנדפונקט בעטראַכטען אַלס גוטעס לאַנד פאַר געוויינליכער לאַנדווירטהשאַפט.

אָבער עס שטעהט ניט אין דער תורה און ניט אין דער מאָ־ראַל, און ניט דיא וויסענשאַפט פאָדערט, און ניט דער אידעאַל פערלאַנגט, אַז מענשען, אַז אידען מוזען זיך דוקא בעשעפטיגען מיט לאַנדווירטהשאַפט, מיט אַגריקולטור. דאָס הייסט, מוזען אַקער דעם באָדען און זעען ווייץ און קאָרן, און ניט איינפאַך גראָבען און פלאַנצען טרויבען און פאָמעראַנצען.

עס איז פונקט אַזוי שעהן און עהרליך, און עס שטימט איין מיט דיא אידעען פון עהרליכער לאַנד־אַרבייט, ווען מען האָט אַ „באָיאַרע" פון טרויבען, קאַרטאָפעל און סוויט־קאָרן; און מאַנדלען און אָליווען זיינען פונקט אַזאַ עהרענהאַפטע פראָדוקט פון מענש־ליכער ארבייט, וויא קרויט און ציבעלע.

דיא פראַגע איז נור, אויף וויא ווייט דיעזע גאַרטען־ווירטה־שאַפט, דאָס הייסט, דיא סיסטעם פון „באָיאַרעס," וויא זיא איז

איצט אויסגעארבייט אין פאַלעסטינאַ, קען דיענען איהר צוועק, קען העלפען דיא אידען צו רעאַליזירען זייערע גרויסע היסטאָרישע פאָלקס־אידעאַלען.

און דאָ קומען מיר צו דער אַנדער זייט פון דעם פאַלעסטינאַ לעבען, מיר קומען צו דיא שאטענס פון דער קאָלאָניזאַציאָן. ניט צו יענע שאטענס, וועלכע איהר זוכט אין ארץ ישראל צו קוויקען זיך, צו רוהען, צו קיהלען זיך פון דער ברענענדער זונן, נור צו דיא שאטענס, וועלכע איהר זוכט ניט, וועלכע איהר ווילט ניט, דיא שאטענס, וואָס מאַכען פינסטער דיא זונן.

פון דיא פיעלע געשפּרעכען, וועלכע איך האָב געהאַט מיט פיעלע פון דיא בעסטע, דיא ערפאַהרענסטע און דיא אויפריכטיג־סטע און פעהיגסטע קאָלאָניסטען פון **ראשון לציון**, פון פתח תקוה און פון דיא אַנדערע **ארומיגע קאָלאָניעז**, וואָס זיינען וויניגער בע־ריהמט, האָב איך **אויס**געפונען דיא פאָלגענדע פאַקטען, וואָס איך **גיב אייך איבער** פונקט אזוי וויא איך האָב זיי געקראָגען.

איך וועל אָנהויבען פריהער פון אַלץ וויא אַ קאָלאָניסט ווערט א קאָלאָניסט.

צו ווערען א קאָלאָניסט אין ארץ ישראל קען מען אָדער קויפען ביליגען לאַנד פון דיא אראַבער, דאָס הייסט, ניט קיין קולטי־ווירטען, און אָנהויבען עס זעלבסט צו בעאַרבייטען, קולטיווירען, אָדער מען קען אויך קויפען אַ שטיק לאַנד, וואָס איז שוין פער־פלאַנצט, פאַרנאַנדערגעארבייט און גיט שוין פאַרטיגע פּראָדוקטען.

דאָס הייסט, אָדער צו קויפען רויען באָדען און מאַכען פון איהם א „באיארע“ (א מין „אימעניע“) אָדער צו קויפען אַ פאַר־טיגע באַיאַרע.

אליין צו מאַכען אַ באיארע דאַרף געדויערן אַן ערך פון פינף יאָהר. יעדען יאָהר מוז מען ניט נור פאָרבערייטען דעם באָדען, פלאַנצען, רייניגען דיא ערד פון שלעכטע גראָזען, קרייטעכער, איינ־פיהרען וואסער (וואָס קאָסט אַ גאַנצען פערמעגען), נור מען מוז ניט אויפהערען ארבייטען מיט געדונגענע הענד און אויסגעבען פיעל קאפּיטאַלען.

און נאָך דיא פינף יאָהר, קאָסט דאָס לאַנד, פון וועלכע מען האָט געמאַכט א באיארע, אונגעפעהר אזוי פיעל, וויפיעל עס קאָסט

א פארטיגע באיארע, ארייגרעכענענדיג דיא ארבייט, דיא קאפי־טאלען און דיא פראצענטען אויף דיא קאפיטאלען.

וואס קאסט אזא באיארע ?

דאס היינגט נאטירליך אב אן דיא גרויסקייט פון דער באיא־רע. א קליינע באיארע פון 50 דונאם (אן ערך פון 15 אקער), וועלכע א קאלאניסט מוז האבען צו קענען מעהר אדער וויניגער אנשטענ־דיג לעבען, קאסט נאך דיא רעכנונג פון דיא ערפאהרענע מענשען פון פתח תקוה ארום 1200 פראנק א דונאם, וואס הייסט, ניט וויי־ניגער וויא 60,000 פראנק, וואס מאכט 12,000 דאלאר, אדער 24,000 רובעל.

און דאס מוז מען האבען מזומן, איידער איהר קענט ווערען א קאלאניסט. דאס זאגען אייך דיא קאלאניסטען פון ארץ ישראל. וואס אנבעטרעפט דער צוקונפט, ווייכען זיי נור, אז דאס לאנד ווערט ניט ביליגער, נור טהייערער יעדען יאהר, און דיא ארבייט, וואס איז נויטיג צו בעארבייטען דאס רויע לאנד אין א דונאם, ווערט אויך ניט ביליגער נור טהייערער יעדען יאהר.

22.

מיט וועמען מען מוז קאנקורירען אין פאלעסטינא.

איך וויס אז פיעלעס פון דעם וואס איך וויל איצט זאגען, וועט ארויסרופען ביי מאנכע מענשען א געוויסע ענטטוישונג, ווען ניט ווידערשפריכע. איך וועל דארום מעהר ציטירען אנדערע, איך וועל נעמליך פרובירען איבערגעבען דיא לאגע אין פאלעס־טינא, און דיא דארטיגע לעבענס־בעדינגונגען אין ווערטער פון דיא אפיציעלע פערטרעטער פון דער פאלעסטינא בעוועגונג, און פון דיא אפיציעלע אנגעשטעלטע און דאקומענטען.

איהר האט געוויס געהערט וועגען דעם „פאלעסטינא אמט" אין יפו. איך האב וועגען איהם געהערט פערשיעדענעס. איינע ריידען גוט פון איהם, איינינע שלעכט, איינינע דיינקען אז ער האנדעלט צו קאנסערוואטיוו מיט וויניג התלהבות, איינינע — פארקעהרט, אז מען קען בעסער ניט ארבייטען פאר פאלעסטינא וויא דיא מענשען פון דיעזען אמט.

וואס מיר אנבעטרעפט האב איך זיך איבערצייגט אין איינס, אז ווען מען קען זיך פארשטעלען מענשען מיט קלאהרע

קעפּ, און וועלכע ווייסען גענוי וואָס זיי ווילען, וואָס זיי מעגען וועלען, און וואָס זיי טאָרען ניט, זיינען דאָס דיא מענשען פון דעם פּאַלעסטינא אמט אין יפו, און ווידער, ווען איך האָב ווען עס איז געטראָפּען מענשען, וועלכע ערלויבען ניט זייער הארץ צו רעגיערען איבער'ן קאָפּ, און וויעדער וועלכע צווינגען דעם קאָפּ צו רעכענען זיך און אכטען דיא בעוועגונג פון הארץ, זיינען דאָס אלץ דיא מענשען פון דיעזען פּאַלעסטינא אמט אין יפו.

און אָט וויא דיעזע מענשען פון דער עקזעקוטיווע פון דער גאנצער פּראַקטישער ארבייט אין פּאַלעסטינא גיבען איבער אָפּיציעל דיא עקאָנאָמישע פערהעלטניסע און בעזאָנדערס דיא ארבייטער פערהעלטניסע אין לאַנד.

„מענשען אהן א פערמעגען קענען געפינען בעשעפטיגונג אדער אין דיא פפלאנץ־קאלאניען, אין יהודה, (ראשון לציון, רחבות, פתח תקוה, עקרון' א. ז. וו.) אדער אין די וואשווירטשאפט קאלאניען פון גליל; פון אנהויב קענען די ארביי־טער נור רעכענען אויף טעגליכע בעשעפטיגונג, שפעטער קענען זיי אויך קריגען בעשעפטיגונג אויף מאנאט. אזוי ווי די ארבייט איז ציעמליך שווער, מוז מען הא־בען נור יונגע און שטארקע מענשען. דער ארבייטס־טאג איז אכט שטונדען. דער פערדיענסט פון אנהויב איז 1 פראנק און 25 סענטים (25 סענט) א טאג. ער־פאהרענע ארבייטער קענען שפעטער קריגען ביז 2 פראנק (40 סענט) א טאג. דיעזער פערדיענסט איז ניט גענוג אויסצוהאלטען א פאמיליע, דען א פאמיליע פון א מאן, פרוי און צוויי קינדער געברויכט אם ווייניגסטען 75 פראנק א מאנאט. אן אונפערהייראטהער יונגער מענש, קען אבער מיט דיעזען פארדיענסט אויס־קומען... מענשען, וואס האבען אייניגע טויזענד פראנק קאפיטאל, קענען אויך ניט ערווארטען מעהר פון אנהויב, וויא צו ווערען ארבייטער.

און דאָס גיט איבער עהרליך און אויפריכטיג דיא עקאָ־נאָמישע פּארהעלטניסע, דאָס הייסט, דיא ארבייטס פערהעלטניסע אין פּאַלעסטינא. אויסער, נאַטירליך, וואָס מוז בעמערקט ווערען אז מיט 75 פראַנק א מאָנאַט ($15) קען קיין פּאַמיליע פון פיער מענשען נ י ט א ו י ס ק ו מ ע ן, אפילו, ווען זיא, דיעזע פּאַמיליע זאָל זיי האָבען, דיזע 75 פּראַנק, שטענדיג און רעגולאַר. מען קען ניט אויסקומען מיט 15 דאָלער א מאָנאַט אין א לאַנד וואו יעדע זאַך, אויסער וואָהנונג, קאָסט פיעל טהייערער וויא אין אמעריקא, ניט ריידענדיג שוין רוסלאַנד.

אויך דאָס אַליין אָבער גיט ניט איבער אין גאַנצען דעם פּאַקט וואָס מוז זיין א פונדאַמענט פאַר דער גאַנצער טהעאָריע פון קאָלאָניזאַציאָן אין פּאַלעסטינא.

א באיארע איז ניט קיין פאַבריק וואו מען קען פערגרע־

דער „פּאַכאַזש“ פון פּתח תקוה.

סערען דיא צאָהל פון אָנגעשטעלטע מיט דעם וואוקס פון געשעפט. א געוויינליכע, דורכשניטליכע באיארע פון 50 ביז 75 דונאם וואָס דאַרף קאָסטען פון 75 ביז הונדערט טויזענד פראַנק, קען אין גאנצען בעשעפטיגען שטענדיג און דורכשניטליך ניט מעהר וויא א האלב טוטץ ארבייטער. ווען דיא גאנצע קולטיווירטע לאנד אין פּאלעס־טינא זאָל אריין אין אידישע הענד וועט עס קוים קוים געבען א שטענדיגע בעשעפטיגונג עטליכע צעהנדליג טויזענדע — לאָמיר זאָגען א הונדערט טויזענד אידישע ארבייטער.

אָבער דאָס גאנצע לאנד איז איצט ניט אין אידישע הענד, נור אין דיא הענד פון אראבער־מוסולמאנען אָדער אראבער־קריסטען. פיעל לאנד איז אין דיא הענד פון דייטשע קאָלאָניסטען, און זעהר, זעהר זעהר ווייניג אין אידישע הענד.

און דיא אויסזיכטען, ווען עס איז אריינצוקריגען ניט נור דאָס גרעסטע טהייל נור אפילו א גרויסע טהייל פון לאנד אין

אידישע הענד, זיינען זעהר שוואכע, וויא עס ווערט צוגעגעבען פון דיא מעהר קאלטבלוטיגע ציוניסטען־קאלאניסטען.

און עס איז בעגרייפליך.

מיר ריידען דא ניט וועגען דיא פּאליטישע שוועריגקייטען, וועגען דיא שטערונגען, און אפּטמאהל איינפּאכען פארבאט פון דער רעגיערונג צו קויפען לאנד פאר אידען. דאס איז פון זיך זעלבסט יעהר א וויכטיגער ענין, וועגען וועלכען מיר וועלען ריידען שפּעטער.

דיא עקאנאמישע זייט פון דער פראגע איז אונזער איצטיגער ענין, און וועגען דיעזער עקאנאמישער זייט וועלען מיר אויך ריידען.

ביי דיא אראבער איז דאס לאנד ניט נור דיא איינציגע קוועלע פון לעבען און ניט נור דער איינציגער מיטעל צו עקזיסטירען, עס איז אויך זיין גאנצער אינטערעס אין לעבען, זיין געמיינשאפטליכע אמביציע, זיין פּאליטישע בעדייטונג, און ווען דער אראב פאָרמולירט עס ניט און דריקט ניט אויס זיינע געפיהלען אין דיעזע ווערטער, פיהלט ער עס אינסטינקטיוו, און האלט זיך ביי דעם, מיט א פאנאטישען איבערצייגונגס־קראפט וואס איהר קענט נור געפינען אויף דעם אריענט.

אבער דאס וואלט מען פיעלייכט געקענט בייקומען, ווען ניט אנאנדערע אומשטאנד, א פיעל מעכטיגערער און פאטאלער.

יעדע נייע באיארע, יעדער נייער דונאם לאנד וואס ווערט איינגעקויפט פון א אידען, היבט אויף זאפּארט דעם ווערטה פון לאנד אויף מיילען און מיילען ארום. דיזעלבע זאך, דיזעלבע ערשיינונג וואס איהר געפינט אין אמעריקא, געפינט איהר אין פאלעסטינא, אין נאך א גרעבערען מאסשטאב און אין א שנייערענדערער פארם.

מיט פרייד און בעגייסטערונג דערצעהלען אייך קאלאניסטען, וויא זייער לאנד שטייגט אין פרייז יעדען טאג, מיט יעדער נייער קאלאניע, מיט יעדער נייער בוימעלע פון יעדער קאלאניע. און ניט נור זייער לאנד, נור אפילו דאס לאנד פון זייערע ווייטע, ווייטע קריסטליכע און מוסולמאנער שכנים.

נעמליך, וויא דערזעלבער דונאם לאנד, וועלכען אן אראב וואלט געוועזן גליקליך צו פערקויפען מיט 10 יאהר צוריק פאר 50

פראנק, וועט ער היינט שוין ניט פארקויפען פאר 500 פראנק, און איבערהויפט וויל דער אראב שוין מעהר ניט פע־קויפען זיין לאנד, ווייל ער הויבט אן איינצוזעהען, וואס פאר א מאכט דיזעס לאנד ווערט.

און מיט שטאָלץ דערצעהלען זיי אייך ווייטער, וויא דיא אראבער קוקען זיך צו און לערנען זיך ביי דיא אידען דיא בעסערע און מעהר פאָלקאָמענע מעטהאָדען פון גערטנעריי און לאנד־ווירטהשאפט, וויא אפילו דיא אלטע דייטשע קאָלאָניסטען, וועמעס נאָמען און רוהם עס קלינגט איבער דער גאנצער וועלט, — וויא דיעזע רופען דיא אידען זאָלען פלאנצען זייערע גערטנער.

און ווייטער הערט איהר וועגען דיא אונגעהייערע ריעזיגע קולטור־ארבייט, וואָס דיא אידען האָבען אויפגעטהון און טהוען אויף אין לאנד, וויא דער איצטיגער אראב איז גאָר אן אנדערער אין פערגלייך מיט דעם אראב איידער דיא אידען האָבען אָנגעהויבען צו גרינדען קאָלאָניעס.

וויא אמאל פלעגט דער אראב פונקט וויא דער טערקישער פעלאה ברייגגען זיינע לאנד־פּראָדוקטען צום סוחר און ניט וועגענדיג, און ניט מעסטענדיג, ניט וויסענדיג, און ניט טראכטענדיג, פלעגט ער נעהמען אזוי פיעל זילבערנע מטבעות וויפיעל דעם סוחר פלעגט איינפאלען איהם צו געבען פאר דעם; און היינט, פאסירט ניט זעלטען, דאָס ווען אן אראבישער בויער בריינגט זיין סחורה אין שטאָדט, איידער ער שלאָגט פאָר דיא סחורה, געהט ער זיך ערקונדיגען וועגען דיא לעצטע פרייזען אויף דיא גרויסע וועלט־בערזען אין לאָנדאָן, פאריז אָדער בערלין.

וואָס בעדייטעט עס?

עס בעדייטעט איינפאך, אז אין אראב האָט דער איד ניט נור א נאטירליכען קאָנקורענט, און ניט נור א פעהיגען קאָנקורענט, נור אויך דעם שטארקערען קאָנקורענט.

און שטארקער איז דער אראב ניט נור מיט דעם, וואָס ער האָט דאָס לאנד, און דער איד האָט עס ניט, און ניט נור מיט דעם, וואָס ביים אראב איז דאָס לאנד דער איינציגער מיטעל צום לעבען און ביי דעם אידען ניט.

זיין איבערוועגענדע קראפט בעשטעהט אין דעם, וואָס ווען ער, דער אראב איז רייך, דאָס הייסט, ווען ער פארמאָגט זעהר

פיעל לאנד, בעגניגט ער זיך מיט זעהר ווייניג — פיעל ווייניגער וויא דער איד — צום לעבען. און ווען ער, דער אראב, איז אָרעם און האָט גאָר ניט, און מוז געהן ארבייטען פאַר אנדערע, דאַן בעגניגט ער זיך מיט נאָך ווייניגער פאַר דעם אידען.

דען וויא אָרים עס זאָל ניט זיין א איד, און וויא עס זאָל ביי איהם ניט ברענען דיא בעגייסטערונג פאַר דער אידעע, און וויא ער זאָל זיך ניט וועלען מקריב זיין פאַר דעם אידעאַל פון זיין פאָלק, ער וועט ניט קענען וואָהנען אין אַ שטיבעלע פון זאמד, אָהן אַ דאַך און גרויס וויא צוויי קברים אין דער לייגג, און דער אראב קען וואָהנען, און ער וואָהנט אין אזא שטיבעלע.

און דער אידישער פראָלעטאריער, וויא נידריג ער זאָל זיך ניט ארונטערלאָזען אין דעם נאָמען פון זיינע הויכע שטרעבונגען, וועט ניט קענען לאָזען זיין פרוי און קינדער שלאָפען אויף דער הוילער ערד אָהן א קישען צוקאָפּען, און ווען ער פערמאָגט א ציעג — זאָל דיא ציעג שלאָפען מיט איהם צוזאַמען — און דער אראבער פראָלעטאריער איז אויף דעם פעהיג, און ער טהוט עס. פונקט וויא ער איז פעהיג דורכצוקומען דעם גאנצען טאָג מיט א שקאָרענקע קאָרענע ברויט און אַן אָרענזש, פונקט וויא ער איז פעהיג דורכצוקומען זיין גאנצען לעבען מיט איין שטיק לייווענט אויף דיא פלייצעס פאַר אַן אויבער־ראָק, און איין העמד, וועלכע ער בייט איבער פון לינקס אויף רעכטס, און רעכטס אויף לינקס, געוואשען נור איין מאָהל א יאָהר, ביז זיא צופאַלט זיך אין שטיקער.

ווען איך בין געגאַנגען לערנען דיא אידישע לאַגע און דאָס אידישע לעבען אין פאַלעסטינא, האָב איך פיעל צייט מיינע אָבגעגעבען דער לאַגע און דעם לעבען פון דיא אראבער. איך בין אריין אין „וואָהנונגען," וואו ניט איך, און ניט איהר לעזער, וואָלטען וועלען זעהען אַלס שטאַהלען פאַר בהמות, און אין דיעזע וואָהנונגען האָב איך געפונען דיא פאַמיליעס פון אראבער, און איך האָב געפּרובירט זייער עסען, און אויס לויטער מענשליכקייט וואָלט איך געשאָסען מיין הונד, ווען איהם וואָלט אויסגעקומען צו עסען טעגליך דיעזע עסענס.

און מיט זיי, מיט דיעזע אראבער פראָלעטאריער, וועלען מוזען קאָנקורירען דיא אידישע פראָלעטאריער פון פאַלעסטינא, און מיט דיא אראבער בעלי הבתים פון דיעזע פראָלעטאריער. וועלען מוזען

קאָנקורירען דיא אידישע בעלי הבתים פון דיא אידישע פראָלע־טאריער.

איך געדיינק, וויא דעם ערשטען טאָג, ווען איך בין אָנגעקומען קיין פאלעסטינא, האָב איך בעזוכט א קלוב פון דיא פועלי ציון אין יפו. איך האָב דאָרט אָנגעהויבען פארנאנדערצופרעגען דיא מענשען אין קלוב, וויא זיי לעבט זיך, וויא עס לעבט זיך איבער־הויפט אין פאלעסטינא, און בעזאָנדערס וויא עס לעבען דיא אידי־שע ארבייטער. מיר זיינען געקומען אויף דער פראגע פון דיא לע־בענסמיטעל און נאָכדעם וויא איך האָב אויסגעפונען, וואָס עס קאָסט ברויט און מילך און גרינס, האָב איך געפרעגט, וואָס עס קאָסט א פונט פלייש אין יפו, און איך האָב זיך געוואונדערט, דאָס קיינער האָט מיר ניט געקענט געבען קיין גענויע אנטוואָרט.

— וואָס חידוש'ט איהר זיך — האָט איינער בעמערקט מיט

דער „סיטי האָלל“ און דער „סיטי מעיאָר“ פון ראשון לציון.

א ביטערען שמייכעל — דאָ אין קלוב זיינען ניט קיין קאפּיטאליסטען, נור אַרבייטער. פון וואַנען זאָלען דיא ארבייטער וויסען וואס עס קאָסט פלייש?

שפּעטער האָב איך זיך איבערצייגט, אז דיעזע איבערטרייבונג איז ניט געווען קיין זעהר גרויסער פּאראדאָקס.

23.

אויפ'ן וועג צום נייעם ציון

צו ווערען א לאנד פון אגריקולטור, פון לאנד־ווירטהשאפט, דארף מען האבען פיעל לאנד, גוטען, פרוכטבארען לאנד. צו ווערען א לאנד פון אינדוסטריע, דארף מען האבען פיעלע מינעראלען, אדער קויל, אדער רוי מאטעריאל פאר אינדוסטריע. אויסער דעם דארף מען האבען א געוויכע צענטראלע לאגע, וואסער־וועגען, האנדעל־פענס, אדער פארטיגע פערקעהרס מיטעל, אדער מיטעל צו שאפען אזעלכע פארקעהרס־מיטעל.

און וועהרענד דיא מענשען, וואס וואהנען אין פאלעסטינא און ארבייטען דארט, זיינען טיעף און אינערליך איבערצייגט, אז פאלעסטינא האט דאס אלץ; נעמליך, אז איהר לאנד איז רייך און פרוכטבאר, און איהר לאגע איז צענטראל, און אז פון דיא בערג און שטיינער קען מען ארויסקריגען עשירות, און אז וועגען קענען און וועלען געבויט ווערען, און האפענס קענען און וועלען געשאפען ווערען, און פאלעסטינא פון דער צוקונפט קען ווערען א פאלעס־טינא פון דער פערגאנגענהייט, — — —

וועהרענד, זאג איך, דיא מענשען, וואס זיינען אויפ'ן פלאץ, זיינען עהרליך און אויפריכטיג איבערצייגט אין אלעם דעם, מוז איך פון מיר זעלבסט זאגען, אז א זייטיגער מענש, וואס איז ניט קיין זעהר פארקאכטער ציוניסט קען גלויבען דיעזע זאכען, נור מיט א געוויסער אנשטריינגונג פון דער פאנטאזיע און מיט אן אונענדליכען גלויבען אין אלמעכטיגקייט פון דעם ווילען און התלהבות פון אידישען פאלק.

אבער איך מוז אפען צוגעבען, אז איך בין ניט אריין טיעף גענוג אין דיא אלע דעטאלען פון דער פראגע צו וואגען ארויסצו־טרעטען מיט מיינע איינדריקע געגען דיא פאזיטיווע בעהויפטונ־גען פון דיא מענשען, וועלכע בעטראכטען זיך זעלבסט אלס אוי־טאריטעטען און אלס אויטאריטעטען ווערען זיי אויך בעטראכט פון אנדערע — אין פאלעסטינא.

וואס איז אבער פאר מיר קלאהר, גאנץ קלאהר, אזוי קלאהר, דאס אלע אויטאריטעטען פון דער וועלט וועלען מיך ניט א ריהר

טהאָן פון אָרט אין מיין איבערצייגונג, איז, אז צוגעבענדיג אלץ וואָס ווערט בעהויפּטעט וועגען דעם פּאלעסטינא באָדען, און פון דער געאָגראַפישער לאַגע פון פּאלעסטינא, און פון אלע צוקונפטיגע מעגליכקייטען פון פּאלעסטינא, און אָננעהמענדיג אפילו, אז דער גאַנצער באָדען, וואָס געפינט זיך איצט אין דיא הענד פון דיא אראַ־בער, וועט דורך וואָס עס איז פאַר אַן עקאָנאָמישען וואונדער אי־בערגעהן אין אידישע הענד, און ווייטער, צולאָזענדיג זאָגאַר דיא מעגליכקייט, אז דיא פּאָליטישע בעדינגונגען פון דער נייער טערקיי וועלען ניט שטערען דיזען וואונדער צו געשעהען, — אָננעהמענדיג דאָס אלעס און צוגעבענדיג דאָס אלעס, און גלויבענדיג אין אלעם דעם, בלייבט פאַר מיר איין זאַך קלאָהר, און דאָס איז, אז פּאַ־לעסטינא האָט ניט און קען ניט האָבען און וועט אויך ניט האָבען גענוג געברויכבארען באָדען צו ערנעהרען און אויפצוהאלטען וויא עס דאַרף צו זיין דיא אלע פערצעהן מיליאָן אידען, וואָס זיינען היינט דאָ אויף דער וועלט. אָננעהמענדיג, אז 14 מיליאָן וועלען נור פאַרבלייבען אויף אימער און אייביג, און דעם ערשטען געבאָט פון דער תורה, פּרו ורבו, וועלען מיר פאָרלויפיג סוספּענדירען.

און דאָס גיט אַ נייע ווענדונג, און אַ גאַנץ פערשיעדענעם שיין דער פראַגע.

נעמליך, דער גרויסער פראַגע צייכען, וואָס דיא געשיכטע האָט אוועקגעשטעלט פאַר דיא מענשהייט: וואָס זאָל מען טהאָן מיט דיא אידען, וואו זאָל מען אהינטהאָן דאָס היימאַטהלאָזע פאָלק וואָס בלאָנדזשעט ארום ניט 40 יאָהר אין אַ מדבר, נור איבער צוויי טויזענד יאָהר אין גלות, — וואָהין זאָל מען אהינטהאָן, וויא זאָל מען געבען אַ היים דיעזע היימאַטהלאָזע מיליאָנען?

איך האָב געזאָגט, „ווען, ווען, ווען“ . . .

ווען מיר זאָלען אָננעהמען, אַז אלץ איז ריכטיג וועגען דעם לאַנד, וואָס ווערט בעהויפּטעט פון דיא ענטהוזיאסטען פון פּאלעס־טינא; ווען דורך אַ וואונדער וועלען דיא אידען קענען ארייבקרי־גען דעם באָדען פון דיא הענד פון דיא אראַבער; ווען דיא נייע טערקישע רעגיערונג וועט עס ניט שטערען.

אין דאַן . . .

אין דאַן, דער וואונדער פון אלע וואונדער. ווען דיא אידען,

קריגענדיג דעם באָדען פון פּאַלעסטינאַ אין זייערע הענד, וועלען אויך קריגען מיט דעם באָדען דאָס לאַנד.

דאָס הייסט, מיט דער ערד פון פּאַלעסטינאַ, אויך דיא פּאָלי־טישע מאַכט אין פּאַלעסטינאַ.

און אויף דעם האָבען אויפגעגעבען אַלע האָפנונגען אפילו דיא פאַרביסענסטע פון אַלע ציוניסטען, דיא מענשען, וועלכע אין זייער בעגייסטערונג פאַר דעם לאַנד פון אַלטען יודענטהום, האָבען שיער ניט צו־פוס אריבערגעבראָדזשעט דעם ים הגדול, דיא מענ־שען, וועלכע אין זייערע התלהבות פאַר דאָס הייליגע לאַנד האָבען זיך ענטזאגט אַנצוערקענען ניט נור דיא לעקציאָנען פון דער אַל־טער געשיכטע, נור דיא פאַקטען, וועלכע זיי זעהען מיט זייערע אייגענע אויגען, הערען מיט זייערע אייגענע אויערען. דיעזע פאַ־נאַטיקער פון ציוניזמוס, דיעזע ברענענדיגע ענטהוזיאַסטען גיבען היינט צו אָפען, אז א זעלבסטשטענדיגע אידישע מלוכה אין פּאַ־לעסטינאַ איז א חלום וואָס קען ניט מקוים ווערען, אז דער אַלטער טרוים פון דיא ערשטע ציוניסטען וועגען א יודענשטאַאט מיט א נייעם בית המקדש אויף דעם פונדאַמענט פון דעם אַלטען — אז דאָס איז גאַנץ אויסגעשלאָסען, אויף אזוי ווייט, וויא מיר קענען נור כאַפּען דיא צוקונפט מיט אונזער אויג.

ניט אַלע פון דיא ציוניסטען נאַטירליך, האָבען זיך אין גאַנ־צען אָפּגעזאָגט פון דעם וואָס זיי רופען „פּאָליטישען ציוניזם.“ נאָך ווייניגער האָבען דעם מוטה אָפען צוצוגעבען, אז זיי האָבען פערלאָרען זייער גלויבען אין דעם, וואָס האָט פאַר זיי זיך אמאָהל בעוויזען אלס דער פונדאַמענט, דיא נשמה פון דעם ציוניזם. יע־דער טאָג פאַרגרעסערט אָבער דיא צאָהל פון דיעזע מענשען אין פּאַלעסטינאַ, וואָס הויבען אָן צו פיהלען דיא צוועקלאָזיגקייט, דיא האָן־קיכאָטכטווא פון דיא אַלטע חלומות און הייבען אָן אָפען צו ריידען וועגען דיא נויטווענדיגקייט פון א נייע פילאָזאָפיע און אויך א נייע פראַקטיקע פאַר דיא קינדער פון ציון.

און אַלץ וואָס דער לעבען ארום זיי, און דיא מענשען ארום זיי, און דיא רעגיערונג איבער זיי קען טהאָן צו עפענען דיא אויגען אויף דיא ווירקליכקייט, אַלץ וואָס אויך געטהאָן, זיי זאָלען דער־פיהלען דיעזע ווירקליכקייט.

דיא נייע טערקישע רעגיערונג לאָזט ניט דורך קיין געלעגענ־

הייט צו לאָזען וויסען דיא אידען פון פּאַלעסטינאַ, אז זיי זיינען דאָרט „פרעמדע,“ און וועלען נור געדולדעט ווערען ביז דעם אויגענבליק, ביז זיי וועלען ניט ווערען צו אונרוהיג, צו אונבעקוועם, צו געפעהרליך פאַר דער גאַנצהייט פון דער איצטיגער טערקישער מלוכה. אז ניט נור וועט דיא טערקישע רעגיערונג ניט צולאָזען אַזאַ זאַך, וויא דיאַ זעלבסטשטענדיגקייט פון אַ פּאַלעסטינאַ'ר מלוכה, אז זיא וועט אפילו ניט צולאָזען דיא אידען זאָלען זיך צופיעל פערשפּרייטען איבערן גאַנצען לאַנד אלס לאַנד־אייגענטהימער. עס איז שוין היינט צו טאָג פאַר אַ אידען שווערער צו קויפען אַ שטיק לאַנד אין טערקיי, וויא אין געוויסע געגענדען אין רוסלאַנד.

און נאָך מעהר. דיא טערקישע רעגיערונג האָט שוין אָנגעהויבען צו בעשרענקען דיא אידישע אימיגראַציאָן. זיא האָט נאָך ניט פיעל אויפגעטהאָן אין דיעזער ריכטונג, ווייל זיא איז נאָך ניט שטאַרק גענוג און ניט גוט גענוג אָרגאַניזירט. איהר פאָדערונג פון רייזע־פּאַסען פון אידען, און בעפעהל ניט צו ערלויבען אַן אויסלענדישען איד, אפילו מיט אַ פּאַס צו פערבלייבען אין פּאַלעסטינאַ מעהר ווי 3 מאָנאַטען, האָט ביז איצט קיינע פּראַקטישע פאָלגען פאַר אידען ניט געהאַט; אָבער דיא טענדענץ פון דער רעגיערונג און איהר שטעלונג אין דער גאַנצער פראַגע, און וואָס מען קען און מען דאַרף ערוואַרטען פון איהר אין דער צוקונפט, האָט זיא, דיא רעגיערונג קלאָהר בעוויזען, אַז מען מוז ווירקליך זיין וואַהנזיניג אָנצונעהמען, אז אונטער אַזעלכע אומשטענדען קען מען ערוואַרטען אַ יודענשטאַאַט, וויא דאָס האָבען אַמאָל געחלומ'ט דיא ציוניסטען, ווען זיי זיינען געוועזען אין זייער פּאָליטישער וויגעלע.

און ניט דיא טערקישע רעגיערונג אליין שטעהט אין וועג פון דעם אַלטען פּאָליטישען ציוניזם.

דיא רעגיערונגען פון אַנדערע לענדער פיהלען וועגען דעם נאָך שטאַרקער וויא דיא טערקישע. מען דאַרף זיין אין פּאַלעסטינאַ נור עטליכע טעג, האָבען אַ געלעגענהייט צו ריידען מיט דיא פאַרטרעטער פון דיא פאַרשיעדענע אייראָפּייאישע רעגיערונגען נור איניגע מינוט זאָפאָרט צו דערזעהען דעם אמת וועגען דעם וויא דייטשלאַנד, אָדער רוסלאַנד, אָדער עסטרייך, אָדער פראַנקרייך זאָגאַר וואָלט זיך בענומען צו אַזאַ זאַך, וויא אַ „יודענשטאַאַט“ אין פּאַלעסטינאַ.

מען דערצעהלט, אז אין אַ דיסקוסיאָן מיט איינעם אַזאַ פאַר־

אָרקעסטער פון דיא שילער פון תל אָביב גימנאזיע.

טרעטער פון א פרעמדע רעגיערונג, וועגען א יודען־שטאאט אין פאלעסטינא, האט א בעקאנטער ציוניסט זיך אויסגעדריקט: וואס מאכט אייך (אייראפא) אויס, ווער עס וועט רעגיערען אין פאלעס־טינא? איצט שטעהען טערקישע סאלדאטען און היטען דיא קרים־טען זאלען זיך ניט ארומשלאגען אויף דעם קבר פון זייער גאט, און אז אידען וועלען האבען פאלעסטינא, וועלען אידישע סאלדא־טען טהאן דאסזעלבע, — וואס איז דיא נפקא מינה?

אלס א וויטץ איז דאס זעהר געלונגען, אלס פאליטישער אר־גומענט איז דאס אבער זעהר שוואך. פאר דער קריסטליכער אייראַ־פא איז ניט געפעהרליך, ווען אויף דעם קבר פון זייער גאט שטעהט א פרעמדער טערקישער יון מיט א ביקס. דער עסק וועט זיין גאר אן אנדערער, ווען אויף דעם קבר פון זייער יעזוס וועט שטעהען א בעוואפענטער סאלדאט פון יענעם פאלק, וועלכעם זיי בעשולדיגען אין גאטעס־מארד.

ווען עס קענען זיך אבער געפינען מענשען, וואס צווייפלען אין דער שטעלונג פון אייראפא צו א „יודען־שטאאט" אין פאלע־סטינא, קענען דאס זיכער ניט זיין דיא ציוניסטען, וואס וויסען דיא געשיכטע, וויא דער פערשטארבענער הערצל האט אונטערהאנ־דעלט מיט ווילהעלם'ן, וויא ווילהעלם האט זיך פון אנהויב בעגיי־סטערט פאר הערצל'ס אידעאל, און וויא שפעטער האט ער פאר־קירעוועט דיא אגלאבלעס.

דיעזער וויכטיגער היסטארישער אינצידענט בעלייכטעט דיא גאנצע פראגע אזוי העלל, אז נאך איהם קען מעהר ביי קיינעם ניט בלייבען קיינע צווייפעל. ליידער אבער האבען דיא מענשען, וואס זיינען בעקאנט מיט דיעזער סענזאציאנעלסטער פון אלע סענזאצי־אנעלע מאמענטען אין דער היסטאריע פון אונזער פאלק, בעשלאַ־סען, אז עס איז נאך ניט בעקוועם ארויסצוטרעטען מיט דעם פאר דער עפענטליכקייט.

אלזא, ניט דאס לעבען, ניט דיא עקאנאמישע אומשטענדען, ניט דיא ראיעלע פארהעלטניסע פון פאלעסטינא, ניט דיא רעגיע־רונג פון טערקיי און ניט דיא רעגיערונגען פון אנדערע לענדער, לאזען צו דיא מעגליכקייט אידען זאלען קריגען פאר זיך פאלעס־טינא, וואס דאס האבען אמאל געוואונשען, וויא וועגען דעם האבען אמאל גע'חלום'ט דיא ציוניסטען פון אלע לענדער.

טאָ וואָס־זשע דאַך איז פארבליעבען פאַר דיא ציוניסטען, וואָס־זשע דאַך קענען דיא ציוניסטען אויפטהאָן אונטער זייער פאָהן פון ציון און מיט זייער אידעאל פון ציוניזמוס?

אַט דאָ וועלען מיר קומען צו דעם נייעם ציוניזמוס וויא ער ווערט פערשטאַנען און געפּרעדיגט פון דיא ציוניסטען, וואָס האָבען מעהר ערפאַהרונג, מעהר קענטנים און זוכען פּראַקטישע ארבייט אויף דעם וועג צו זייער אידעאל.

צו זיי וויל איך קומען אין מיין פאָלגענדען בריעף.

24.

ווער עס מעג און ווער עס טאר ניט געהן קיין פּאַלעסטינאַ

אויף וואָס האָפען דיא אידען פון פּאַלעסטינאַ, און וואָס ווילען זיי, נאָכדעם וויא זיי האָבען זיך איבערצייגט, אז וועגען א זעלבסט־שטענדיגע אידישע מלוכה קען דאָרט פאָרלויפיג מעהר קיין רייד ניט זיין?

צוויי זאכען ווילען זיי, און אויף צוויי זאכען האָפען זיי.

ערשטענס, אז דיא אידען זאָלען ווערען א גרויסע עקאָנאָמישע מאכט.

און צווייטענס, אז אידען זאָלען אין פּאַלעסטינאַ פאר זיך בע־שאפען דאָס, וואָס זיי רופען א קולטורעלען צענטער.

אָט פונקט וויא פּאריז איז א צייט־לאנג געווען א וועלט־צענטער פאר ליטעראַטור און קונסט; וויא איטאַליען איז געווען אמאָל דער וועלט־צענטער פון מוזיק, וויא ענגלאנד איז ביז ניט לאנג צוריק געווען דער צענטער פון דער וועלט־אינדוסטריע, פונקט אזוי האָפען דיא ציוניסטען צו פערוואנדלען פּאַלעסטינאַ אין א קולטור צענטער פון אידישען פאָלק.

דאָס הייסט, אין א לאנד וואו עס וועט ווערען קולטיווירט דיא שפּראַכע פון אידען, דיא ליטעראַטור פון אידען, דיא קונסט פון אידען. א לאנד, וואו אויף דאָס נייע וועט געבאָרען ווערען דיא אַלטע העברעאישע שפּראַך. א לאנד, וואו אידען וועלען ענטוויק־לען דעם גייסט און דיא אידעאַלען פון אידישען פאָלק. א לאנד, וואו דיא אידישע יוגענד וועט ערצויגען ווערען און געבילדעט ווע־רען, אָנצופיהרען דעם אייביגען, דעם אונאויפהערליכען קאַמפּף פאר דעם לעבען און פאָרטשריט פון אידישען פאָלק.

דאָס הייסט פּשוט, איבערזעצט אין דיא שפּראַכע פון וואָכע־דיגען פּאַרקעהר, אז דיא ציוניסטען, אויפגעבענדיג יעדע האָפנונג דערווייל אויף א אידישע מלוכה אין פּאַלעסטינאַ, זיינען צופריע־דען מיט דער איינפאַכער ארבייט צו גרינדען אידישע קאָלאָניען, וואו א ג ע װ י ס ע צ אָ ה ל אידען זאָלען קענען לעבען מעהר

אָדער וויינינגער אנשטענדיג, גרינדען שוהלען, אינסטיטוטען, פּאָלי־טעכניקומס און איניווערזיטעטען, פאַר דיא אידען, וואָס ווילען זיך בילדען, און דאַן ריידען צווישען זיך און שרייבען פאַר אנדערע אין העברעאישער שפּראַך. אין העברעאישער שפּראַך זאָלען אויך די קינדער קריגען זייער אונטעררריכט. אין העברעאיש זאָלען אויך איבערגעגעבען ווערען אלע וויסענשאַפטען און קינסטע אין דיא העכערע שוהלען, אוניווערזיטעטען און אקאַדעמיעס.

דאָס איז וואָס מען רופט דיא „פּראָגראַם מינימום,“ און דאָס איז אויך דיא פּראָגראַם מאַקסימום פון דעם נייען ציוניזמוס וויא ער ווערט אָפען צוגעשטאַנען אין דיא ניט אָפענע דעבאַטען און ווערט ניט אָפען צוגעשטאַנען אין דיא אָפענע דעבאַטען.

איז דיעזע פּראָגראַם א מעגליכע? קען מען דורכפיהרען, איז עס ווערט צו ווע‍לען קעמפּפען, צו אָפּפערן פאַר דעם?

וועגען דער העברעאישער שפּראַך זעלבסט וועט מיר אויסקו־מען נאָך צו ריידען בעזונדער. דיעזען ענין, וועל איך ווידמען א בעזונדער בריעף.

וואָס אנבעטרעפט דיא אנדערע פאָדערונגען און ווינשע פון דער אידיש־ציוניסטישער אינטעליגענץ, זעה איך ניט וועך און וואָס קען האָבען געגען דעם, איך זעה ניט איין פאַר וואָס אידען, וואָס לייקענען דעם ציוניזמוס אלס פּאָליטישען אידעאַל, קענען ניט מיט הארץ און זעעלע שטיצען דעם ציוניזמוס אין זיין איצטיגער קול־טור פאָרמע, אין זיין איצטיגען פּראַקטישען שטרעבען.

איך הייב אָן טאַקע פון דער קאָלאָניזאַציאָן אין פּאַלעסטינא.

וויא איך האָב שוין געזאָגט, גלויב איך ניט, אז דיא קאָלאָני־זאַציאָן פון ארץ ישראל קען ווען עס איז ערהייכען א שטופּע, אויף וועלכער זיא זאָל אימשטאַנדע זיין צו לייזען דיא גרויסע אידישע גלות פראַגע אין גאַנצען און פאַר אלעמען.

אָבער עס וואָלט געווען דום און ערגער פון דום צו לייקענען דעם פאַקט, אז פאַר דיא דאָזיגע אידען, וואָס זיינען אימשטאַנד זיך צו פערשאַפען א „באַארע“ אין יהודה אָדער א פאַרם אין גליל, אז פאַר דיעזע פערזענליך ווערט דיא פראַגע געלייזט און גוט געלייזט דעם אויגענבליק, וויא זיי בעזעצען זיך אויף זייער לאַנד.

און ווען איהר וועט מיר ערלויבען, אייך אידען פון אמעריקא,

בתי מושב זקנים וזקנות בירושלים

זאָגען דעם גאַנצען אמת, וועל איך צו דעם צולייגען נאָך עטליכע ווערטער.

ווען צו מיר זאָל קומען א גוטער פריינד און זאָגען, אז ער האָט עטליכע טויזענד דאָלאר — לאָמיר זאָגען 6 אָדער 7 טויזענד דאָלאר, און איהם איז נמאס געוואָרען דאָס לעבען אין דעם שטוב, דאָס לעבען אין דער ענגשאפט, דאָס לעבען אין דעם גהינום פון די טענעמענטס און שאָפּס פון ניו יאָרק, און אז ער וויל, ווי א זיינער א פריינד, קויפען זיך א פארם ערגיץ אין די קעטסקילס און דאָרט נאָהענט צו דער נאַטור און אין פריעדען מיט דער מענשהייט אויפצוהאָדעווען זיינע קליינינקע און ענדיגען זיין לעבען, — ווען אימיצער זאָל קומען צו מיר און דערצעהלען מיר דאָס, און פרעגען מיין עצה...

דאַן וועל איך איהם זאָגען, הויך און ענטשיעדען וועל איך איהם זאָגען: געה ניט אין די קעטסקילס, קויף דאָרט ניט פאר זיך א פארם מיט שטיינער און מיט באָרדערס, וואַרט ניט אויף ניסים, האָף ניט אויף „טראָמבע,“ נור נעהם דיינע עטליכע גראָשענס, געה נאָך פּאַלעסטינאַ, און בעזעץ זיך דאָרט אויפ'ן לאַנד — עס וועט פאר דיר בעסער זיין, דו וועסט גליקליכער לעבען, ווי וואו עס איז אויף א פארם אין אַמעריקאַ.

רוים איז ניט אויסגעבויט געוואָרען אין איין טאָג, און ירושלים איז ניט חרוב געוואָרען אין איין טאָג. עס געדויערט א צייט איידער עס קומען פאָר גרויסע איבערקעהרענישען. מען קען ניט אין איין דור מאַכען דעם איד פאַר א פאָלקאָמענעם פארמער, מען קען ניט מיט אַמאָהל מאַכען דעם לעבענסלענגליכען קרבן פון גהעטאָ פאר אוים שטאָט־מאַן.

די פּאַלעסטינער באַיאַרע איז דער לאָגישער איבערגאַנג פאר דעם איד פון דער גהעטאָ אין א איד פון דער פרייער נאַטור. איך ווייס, אז עס זיינען דאָ אידען וואָס קענען שוין היינט ווערען פולגעבאַקענע פאַרמערס. זיי אָבער האָבען ניט די מיטעל און די וואָס האָבען די מיטעל האָבען ניט אימער די פעהיגקייט.

א באַיאַרע אין א אידישער קאָלאָניע אין פּאַלעסטינאַ גיט דעם אידען אַלץ, וואָס א פאַרמע צווישען קריסטען אין די קעטסקילס. זי גיט איהם אַלץ, וואָס ער קען האָבען אין די קעטסקילס, און נאָך מעהר.

זיא וועט איהם אָבער ניט געבען דיא קריינקונגען, זיא וועט איהם ניט געבען דיא ערניעדערונג, וואָס דער איד האָט, ווען ער ווערט אַ פאַרמער צווישען קריסטען.

ער וועט ניט הערען וויא שכנים לאַכען איהם אויס, ער וועט ניט וויסען פון קלענערע און גרעסערע רדיפות פון דיא ארומיגע קריסטען. זיינע קינדער וועלען ניט בעליידיגט ווערען און געשלאָ־גען ווערען אין דער שוהלע, און דיא אינשורענס קאָמפּאַניעס וועט־לען זיך ניט ענטזאגען צו פאַרזיכערען זיין הויז געגען פייער, ווייל דער בעל הבית איז אַ איד.

און אין געריכט וועט ער ניט נור ניט פאַרלירען יעדען פראָ־צעס, ווייל דיא ריכטער האַסען איהם אלס אַ איד, ער וועט אויס־געפינען, אז ער, דער איד, ווערט געבעטען פון דיא ניט אידישע שכנים ער זאָל זיין זייער דין ובית־דין, און וואָס ער זאָגט, ווערט הייליג אויפגענומען און געפאָלגט פון דיא ניט־אידען.

יא, יא, — דאָס האָב איך געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען. מיט מיינע אויערען האָב איך געהערט וויא דיא אראבער ווענדען זיך צו דיא אידען, זיי זאָלען זיין זייערע ריכטער אין וויכטיגע שטרייט־פראַגען. מיט מיינע אייגענע אויגען האָב איך געזעהען, וויא דיא אַראַבער האָבען זיך אָבגעזאָגט צו נעהמען געלד פון פרעמדע רעגיערונגען, וועלכע זיי קענען ניט, האָבען אָבער מיט פרייד אָנגענומען קליינע אַסיגנאַציעס, וואָס אַ אידישע קאָלאָניע האָט ארויסגעלאָזען פאַר זיך צווישען איהרע אייגענע מיטגליעדער, כדי בייצוקומען דיא שוועריגקייטען פון מאַנגעל אין קליינע מטבעות, און ניט צו געבען אַ מעגליכקייט דיא געלד־בייטער צו שינדען דיא הויט.

און ווען אַ איד, וואָס האָט נור מיטעל גענוג צו קויפען אַ פאַרמע אין דיא קעטסקילס, און ניט מעהר, און האָט קינדער, און וויל דיא קינדער זאָלען ערצויגען ווערען, אין געבילדעט זיין, און ער האָט קיינע מיטלען זיי ניט צו שיקען אין אַ ווייטע שטאָדט און וויל זיך ניט שיידען פון דיא קינדער, דאן וועל איך איהם ערשט זאָגען, געה קיין פּאַלעסטינאַ און ניט אין דיא קעטסקילס, אָדער אויף וואָס עס איז פאַרם, וויא דיא קעטסקילס, דען דאָס וואָס פּאַ־לעסטינאַ גיט שוין היינט צו טאָג פאַר דיא קינדער פון דיא אידישע קאָלאָניסטען, און וועט באַלד געבען נאָך מעהר, — דאָס וועט קיין

קאָלאָניע אין אמעריקא און אין ערגעץ ניט קענען געבען אידישע קינדער אונטער איצטיגע אומשטענדען.

איך האָב ניט געזעהען אויף דיא אידישע פארמס פון אמע־ריקא אזא אידישע יונגוואַרג, וועלכע איך האָב געזעהען אין דיא אידישע קאָלאָניען אין פאלעסטינא. אין פאלעסטינא און נור אין פאלעסטינא קענט איהר געפינען א 17־יאָהריגען אידישען אינגעל, אויף א פערד מיט א ביקס אין האנד, יאָגענדיג זיך נאָך אראבער, און ניט אנטלויפענדיג וויא א האָז.

ניט אין דיא אמעריקאנער קאָנטרים, און ניט אין דיא אמעריקאנער שטעדט, און ניט אין דיא אמעריקאנער שאפּס, און ניט אין דיא אמעריקאנער שוהלען, און אויך אין ערגעץ ניט אין אייראָפּא, האָב איך געזעהען, דיא קינדיש־ריינע, דיא געשלעכטליך ציכטיגע, דיא ריהרענד־אונשולדיגע אידעאל־מאָראלע פארהעלטני־סע וויא איך האָב עס געפונען ביי דער אידישער יונגוואַרג אין פאלעסטינא.

דיזען גייסט קענט איהר נור ארויסברייננגען איצט ביי אידישע קינדער אין פאלעסטינא און אין קיין אנדער פלאַטץ ניט.

ווען איך וועל אין מיין נעקסטען בריעף אייך איבערגעבען דיא סאָציאלע אטמאָספערע, דיא אלגעמיינע פּאָליטישע צושטענדע, און דיא אלע פערשיעדענע מעגליכקייטען פאר א קולטורעלער אר־בייט פון דיא אידען אין פאלעסטינא וועט איהר אויך וויסען פאר וואָס.

דערווייל אָבער וויל איך, אז איהר זאָלט ניט פארגעסען, אז איך רייד דאָ נור וועגען אזעלכע אידען און נור אזעלכע וואָס האָבען א קאפּיטאל און ווילען א פארם און ווייסען ניט וואו, וויא און וואָס.

אויך אידען, וואָס האָבען געוויסע פּראָפעסיאָנען, קענען זיין פּיאָנערען אין לאנד, און אידען וואָס האָבען דיא מיטעל צו שאפען נייע אינדוסטריען, און האָבען קיין מורא ניט פאר דיא ווינטען וואָס טרעפען דיא ערשטע שוואלבען.

אנדערע אידען אָבער שיק איך ניט קיין פאלעסטינא, פאר זיי איז דאָס לאנד פאָרלויפיג ניט פארטיג!

25.

וואו עס קען און וואו עס קען ניט בליהען דיא אידישע קולטור

איך האָב אין לעצטען בריעף מיינעם געשריבען פאר וועמען עס לוינט זיך פּאַלעסטינאַ און פאר וועמען זיא לוינט זיך ניט; און אויך, ווער עס לוינט זיך פאר איהר און ווער עס לוינט זיך ניט; איך מיין דאָ נאַטירליך פון דעם שטאַנדפּונקט פון קאָלאָניזאַציאָן.

און איך האָב בעוויזען, אַז נור מענשען מיט געלד, און אויך מיט חשק פאַר לאַנד־אַרבייט, מענשען, וואָס האָבען פערלאָרען יעדען אינטערעס און געפיהל פאר דעם וואָס מען רופט אין אַמעריקאַ און אייראָפּאַ צ י וו י ל י ז אַ צ י אָ ן, און וואָס דיא מענשען פון פּאַלעסטינאַ רופען מיט גיפט „ס י פ י ל י ז אַ־צ י אָ ן“, — ניט קיין אָרימע לייט, און ניט קיין קראַנקע, און ניט קיין מוטהלאָזע, און ניט קיין לייכטען לעבען זוכענדע, און לייכטען לעבען געניסענדע אידען, און ניט קיין ארבייטער וואָס האָבען נור זייער אַרבייטס־קראַפט צו פערקויפען קענען לעבען, און הנאה האָבען פון דעם לעבען אין פּאַלעסטינאַ.

אָבער אויסער דיזע איז דאָ נאָך אַ סאָרט מענשען וועמען עס איז גוט אין פּאַלעסטינאַ, אַן אַנדער קלאַס, און מיט אַנדע־רע אויפגאַבען אין לעבען, — דאָס איז דיא אידישע נאַציאָנאַליסטישע אינטעליגענץ, דיא מענשען וואָס ווילען זיך ווידמען צו שאַפען אַ נאַציאָנאַלע אידישע קונסט, אַ נאַציאָנאַלען אידישען קולטורעלען צענטער.

פאַר דיזע, מוז איך אָפען צוגעבען, איז ניטאָ און קען ניט זיין קיין פּאַסענדערער פּלאַץ, קיין מעהר געאייגענטע טעריטאָריע וויא פּאַלעסטינאַ.

און ווען איך זאָג „פּאַלעסטינאַ“, מיין איך דאָס ניט פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַלטע סענטימענטאַלע טראַדיציאָנען, זיכער ניט פון דעם שטאַנדפּונקט פון צוקינפטיגע ציוניסטישע אוטאָפּיען. איך מיין דאָס איינפאַך פון דעם שטאַנדפּונקט פון רעעלע געשיכטליכע פאַרהעלטניסע, איך מיין דאָס פון דעם שטאַנדפּונקט פון דיא

הארטע און קאָנקרעטע פאקטען פון פּאָליטישען און געזעלשאפטלי־
כען לעבען פון לאנד.

און איך וועל ערקלעהרען ווארום איך דיינק אזוי.

א קולטור פון א פאָלק, פונקט וויא יעדע אנדערע ערשיינונג
פון זיין גייסטיגען לעבען איז אונטערוואָרפען דיזעלבע נאטור געזע־
צען, וועלכע קאָנטראָלירען אלע ערשיינונגען פון זיין מאטעריעלער
עקזיסטענץ.

און דיא שטארקסטע און דיא אלגעמיינסטע געזעצען פון
דער נאטור, וואס וועלטיגען אויף דעם גאנצען פעלד פון מענשלי־
כער טהעטיגקייט, איז דער קאמפף פאר עקזיסטענץ, מיט דעם אונ־
טערגאנג פון דיא שוואכערע, און מיט דעם זיעג פון דיא שטאר־
קערע.

און פונקט וויא דיא גרעסערע פיש דערשלינגען דיא קליי־
נע פישעלעך, און דיא פלאנצונגען מיט שטארקערע וואָרצלען וואס
זיינען מעהר צוגעפאסט צום באָדען, נעהמען אוועק דיא זאפט און
טויטען דיא פלאנצונגען, וואס זיינען מעהר פרעמד צו זייער באָדען,
פונקט אזוי בעזיעגט דיא קולטור פון א פאָלק, וואס איז ביי זיך
אין דער היים, דיא קולטור פון יעדער אנדער פאָלק וואס איז ניט
ביי זיך אין דער היים.

און דארום וויא א אידישער דיכטער, א אידישער מוזיקער,
א אידישער מאהלער, א אידישער פילאָזאָף זאָל ניט וועלען שאַ־
פען און ארבייטען פאר זיין אייגען פאָלק אין דיא פערשיעדענע
לענדער, וואו דאָס פאָלק איז צושליידערט, מיט וואס פאר א
התלהבות ער זאָל ניט וועלען אָבגעבען זיינע טאלאנטען און זשע־
ניע אין דיענסט פון זיין פאָלק, ער וועט אימער און שטענדיג זיין
אונטערוואָרפען, בעאיינפלוסט און בעהערשט פון דער קולטור פון
לאנד וואו ער געפינט זיך, און נאָך פיעלע, פיעלע יאָהרען ארבייט
און אָפּפער וועט ער אויסגעפינען אז ער האָט געארבייט מעהר
פאר אנדערע פעלקער, וויא פאר זיין אייגענעם, און אז דער גייסט
און דיא געטער פון פרעמדע נאציאָנען האָבען איהם געפיהרט אויף
זייער וועג און געמאכט דיענען זייערע אינטערעסען.

און אזוי וועט איהר זעהען וויא דיא אידישע נאציאָנאליס־
טען פון רוסלאנד, ניט וועלענדיג און ניט מיינענדיג, טראָגען צו
דיא אידען דיא קולטור פון רוסלאנד, און דיא אידישע נאציאָנא־

ליסטען פון דייטשלאנד טראגען צו דיא אידען דיא קולטור פון דייטשלאנד, און דיא אידישע נאציאנאליסטען פון פראנקרייך (איינשליסענדיג אפילו דעם גוטען און קלוגען און געלערנטען נארדאו) קענען זיך ניט בעפרייען פון דעם איינפלוס פון דער גרויסער פראנצויזישער קולטור, און וואס אנבעטרעפט דיא אמעריקאנער אידישע נאציאנאליסטען, חלום'ן זיי אפילו ניט, אז עס קען געבען א אידישע קולטור וואס האט גאר ניט וואס צו טהאן מיט אמעריקא.

פאר וואס ?

ווייל דיא אידישע קולטור איז אין איהרע ווינדעלעך, אין דיא קולטורען פון אלע איבריגע לענדער זיינען געפאנצערט אין שטאהל, און בעשיצט מיט פעלזען און קאנאנען.

און דער איינציגער ווינקעלע, וואו עס איז מעגליך א זעלבסטשטענדיגע און אונאבהענגיגע אידישע קולטור, דער איינציגער פלאץ אויף דער וועלט וואו דיא יונגע און צערטליכע ווארצלען פון דעם אויפ'ס ניי געבארענעם נאציאנאלען אידישען בעוואוסטזייט, וועלען ניט ווערען פארשטיקט און אויפגעגעסען פון אנדערע, איז פאלעסטינא, — און היינט צו טאג, קיין אנדער פלאץ ניט אויסער פאלעסטינא.

אין פאלעסטינא איז ניטא קיין פאלק און קיין קלאס וואס קען ארויסשטעלען זיין קולטור, זיין גייסטיגען אידעאל, זיינע היסטארישע דערלעבונגען, געגען דיא אידעאלען און שטרעבונגען פון דעם נייעם יודענטהום. דארט זיינען דיא אידען ניט נור דיא שטארקסטע אין פעלד, דארט זיינען זיי טהאטזעכליך איינע אליין אין קאמפף פאר דער גייסטיגער עקזיסטענץ. דארט זיינען פריי פאר זיי אלע וועגען, דארט קענען זיי גיסען דיא צוקונפט אין אייגענע פורימס, דארט קענען זיי שמיעדען זייער אייגענעם שיקזאל.

און ניט נור קולטורעל זיינען זיי פריי און אונגעשטערט, אויך רעליגיעז, אויך מאראליש, אויך געזעלשאפטליך, אויך פאליטיש.

יא, אויך פאליטיש.

ווילד וועט דאס קלינגען אין דיא אויערען פון אמעריקאנער אידען, אז אין פאלעסטינא זיינען דיא אידען פאליטיש פרייער וויא איבעראל. דאס איז אבער אן אמת, א ביטערער אמת, ווען

פרייטאָג צו נאכט אין בית המדרש.

איהר וועלט. א ביטערער פאר אמעריקא, אָבער אַ אמת איז דאָס דאָך.

עס קען זיין, אז דערפאר זיינען דיא אידען פרייער אין פאלעסטינא, ווייל אלע זיינען דאָרט פרייער; און עס קען זיי, אז דערפאר זיינען אלע פרייער, אין פאלעסטינא, ווייל עס איז ניטאָ קיין גוט אָרגאניזירטע רעגיערונג. עס איז אָבער א פאקט, אז אין פאלעסטינא זיינען דיא מענשען אין אלגעמיין פרייער וויא אין אמעריקא און דיא אידען זיינען פרייער וויא דיא אידען אין אמעריקא.

זיי קענען טהאָן כמעט אלץ וואָס זיי ווילען, און זיי טהוען כמעט אלץ וואָס זיי ווילען. אָט דיזעלבע געשיכטע מיט דעם טעכ־ניקום אין חיפה, וואָס האָט דאכט זיך געדארפט בעווייזען דאָס גע־גענטהייל, ווען מען ווערט אָבער בעקאַנט נעהענטער מיט די פאַק־טען געפינט מען אויס, אַז אין קיין לאַנד אין דער וועלט האָבען די אידען היינט ניט אַזוי פיעל פּאָליטישע און געזעלשאפטליכע רעכ־טע וויא אין פאלעסטינא.

מערקט לעזער, איך רייד וועגען היינט, וועגען מאָרגען, ניט וועגען איבערמאָרגען, און ניט וועגען א יאָהר ארום. איך מיין, מיט דעם אז איך רייד נור וועגען דער געגענוואַרט און וועגען דער נאָהענטער צוקונפט, און ניט וועגען דער ווייטער צוקונפט, און דער גאַנץ ווייטער צוקונפט.

דיזע ווייס איך ניט, דיזע קען קיינער ניט וויסען.

היינט און מאָרגען קענען אָבער דיא אידען טהאָן פיעל אין פאלעסטינא פאר דער אידישער קולטור. זיי קענען דאָרט שאַ־פען דיא שעהנסטע אידישע שוהלען, אוניווערזיטעטען, זיי קענען ארויסרופען צום לעבען נייע קרעפטען, שאפען נייע פאָרמען אויף יעדען געביעט, זיי קענען אָנצינדען נייע שטערענס און זונען אויף דעם הימעל פון אונזער גייסטיגען שטרעבען, און זיי קענען געבען אַזוי שטוים דעם גאַנצען אידישען פאָלק, זיין געוויסען און זיין אינ־טעלעקט, אז וואָס דיא ווייטערע פאַסירונגען פון דער געשיכטע זאָלען ניט ברייננגען פאר אונז — דיא ארבייט וואָס וועט געטהאָן ווערען וועט בלייבען אַן ארבייט וואָס איז געטהאָן געוואָרען, זיא וועט בלייבען אויף אייביג.

ווען איהר, לעזער, וואָלט געזעהען וואָס עס איז אויפגעטהאָן געוואָרען פון דער איינציגער קליינער שוהלע וויא בצלאל אָדער פון דער גימנאזיע אין תל אביב! ווען איהר וואָלט געקענט פיהלען וואָס דיא אידען פון פאַלעסטינא ערוואַרטען פון דעם נייעם פאָ־ליטעכניקום וואָס בויעט זיך אין חיפה, אָדער פון דער פארם פון יער הערצל, אָדער פון דער קליינצינקער אגריקולטור סטאַציאָן אין זכרון יעקב, אָדער פון דעם איינצעלנדען געלערנטען נאַטור־פאָר־שער פון פאַלעסטינא אראָני, ווען איהר וואָלט געקענט אריינקוקען אין דיא בעשיידענע קאַמערל פון א תל אביב וואו א בעגאַבטע אידישע מאַהלערין, מאַדאַם יאַן, זיצט טעג, און שלאָפט ניט נעכט, אויסצואַרבייטען און כאַפּען א שטריך, א ליניע, א שאָטען פאַר א אידישען טיפּ, א אידישען כאַראַקטער־צוג, א רעגונג פון א אידישער נשמה, דאַן וואָלט איהר זיך ניט געדאַרפט מאַטערן צו פערשטעהען פאַר וואָס מען מוי גלויבען, אַז אויב עס איז ווען עס איז וואו עס איז געוועזען אַ פּלאַץ, אַ לאַנד, פאַר אַן אמת'ער אידישער קולטור, איז דאָס היינט צו טאָג פאַלעסטינא און נור פאַלעסטינא.

און טאַקע דערפאַר ווייל דאָס לעבען איז דאָרט אָרים, און דיא מענשען ניט רייך, און טאַקע דערפאַר ווייל עס איז דאָרט ניטאָ און קען ניט זיין פאַר דעם מענשען מיט הארץ קיין אַנדער אינטערעס, וויא דער אינטערעס פון דעם גייסט, און קיין אַנדער שטרעבען וויא דאָס שטרעבען פון דער נשמה.

ווייל דיא גאַנצע ענערגיע, דער גאַנצער ווילען, דיא זאפט און דיא קראַפט פון דעם מענשליכען אינערליכען איך, מוז אוועק־געהן אויף דאָס לעבען פון פאָלק, עס איז ניטאָ קיין אַנדער פּלאַץ וואו דאָס צו פאַרווענדען, עס איז ניטאָ קיין אַנדער אויסגאַנג פאַר דעם.

ווייל דער עלעמענט פון פערזענליכען שטרעבען איז דאָרט נול, און נול מוז עס דאָרט בלייבען, און ווייל דיא קאַפּיטאַלען פון גייכט קענען נור ברייגגען צינזען, ווען פאַרווענדעט פאַר דעם רבים און ניט יחיד.

און ניט נור איז דער איד פרייער אין פאַלעסטינא, און קען דאָרט בעסער דיענען זיין גאָט אָדער אידעאַל, — ווענמען ער וויל, נור קען דאָרט אויך אַרויסרופען דרך אַרץ צו זיין גאָט אָדער אידעאַל, ווען ער זאָל דאָס נור וועלען.

און נאָך אמאָהל זאָג איך, און נאָך אמאָהל דערמאָן איך דיא לעזער, אז איך בעטראכט ניט דיזע אלע זאכען פאר א לייזונג פון דער אידישער פראגע. דורכאויס ניט, ניין, ניין, ניין, א מיליאָן מאָהל ניין.

א גאנץ קליינע צאָהל אידען קענען זיך בעזעצען אין קאָ־לאָניען, און זיך ווידמען דער אידישער קולטור, קען אויך נור א גאנץ קליינע צאָהל אידען.

דיא קאָלאָניסטען וואָס ווילען זיך אָבער בעזעצען, וועלען זיין בעסער אָב וויא אין אירגענד וועלכען אנדער פּלאַץ, און דיא אידישע קולטור ארבייטער, וואָס ווילען זיך אָבגעבען דער אידישער קולטור, וועלען דאָרט אויך קענען אויפטהאָן מעהר וויא אין אנ־דערע לענדער.

וואָס אנבעטרעפט דיא גרויסע אידישע מאסען, וואָס אנ־בעטרעפט דיא מיליאָנען און מיליאָנען, וואָס פלאגען זיך אין דעם גלות רוסלאנד, גלות גאליציען, גלות רומעניען, און ווען איהר ווילט אויך גלות אמעריקא, — פאר דיזע בלייבט דיא אידישע פראגע אן אָפענע פראגע וואָס ביז היינט האָט נאָך קיינער ניט בעאנט־וואָרטעט.

26.

דער אנטיסעמיטיזמוס אין פאלעסטינא

און איצט קומען **מיר** צו דעם שיר השירים פון דער לינקער זייט, צו דער אייביגער אידישער קלאָטץ־קשיא: פון אלע לענדער, וויא שטעהט עס מיט דעם אנטיסעמיטיזמוס אין טערקיי; מיט דיא געפיהלען צו אידען אין פאלעסטינא.

און איך דארף ניט ערקלעהרען דיא לעזער, ווארום איך בעטראַכט דיעזע פראַגע פון אלע פראַגען, אלס דיא וויכטיגסטע.

וויא בלוי עס זאָל ניט זיין דער הימעל אין ארץ ישראל, און וויא שעהן עס זאָל ניט זיין דער זונען אונטערגאַנג אין ירושלים, און וויא גרויס און ליכטיג עס שיינען ניט דיא שטערען פון יהודה, און וויא פיין עס בליהען ניט דיא וויין־גערטנער, און וויא זיס עס זיינען ניט דיא פּאָמעראנצען, — איך וואָלט ניט נור ניט געראטהען דיא אידען פון אמעריקא, אפילו אויך ניט אידען פון רוסלאנד צו געהן קיין פאלעסטינא, ווען דער אייביגער, דער פארפלוכטער, שווארצער שאטען פון אנטיסעמיטיזמוס, וואָלט ניט געהאנגען איבער אונזערע קעפּ אויף דער גאַנצער וועלט.

עס איז דארום נאַטירליך, אז דיא ערשטע פראגע, וואָס איז מיר פאָרגעקומען, גלייך וויא איך בין ארונטער פון דער שיף אין יפה, איז געוועזן: נו, און וויא שטעהט עס, וואו האלט עס מיט דעם אנטיסעמיטיזמוס אין פאלעסטינא ?

איך זאָג „אנטיסעמיטיזמוס" און וויים, אז דער אויסדרוק איז א פאלשער. איך וויים, אז עס קען ניט זיין קיין אנטיסעמיטיז־מוס ביי ס ע מ י ט ע ן. אז קריסטען קענען זיין אנטיסעמיטען אין איירָאפּא, אָבער ניט אין פאלעסטינא. אז דיא אראבער קענען ניט זיין אנטיסעמיטען אפילו אין איירָאפּא. עס קענען ניט זיין אנ־טיסעמיטען מענשען, וואָס זיינען זעלבסט סעמיטען.

איך נעהם אָבער דעם וואָרט אין דעם געוויינליכען זינן, פון י ו ד ע נ ־ ה א ס, און אין קיין אנדער זינן, און דיא לעזער וועלען דאָס אויך פארשטעהן אין דיזען זינן.

וויא שטעהט עס אלזאָ, אין פאלעסטינא מיט דיזער פראגע ?

עס איז מערקווירדיג, דאס ווערענד דיא מענשען, וועמעס בערוף עס איז בעקאנט צו מאכען דיא גרויסע אידישע וועלט מיט אליץ, וואס עס טהוט זיך אין פאלעסטינא, און מיט אליץ, וואס עס טהוט זיך דארט ניט, און וועלכע ארבייטען אויף דיזען געביעט מיט פיעל ענערגיע און געוויסענהאפטיגקייט, זיינען זעהר שוויי־גזאם וועגען דיזען ענין, און זעהר בעשיידען, ווען מען פרעגט זיי זייער מיינונג וועגען דיא אויסזיכטען פון אנטיסעמיטיזמוס אין פאלעסטינא.

און איך האב געטרייט צו שטודירען דיזע פראגע אויף אזוי פיעל, וויא דאס איז מעגליך אין א לאנד אהן א פרעסע, אהן א עפענטליכער מיינונג, (וויא מיר פארשטעהען דאס), אהן אן עפענט־ליכען לעבען, אין א לאנד, וואו פאליטיקע, וויא רעגענס, דויערט נור א קורצע צייט אין יאהר, און הויפטזעכליך אין א לאנד, וואס ווייסט נאך ניט זיך זעלבסט, און פארשטעהט נאך ניט גענוי זיך זעלבסט.

איך האב גערעדט מיט פערשיעדענע כלל־טהוער פון אידען, און האב אויסגעפרעגט פארטרעטער פון דער טערקישער רעגיערונג, און אנדערע רעגיערונגען, א לאנגען געשפרעך האב איך געהאט וועגען דעם ענין מיט דעם חכם־באשי פון קאנסטאנטינאפאל, (וועל־כען איך וועל איבערגעבען בעזונדער), און געפרובירט אויסצוגעפי־נען דיא געפיהלען פון דער אראבישער בעפעלקערונג, אויף וויפיעל דאס איז פאר מיר מעגליך געווען אהן זייער שפראכע, און זייענדיג א פרעמדער צו זיי.

און ווערענד איך בין ווייט, ווייט פון גערדאנק, אז איך האב דיא פראגע גרינדליך ערלעדיגט, דאך גלויב איך, אז דיא איינ־דריקע, וואס איך האב ארויסגעטראגען פון מיינע פיעלע געשפרעכען און פארשונגען, זיינען אין אלגעמיין ריכטיג, און ענטשפרעכען מעהר אדער ווייניגער דיא ווירקליכע פערהעלטניסע.

נאך בעדעקער איז דיא צאהל פון דער גאנצער בעפעלקערונג אין פאלעסטינא, אן ערך פון 700 טויזענד; נאך טריטש — אן ערך פון 600 טויזענד. דיא צאהל פון אידען אין פאלעסטינא, נאךביידע אויטאריטעטען איז אן ערך פון 100 טויזענד. אלזא איין איד געגען 6 אדער 7 ניט אידען.

זאלען אלזא, אלע אנדערע טהיילען פון דער בעפעלקערונג

ראשון לציון.

אַרויסטרעטען געגען זיי, קענען זיי מאַכען אַ תל פון די אידען, אין אַ זעהר קורצע צייט.

קען מער ערוואַרטען אַזאַ מעגליכקייט, אָדער וואהרשיינליכקייט?

ווייניגער, וויא וואו עס איז אין דער גאַנצער וועלט. ניט דערפאַר, ווייל אין פאַלעסטינאַ האָט מען מעהר ליעב די אידען. וועגען דעם איז קיין רעדע ניט. דער האַס צו די אידען אין פאַלעסטינאַ איז אָבער ניט דער האַס, וואָס מען האָט צו זיי אין אַנדערע לענדער.

און עס איז אויך ערקלעהרליך. דעם גאָט פון די מאַהאָמעדאַנער האָבען די אידען ניט געקרייציגט, דאָס הייסט, אין דעם בעשולדיגען זיי ניט די גייסטליכע פון איסלאַם. אויף די ווענד פון ירושלים ווערען נור אָנגעוויזען אין לאַטיין די האַלט־שטעלונגען פון יעזוס קריסטוס אויף דעם וועג צו זיין גאָלגאָטהאַ, ניט די גאַלגען פראָצעסיאָן פון מאַהאַמעד. און אָבוואָהל די אַראַבער־קריסטען שטשירען מיט די צייהן, ווען זיי געהען פארביי דיזע בלוט־דענקמאַלע פון די יעזואיטען, און די פרומע באַגאַמאַלקעס פון קיעוו און קאזאן זיפצען און שעפטשען „באָזשע פאָמילוי, באָזשע פאָמילוי“, ווען מען בעווייזט זיי, וויא דאָ, ביי די ווינקלען פון די שמאָהלינקע גאַסען פון אַלט ירושלים, האָט זייער גאָט זיך אָבגעשעלט מיט זיין צלם, — זיי, דיזע קריסטליכע יודען־שונאים, זיינען דאָרט ניט גרויס גענוג אין צאָהל און ניט פעראייניגט גענוג אין גייסט, און זיי שלאָגען זיך אַרום צווישען זיך און האַסען און פארפאָלגען איינע די אַנדערע צו שטאַרק, זיי זאָלען ווען עס איז קענען אָנצינדען אַ פייער פון רעליגיעזען אַנטיסעמיטיזמוס געגען די אידען אין פאַלעסטינאַ.

עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזמוס? אַנטיסעמיטיזמוס, וואָס וואַקסט פון קנאה, פון שנאה צו דעם עקאָנאָמיש שטאַרקערען, געזעלשאַפטליך רייכערען מענשען?

וועגען דעם קען אין פאַלעסטינאַ נאָך ווייניגער זיין די רעדע.

פאַלעסטינאַ האָט קיין אינדוסטריע, קיין קאָמערץ, אַלץ וואָס עס פערמאָגט פון דעם, וואָס מען רופט נאַציאָנאַלער רייכטהום, איז דאָס לאַנד, און דאָס לאַנד געפינט זיך הויפּטזעכליך אין

דיא הענד פון דיא אראבער, אין דיא הענד פון דייטשען. דיא היי־זער זיינען אָדער אראבישע אָדער גריכישע. אידען זיינען דאָרט דיא אָרימסטע. עס קען אַלזאָ ניט געבען קיין עקאָנאָמישער אנטיסע־מיטיזמוס.

און פארקעהרט. דאָס וואָס דיא אידען האָבען דאָרט, ברייג־גען זיי אַלץ מייסטענס אריין פון אנדערע לענדער. דיא גרויסע אי־דישע מאסע, וואָס האָט דאָרט געוואָהנט ביז איצט, האָט געלעבט פון חלוקה. דאָס הייסט, געלד געבראכט פון פרעמדע פעלקער, און פארטהיילט צווישען דיא אראבער. דיא אידען האָבען מיט קיינעם ניט געקאָנקורירט, ביי קיינעם ניט אוועקגענומען דעם ברויט. דער גרויסער קלאס פון שנאָרער און בעטלער האָט אויך אַלץ געשנאָרט און געבעטעלט ביי זייערע גלויבענס־גענאָסען פון אויסלאנד, דאָס הייסט, אז פון זיי האָט אויך קיינער ניט געליטען, און פיעלע האָ־בען פראָפיטירט.

אַלזאָ, קיין אנטיסעמיטיזמוס פון קנאה, קיין אנטיסעמי־טיזמוס פון ניט פארגינען, פון האס צו דעם שטארקערען, צו דעם רייכערען, צו דעם גליקליכערען.

און דאָך האָט מען פיינט דעם אידען, מען פארמיידט איהם. פאר וואָס ?

פונקט וויא מענשען האָבען פיינט מענשען, וועלכע זיינען שטארקער פאר זיי, פעראכטעט מען אויך מענשען, ווען זיי זיינען שוואכער פאר זיי, פונקט וויא מען פערגינט ניט דעם רייכערען זיינע עשירות, האָט מען ניט ליעב דעם אָרימען פאר זיין אָרימקייט.

און אין ערגעץ ניט אזוי פיעל און אזוי שטארק וויא אין אָריענט.

דער טערק, דער אראב האָט פיינט דעם „גיאאור“, און האָט פיינט דעם יהודי.

דעם „גיאאור“, ווייל ער האָט פאר איהם מורא, און האָט מורא פאר זיין מאכט, דעם „יהודי“ פעראכטעט ער פאר זיין אָרימ־קייט, פאר זיין שוואכקייט, פאר דעם וואָס ער איז אומגליקליך.

און איהר בעמערקט עס, בעזאָנדערס, אין דיא קאָלאָניען, וואו דיא אידען הערען אויף צו זיין חלוקה'ניקעס, וואו זיי ווערען אָן עקאָנאָמישע מאכט און א געזעלשאפטליכע, וואו דער איד האָט אי לאנד, אי פערד, אי ער קען רייטען, אי ער קען שיסען פון א

ביקס, וואו ער קען ריידען מיט דעם אַראַבער אין זיין לשון, און קען איהם אוועקטרייבען ווען ער ווערט חוצפּה'דיג.

איהר בעמערקט, וויא דאָס ענדערט, וויא דאָס בייט איבער דיא גאַנצע שטעלונג, אַלע געפּיהלען פון דיא אַראַבער צו דיא אידען, און אויך זייער גאַנצען בענעהמען זיך. איך האָב אייך דערצעהלט וועגען פּעלע, ווען אַראַבער ווענדען זיך צו אידען, דיזע זאָלען זיין זייערע ריכטער. איך וויים אַ פּאַל, וואו אַ גאַנצער אַראַבישער דאָרף האָט געוואָלט אויסקלייבען אַ אידען אַלס זייער שייך, דאָס הייסט, זייער מעיאָר, אָדער הויפּטמאַן, אָדער נביא, אָדער וויא איהר זאָלט ניט אָנרופען דיזען קליינעם פּאָטענטאט פון אַן אַראַבער דאָרף.

ווען דער אַראַבער טראָגט אָבער נאָך אין זיין בלוט אַ געוויסע פעראַכטונג צום יהודי — אַלס אַ „וואָרים", אַ „גאָר ניט", אַ שוואַכע בעשעפעניש, אויף וועלכער יעדער האָט ביז איצט געקענט טרעטען מיט דיא פיס, און האָט אויך געטראָטען, ציהט ער פאָהר אימער דעם אידען, פאר דעם קריסט, וועלכער איז ביי איהם ניט נור אַן „אונריינער", אַ „געטצען־דיענער", נור פּאַר וועמען ער מוז נאָך אימער מורא האָבען. און פּונקט אַזוי וויא אַ גריך, אין ירושלים, וועט ניט פערקויפען זיין הויז פאַר קיין פּרייז צו אַ אידען, און וועט עס גיבער אָבגעבען ביליגער אַן אַראַב. פּונקט אַזוי, וועט יעדער אַראַב פאַרמיידען מיט אַלע כוחות צו פאַרקויפען זיין לאַנד אַ קריסט און וועט עס גיבער אָבגעבען ביליגער אַ איד.

און וועהרענד איך בין ווייט, ווייט פון דער אילוזיאָן צו גלויבען, אַז דער געפיהל פון דיא אַראַבער געגען דיא אידען וועט ווען עס איז ווערען בעדייטענד פריינדליכער — מיט אויסנאהמע פון וויניגע פּעלע, אין דיא קאָלאָניען, און פּאַרקעהרט, איך בין איבערציינגט, אַז דיא פאַרגרעסערונג פון דער אידישער מאַכט מוז אַרויסרופען נייע עלעמענטען אין דעם אַראַבישען אַנטיסעמיטיזמוס, — דאָך בין איך איבערצייגט, אַז ווען דיא אידען זאָלען געשיקט און פּאָליטיש בענוצען זיך מיט דער לאַגע אין פּאַלעסטינא, קענען זיי ניט נור מאַכען זייער אייגענע לאַגע ערטרעגליך, נור זיי קענען שפּיעלען אַ לייטענדע ראָלע, ניט אַכטענדיג אויף אַלע שיינבאַרע נאַכטהיילע.

דיא טערקען, וועלכע זיינען דאָרט דער רעגיערענדער עלע־

מענט, זיינען זעהר, זעהר קליין אין צאָהל, און זיי האָבען א ריזיגע אויפגאבע אויף זייערע הענד, ניט נור צו בלייבען דאָרט דיא רעגיערענדע מאכט, נור אויך דיזע מאכט צו פארגרעסערען.

דאָס קען ניט געטהאָן ווערען ניט האָבענדיג מיט זיך א געוויסע טהייל פון דער בעפעלקערונג, אויף וועלכע דיא טערקען זאָלען זיך קענען שטיצען.

דיא פראגע איז אלזאָ, אויף וועמען, אויף דיא אראבער? אָבער דאָס איז דיא בעפעלקערונג, וועלכע מוז רעגיערט ווערען. דאָס איז דיא בעפעלקערונג, געגען וועלכע דיא טערקען מוזען זוכען שוטץ און הילפע. דיא קריסטען? דיא גאנצע נאציאָנאלע פאָליטיקע פון דער נייער טערקיי, איז צו בעשיצען זיך פון דער פיעטלע, וואָס איז ארויפגעוואָרפען אויף דאָס לאנד, פון דיא פרעמדע נאציאָנען, און וועלכע שטיקט טירקיי און לאָזט עס ניט ענטוויקלען זיך ניט פאָליטיש, ניט עקאָנאָמיש, ניט נאציאָנאל.

עס בלייבט אלזאָ לאָגיש דיעזער אידישער עלעמענט, וועלכער וואָלט זיך געקענט פארבינדען מיט דער פארטיי פון דיא יונג־טערקען, וואָס שטרעבט אויפצוהויבען דאָס לאנד אויף א העכערער שטופע פון קולטור און ציוויליזאציאָן.

צי דיא אידען זעלבסט וועט זיך לוינען אן אליאנס מיט דער רעגיערונג געגען דיא אראבער, אָדער מיט דיא אראבער געגען דיא רעגיערונג, — דאָס איז א זאך, וועלכע דיא אומשטענדע וועלען בעווייזען. איינס איז אָבער קלאָהר, אז אויסניצענדיג זיך מיט דער פאָליטישער לאגע אין פאלעסטינא קלוג און פאָליטיש, קענען דיא אידען דאָרט אָנהויבען שפיעלען א ראָלע אין לעבען פון לאנד, וועלכע, איך ווייס ניט, צו עס וועט זיין גרויס און שטארק, וועלכע וועט אָבער אימשטאנד זיין צוריקצוהאלטען אלע יודענפיינדליכע בעוועגונגען, אויף דעם באָדען פון פאָליטיקע אָדער עקאָנאָמיע.

27

באראן ראטשילדס סאציאליזמוס אין פאלעסטינא

מען קען ניט ריידען וועגען דיא קאָלאָניען אין פאלעסטינא, מען קען ניט ריידען איבערהויפּט וועגען פאלעסטינא, ניט ריידענדיג וועגען דעם וויין, וואס וואס ווערט געמאכט אין פאלעסטינא, און מען קען ניט ריידען וועגען דעם וויין פון פאלעסטינא, ניט ריידענדיג וועגען דעם מערקווירדיגען, דעם אונגלויבליכען, דעם וואונדערליכסטען פון אלע וואונדערליכע פּראָדוקטען פון אידישער וואָהלטהאט, אידישע התלהבות פון איין זייט; אידישע ענערגיע און אונטערנעהמונגס גייסט פון דער צווייטער זייט; און אידישען דרייסט און פורכטלאָזיגקייט אויף יעדען געביעט פון נאָך א זייט, — איך מיין די ריעזיגע וויין קעלערן וואס זיינען אויסגעבויט געוואָרען פון באראָן ראָטשילד און וואס זיינען איצט דאס אייגענטהום פון דיא אידישע קאָלאָניסטען אין פאלעסטינא.

ווען דיא וויין קעלערן פון ראָטהשילד וואָלטען קיין שייכות ניט געהאט מיט פאלעסטינא, וואָלטען זיי יעווען א שפּאַנענדע טהעמא פאר אַ בעלעהרענדען ארטיקעל. אזוי אָבער ווי דיעזע קעלערן זיינען דער צענטער ארום וועלכען עס דרעהט זיך דאס גרעסטע טהייל לעבען פון דיא וויכטיגסטע אידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל און פיעלע, פיעלע האָפנונגען ווערען געלעגט אויף דיזען אינסטיטוציאָן, האָט זיא, דיעזע מערקווירדיגע אינסטיטוציאָן פיעל מעהר אינטערעס און וויכטיגקייט, וויא אלץ וואס איהר קענט זיך פאָרשטעלען וועגען איהר ביי זיך פון וויטען.

און וואס מיר אַנבעטרעפט, שטעל איך זיך בעזונדער אָב אויף דיעזע קעלערן פון באראָן עדמונד ראָטהשילד, ווייל איך פיהל אז מיט מיין פען און מיט מיין מויל, און אויך אין הארצען האָב איך פיעל געזינדיגט, שווער געזינדיגט וועגען דעם, ריידענדיג וויא פיעלע אַנדערע און אורטהיילענדיג וויא פיעלע אַנדערע פון פאַקטען וועלכע זיינען ווייט, ווייט ניט קיינע פאַקטען, איבערגעבענדיג פרעמדע מיינונגען, מאכענדיג אייגענע שליסע, וועלכע זיינען ניט אימער געווען דיא ריכטיגע, דיא פארדיענטע. שווער, וויא א וואָלקען איז געהאנגען איבער ראָטהשילדס אונטערנעהמען ראָטהשילדס

נאָמען און רעפּוטאַציע, אונגלויבליך האָט זיך מיר, וויא פיעלע אנ־
דערע אין אמעריקא, בעוויזען, אז 8 מיליאָן פראַנק זאָלען אריינ־
געבראַכט ווערען פון א ראָטהשילד אין אַן אונטערנעהמונג, נור
לטובת הכלל. איך בין אָבער געווען אויף דעם פּלאַץ, איך האב גע־
זעהען דיא אימפּאָזאַנטע געביידען, דיא ריזיגע מאַשינען, דיא גאַנ־
צע איינריכטונג, וועלכע מען זאָגט מיר איז איינע פון דיא דריי
גרעסטע אין דער גאַנצער וועלט. איך האב גערעדט מיט דיא מענשען
אַרום — ניט מיט דיא מענשען וואס פּראָפּיטירען פון דעם, נור מיט
דיא מענשען וואס האבען קיינע פּערזענליכע אינטערעסען אין דער
אונטערנעהמונג, — און איך בין געקומען צום שלוס, אז וואס און
ווער עס זאָל זיך דאָרט ניט זיין באראָן עדמאָנד ראָטהשילד, און
צו סימפּאטיש אדער ניט סימפּאטיש איז ער זעלבסט אלס מענש
אדער איד, אין דער ירוויסער, דער ריזיגער, דער אלער־שעהנסטער
אונטערנעהמונג זיינער, וואס שטעהט אין ראשון לציון, אקוראַט
נעגען דיא וואונדערליכע פּאַלמען אלעע פון דער קאָלאָניע, — אז
מיט דיזער אונטערנעהמונג זיינער האָט ער זיך אוועקגעשטעלט
א מאָנומענט אין הארצען פון אידישען פאָלק, וואס וועט דאָרט
ווערען לאַנג אויפּבעוואהרט. און ווען ער האָט פיעל געזינדיגט און
זינדיגט אויך היינט אויף אַלע אנדערע געביעטען פון זיין פינאנ־
ציעלען לעבען, וועט איהם פיעל פון דעם ווערען פארצייהעט און
פארגעבען, און טאקע וועגען דיא וויין־קעלערן וואס ער האט אויס־
געבויעט אין ראשון לציון.

וויא איך וואָלט וועלען אייך צו דערצעהלען אלעס וועגען
דיזע וואונדערבאַרע וויין קעלערן, מיט דיא פעסער וויא הימעל־
קראַצער, און מאַשינען ווי ריזיגע לאָקאָמאָטיווען, מיט דיא קוימענס
אין דער הויך, מיט געמויערטע וויין־קאמערן, וועלכע ציהען זיך ווי
הייזער אין גאסען, דורך וועלכע איהר געהט און געהט און געהט
אין פארקירעוועט זיך און געהט ווייטער, און איהר ווערט מיעד
געהענדיג און עס ענדיגען זיך ניט דיזע שטיינערנע הייזער פול
מיט וויין פון דיא אידישע קאָלאָניסטען, — וויא עס וואלט זיך מיר
וועלען אָבשטעלען זיך לאַנג און נענוג אויף דעם און דערצעהלען
אייך אַלץ איהר זאָלט דאָס אויך קענען זעהען און פיהלען וויא איך...

אָבער דיזע בריעף מיינע שרייב איך שוין אויפ'ן שיף, אויף

דעם אַטלאַנטישען ים. איך מוז אלזאָ ענדיגען, אַלין, וואס איז וויכטיג.

וויא איך האָב אייך געזאגט, האָט ראָטהשילד אריינגעבראָקט אַכט מיליאָן אין דיעזער אונטערנעהמונג. „אריינגעבראָקט" האָט ער זיי, ווייל ניט נור האָבען זיך דיא קעלערן ניט בעצאהלט, נור עס איז ניט געווען קיין האָפנונג, אז זיי וועלען זיך ווען־עס־איז בעצאהלען. די קעלערן פון ראָטהשילד האבען יעדען יאהר גע־שלונגען אי פיעלע צעהנדליגע טויזענדע פון דעם באַראָן'ס אייגענער קעשענע, אי — וואס איז נאָך ערגער, — זיי האָבען דערשלונגען דיא גאנצע האָרעוואניע, דיא גאנצע פּראַצע, דעם פארמעגען און דאס לעבען פון אלע קאָלאָניסטען.

עס איז ניט געווען אין דער געשיכטע פון וואָהלטהעטיגע אונטערנעהמונגען קיין איינציגע, וואס איז אזוי מיאוס דורכגעפאַ־לען, וויא דיעזע אונטערנעהמונג פון דעם באראָן

און ער האָט זיך ניט אָבגעשטעלט פאַר קיינע אָפּפער, פאַר קיינע נייע מיליאָנען צו מאכען דיא קעלערן פאר אן ערפאָלג.

ווען מען האט איהם דערצעהלט, אז דער אונגליק איז, וואס עס ווערט צופיעל ווייך געמאכט אין דיא קעלערן, און צופיעל וויין ווערט געמאכט, ווייל עס זיינען דאָ צופיעל וויין־טרויבען ביי דיא קאָלאָניסטען, האט באראָן ראָטהשילד געגעבען איבער אָנדער־האלב מיליאָן פראנק דיא קאָלאָניסטען, דיעזע זאָלען אויסרייסען, פארטיליגען א דריטעל פון זייערע וויין־גערטנער, פארפלאַנצען דאָרט אָראַנדזשען, נור זיי זאָלען ניט דארפען פארלירען די ארבייט פאר דיא איבריגע וויין־טרויבען.

עס איז ניט געווען קיין זעהר ווייט־בליקענדע פּאָליטיק, און ניט צום וואָהל און בעסטען פון דער צוקונפט פון ארץ ישראל. עס איז געווען דיא אַלטע פערשימעלטע מעטהאָדע פון אַמאָליגע פלאַנטאַטאָרס אין אמעריקא. אויך אין פראנקרייך האָט מען דאס דאַכט זיך עטליכע מאָהל געפּרובירט. נעמליך, אזוי האָט מען גע־האָפט צו רעטען דיא וויין־מענשען פון אונגליק, וואס זייערע וויין־גערטנער זיינען געווען צו גערעָטען. וויא עס איז, איז דאס געווען א געוויסע באנקראָט ערקלעהרונג פון דיא מענשען, אויך דער שפּי־צע פון דער אונטערנעהמונג, אז זיי זיינען ניט אימשטאנד צו קאָנ־קורירען מיט דער איבעריגער וועלט. אָבער געמיינט געווארען איז

דאס עהרליך און געאָפּפּערט איז דאביי געווארען פוןביידע זייטען — אי פון ראָטהשילד אי פון די קאָלאָניסטען.

אָבער אין דער היסטאָריע פון אידישע קאָלאָניזאציאָן וועט איבערגעהן ראָטהשילד'ס אונטערנעהמונג, ניט דורך דעם ריעזען כאראקטער פון דער אונטערנעהמונג, ניט דורך דיא ריעזען אָפּפער פון אַלע צדדים, און דעם ריעזען גייסט און ריעזען ענערגיע, וואס איז דאביי ענטוויקעלט געווארען און בעוויזען געווארען, נור מיט א גאַנץ אנדער זייט, און דורך אַנדערע פּאָלגען.

באַראָן ראָטהשילד האט געהאט זיינע אינזשעניערען, זיינע עקאָנאָמען, זיינע אָנגעשטעלטע, אויך זיינע אונענדליכע מיטעל און קוועלען, אויך זיין אייגענע פּערזענליכע ערפאַהרונג, זיין אייגענעם געשעפטליכען ראָטהשילד־זשעניע.

עס איז פון דעם גאָר ניט אַרויס. דאס געשעפט איז געגאַנגען אַלץ ערגער. מען האט עס ניט געקענט צושליסען, ווייל האַלטען אזא געשעפט זאָגאר צוגעשלאָסען דאַרף קאָסטען אַ פאַרמעגען.

און שליסליך איז מען געפאַלען אויף אַ פּלאַן.

איהר האט געוויס געהערט דיא געשיכטע וועגען אַ ראָטהשילד, וויא ער האָט געהאט אַ ויכוח מיט אַ סאָציאַליסט, און וויא ער האט געפרעגט דעם סאָציאַליסט, וואס ער וויל, און ווען דיעזער האָט איהם געזאָגט, אַז ער וויל, אַז זיין, ראָטהשילד'ס, פאַרמעגען זאָל איבערגעהן צום פאָלק, האָט ראָטהשילד מיט אַ בלייששטיפט און פאַפּיער, אויסגע'חשבון'ט, אז דאַן, דאס הייסט, ווען זיין פאַרמעגען וועט פאַרטהיילט ווערען, וועט יעדער מענש קריגען צוויי פראַנק אויף אַ חלק. „ווייסט איהר גאָר וואס, (האט ער געזאגט צום סאָציאַליסט), נאַט אייך צוויי פּראַנק, — אייער חלק, — און לאָמיר זיין גוט פריינד."

איהר האָט געוויס געהערט דיעזע מעשה. איך וויים ניט, צו דער ראָטהשילד, וואס האט אַזוי פארשטאַנען דעם סאָציאַליזמוס איז געווען דערזעלבער באַראָן עדמאָנד, וואס האט אויסגעבויט די קעלערען אין ראשון לציון, נור אין ראשון לציון האָט ער בעוויזען, אז ער האט אַביסעל מעהר פארשטאַנען דעם אמת'ן גייסט פון סאָציאַליזמוס, וויא עס איז בעוויזען געווארען אין יענעם ויכוח מיט דעם סאָציאַליסט.

ער האט נעמליך בעשלאָסען, אז ווען אן אונטערנעהמונג ווערט

געמאכט מיט דער אבזיכט, דאס פאָלק זאָל פון דעם פּראָפּיטירען, קען דאָס פאָלק נור דאַן פון דעם פּראָפּיטירען, ווען דאָס געהערט צום פאָלק, ווען דאס פאָלק זעלבסט קאָנטראָלירט עס.

קוריז, עדמאָנד ראָטשילד, צו רעטען זיינע מיליאָניגע וויין קעלערען, האָט בעשלאָסען איבערצוגעבען זיי דיא אידען פון דיא קאָלאָניען, וועלכע האבען אהין געפיהרט דיא וויינטרויבען צו מאכען פון דעם וויין.

אַן אסיפה פון דיא קאָלאָניסטען פון ראשון לציון, רחובות, פתח תקוה, וואד־אל־חנין, הדרה, און זכרון יעקב, — אַלע קאָלאָניען וואס זיינען ניט ווייט פון דיא קעלערען, אַן אסיפה פון דיא מענשען פון דיעזע קאָלאָניען האָט שטאָטגעפונען, אין מען האט אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט, וויא איבערצונעהמען דיא קעלערען פון ראָטהשילד אין אייגענע הענד, און מען האט זיי איבערגענומען, און מען האָט זיי.

און דער רעזולטאט ?

אָט איז ער, אין איניגע ווערטער, דיעזער רעזולטאַט :

דיא קאָלאָניסטען האָבען איבערגענומען דיא ריזיגע אונטערנעהמונג אין זייערע אייגענע הענד מיט אַ יאהר פינף צוריק, און ניט נור האָט באַראָן ראָטהשילד מעהר ניט געמוזט צולייגען אייגענע געלד פון דער קעשענע (אייסער דיא עטליכע „עדוועגסעס" וואס איהם איז אויסגעקומען צו מאכען נייטיגער־ווייזע), און ניט נור האָט יעדער קאָלאָניסט געקראגען בעצאהלט פאר דיא טרויבען, אזוי ווי ער האט פריהער קיין מאָהל ניט געקראָגען בעצאהלט, נור ווען מיט איניגע מאָנאַטען צוריק איז אויסגעקומען דיא קאָלאָניסטען צו בעצאהלען ראָטהשילד'ן אַ געוויסע סומע, וואס איהם האט געקומט פון זיי, האָבען זיי בעצאהלט דיזע סומע און אלץ פון דיא פּראָפּיטען פון דעם וויין.

און עס איז שוין מעהר ניט נויטיג פאַר דיא קאָלאָניסטען איצט צו לאָזען טרויבען, אָדער אויסהאַקען דיא בוימער אויף וועלכע דיא טרויבען וואקסען, נור, ווען אַ יאהר איז ניט אין גאנצען געראָטען, פעהלט זיי טרויבען, פעהלט אויס וויין.

דאס איז איין זייט, די חן'עוודיגע זייט פון דער מעדאל.

עס איז אָבער דאָ אַ צווייטע.

איך האב אייך פריהער געזאגט, אז צו עררייכען דעם רעזול־



דער פלאן פון דער אָמאר מאָשע.

„א" איז דער את זכרה. דער גרויסער פעלז אין מיטען פון דער מאָשעע.
„ב" אין דער „טויער פון גן עדן".
„ג" דער איינגאנג.
„ד" באב על קיבל דער טויער פון צפון זייט.
„ה" דער טויער פון דוד.

טאַט, וועלכען די וויין־קאָלאָניען האָבען ערדייכט, האט מען אויס־גריסען און פארטיליגט א ריעזיגע צאָהל וויין־בוימער.

דאס הייסט, מען האט אָנגעטאָהן א צאַם אויף דיא גאנצע וויין־פּראָדוקציאָן פון פאלעסטינא. מיט איינפאכערע ווערטער, מען האָט געגרינדעט דאס, וואס מען רופט אין אמעריקא א טראָסט.

א טראָסט, אָדער ניט א טראָסט, — דאס געהט מיר ניט אָן, דער וואָרט שרעקט מיך ניט, און דארף אויך אייך ניט שרעקען, לעזער, ווען דאס לעבען, דיא אומשטענדען הָאבען איהםווירקליך געמאכט נויטיג און אונפערמיידליך.

איז ער אָבער, דיעזער טראָסט, געוועזען נעטהיג און אונפער־מיידליך? דארף מען, אז צום וואָהל און בעסטען פון דיא האלבע טוטץ קאָלאָניען, וואס קאָנטראָלירען ראָטהשילד'ס אונטערנונג, זאָל מען איינוויקלען אין ווינדעלעך א אינדוסטריע, וועלכע איז גע־ווען דיא ערשטע אידישע אינדוסטריע פון ארץ־ישראל, ווען ארץ ישראל איז געוועזען ארץ ישראל, און וועלכע מוז ווערען דיא לעצטע אידישע אינדוסטריע, פון ארץ ישראל, ווען ארץ ישראל זאָל ווען עס איז וויעדער זיין עטוואס עהנליכעס אויף ארץ ישראל?

דיא מענשען, פון דיא קאָלאָניעס, די מענשען פון דיא וויין־קעלערען דיינקען, אז דאס איז געוועזען נויטיג. אז דאס איז געוועזען אונפערמיידליך, אז קיין אַנדער וועג און מיטעל איז ניט געוועזען צו רעטען זיי פון אונטערגאנג.

איך, פון מיין זייט, ניט קענענדיג די רעטאַלען פון דעם גאנצען געשעפט אזוי גוט וויא זיי, קען זיך ניט אריינלאָזען אין א ויכוח ביז איך וועל ווען עס איז האבען א געלעגענהייט צו ווערען אביסעל נעהענטער בעקאנט, אם וויניגסטען מיט איניגע איינצעל־הייטען פון דער אינדוסטריע.

און ביז דאן קען איך נור צווייפלען, וואס דיא לעזער קענען טאָהן צוזאמען מיט מיר, ווען זיי ווילען.

28

וואס דער חכם באַשי וויל, אז אַמעריקא זאל וויסען

איך האב פיעל געהערט, און איהר געוויס אויך וועגען דעם חכם באַשי פון קאָנסטינאָפּאָל.

ווייסט איהר וואס הייסט אַ חכם באשי? דאס איז אַ רב, אביסעל עהנליך אויף אַ קאַזיאָנעם רב, נור ווערענד אַ קאַזיאָנער רב אין רוסלאנד איז אַ קליינער טשינאָווניק, און נאָך אַ קלענערער רב, איז דער חכם באַשי פון קאָנסטאנטינאָפּאָל זעהר אַ גרויסער רב און נאָך אַ גרעסערער טשינאָווניק.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען דעם גרויסען כבוד וואס אַ חכם באַשי קריגט פון דער טערקישער רעגיערונג און פון דער נאָך גרעסערער אויטאָריטעט וואס ער האט איבער דאס אידישע פאָלק. בעאמטע פון דער טערקישער רעגיערונג מוזען קושען זיין ארבעל, ער, מיט זיין אייגענע קראפט האָט געקענט ארייןלעגען אַ אידען אין חרם, ארויסווארפען איהם פון דער געמיינדע און מאכען איהם בירגערליך, געזעלשאפטליך און מאָראליש טויט. ביין זיין טויער שטעהט אַן עהרען־וואַכע פון דער רעגיערונג, אלץ ביי אַ חכם־באַשי.

איצט נאָך דער קאָנסטיטוציאָן איז ער שוין ניט וואס פריי־הער. דער נייער רעזשים האָט פיעל אוועקגענומען פון דעם פריי־הערדיגען גלאַנץ און מאכט פון דעם חכם־באשי. ער איז אָבער נאָך אימער אַ שרעקליכע מאַכט. און דיא טערקישע רעגיערונג אַנער־קענט ניט קיין אנדער פאָרטרעטער פון דער אידישער בעפעלקערונג וויא דעם חכם באַשי, וועלכער איז דער אויסגעווייל־טער פון דער בעפעלקערונג גופא. מיט רעכט זאָגען דיא אידען פון ירושלים, דאס ווען דארט וואָלט געוועזען אַ שטאַרקערער און אַ פאסענדערער חכם באַשי ווי דער וואס איז געוועזען ביז איצט, וואָלט דיא שרעקליכע קאַ־טאַסטראָפע און סקאנדאלען מיט דיא באנקראָטסטוועס ניט געוועזען פאָרגעקומען, און דיא וואָהלטהעטיגע אַנשטאַלטען וואָלטען ניט גע־דארפט דורכמאכען דעם איצטיגען קריזיס.

דער קאָנסטאנטינאָפּאָלער חכם באַשי פארנעהמט אַ בעזאָנ־דער אַנגעזעהענעם פּאָסטען און ווערט בעזאָנדער געשעצט פון דער רעגיערונג פון דיא יונגע טערקען צוליעב דיא דעליקאטנע מיסיע

דער הכם באַשי



די אָמאר מאָשע.

וועלכע איהם איז אויסגעקומען צו האבען אלס חכם באַשי אין צייט פון דער רעוואָלוציאָן, און דיא טיכטיגע מאָראלע און מאטעריעלע שטיצע וואס דיא רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג האָט געקראגען דיא גאַנצע צייט.

איהם האב איך בעשלאָסען צו „אינטערוויוען“, צו זעהען אויף וויא וועיט מיינע אלגעמיינע אידעען, איינדריקע און שליסע וועגען דער נייער טערקיי זיינען ריכטיג און איבערהויפּט הערען א גרויסע אויטאָריטעט וועגען זאכען וואס האבען מיך אַזוי אינ־טערעסירט.

דער רבי האָט מיך אויפגענומען זעהר פריינדליך, ער האט געהערט וועגען דיא „ווארהייט“ און איהם האָט זעהר געפרעהט, מיט מיר בעקאַנט צו ווערען. אזוי האָט ער געזאגט. איך בין גלייך איבערגעגאנגען צום פּונקט. איך האב איהם מיטגעטהיילט, אז די אידען פון אמעריקא וועט זיין זעהר אינטערעסאַנט צו וויסען דיא מיינונג און דיא געפיהלען פון חכם באַשי פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועגען דיא פערשיעדענע גרויסע אידישע ענינים אין טערקיי און איבערהויפּט וועגען דיא אלגעמיינע לאגע און דיא פּאָליטישע אויס־זיכטען אונטער דעם נייעם רעזשים.

„איהר דאַרפט פערשטעהען — אַזוי האָט ער אָנגעהויבען אין א געקליבענער פראַנצויזישער שפּראך, געשניצט און געטאָקט, אַזוי וויא מען טהוט עס אין דיא אַריסטאָקראטישע סאַלאָנען (ניט סאַלונען, נור אין ס א ל אָ נ ע ן). פון פּאַריז, — אַז ווען איהר ווילט פערשטעהן דיא טערקישע לאַגע, מוזט איהר ניט נעהמען דיזע לאַגע, אָדער יענע לאַגע, דיא אידישע לאַגע אָדער דיא טער־קישע לאַגע, דיא פּאָליטישע לאַגע אָדער דיא רעליגיעזע לאַגע, נור איהר מוזט נעהמען אַלע לאַגעס צוזאַמען און מאַכען פון דעם איין לאַגע, און אורטהיילען עס אַלס איין לאַגע.

„דער טערק וואָס ער זאָל ניט זיין, איז ער פון אונזער איי־גענער סעמיטישער ראַסע. ער שטעהט דארום נעהנטער צו אונז, וויא אַנדערע, און מיר שטעהען נעהנטער צו איהם וויא אַנדערע, ניט ער האָט אונז געטהאָן קריוודעס אין דער פערגאַנגענהייט און ניט מיר איהם, אַלץ וואָס קען אונז שטערען אין אַנדערע לענדער קען אונז ניט שטערען אין טערקיי.

„מיר ווילען צוגעהן נעהנטער צום טערק, מיר ווילען זיך

מיט איהם מעהר משדך זיין. מערקט אייך קיין אסימילאציאָן. דאָס וויל ער ניט, דאָס ווילען מיר ניט. דאָס דאַרף קיינער ניט.

„וויא דיינק איך דארפען מיר זיך משדך זיין? ערשטענס דורך דיא שפּראַכע. דיא אידען וואָס וואָהנען אונטער דער טערקישער רעגיערונג מוזען קענען טערקיש. עס איז קיין אורזאכע ניטאָ פארוואָס דיא אידען פון דייטשלאַנד זאָלען ריידען דייטש, דיא אידען פון פראַנקרייך זאָלען ריידען פראַנצויזיש, דיא אידען פון אמעריקא — ענגליש און דיא אידען פון טערקיי זאָלען ניט ריידען טערקיש.

„און דאָס מערקט אייך איז ניט קיין צו גרויסער וואונש, קיין צו גרויסע פאָדערונג. 60,000 אידען וואָהנען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און יעדער איינציגער פון זיי איז הארץ און זעעלע פאר דעם נייעם רעזשים. און פאר וואָס זאָלען זיי ניט זיין. וואו און ווען האָבען דיא אידען געהאט מעהר פרייהייט, מעהר רעליגיעזע פרייהייט, מעהר טאָלעראַנץ, זיינען מעהר געליטען געוואָרען, בעססער אויפגענומען געוואָרען, מענשליכער בעהאַנדעלט געוואָרען וויא אין דער נייער טערקיי?

„איהר פרעגט מיך פאר וואָס דיא אידען ווילען ניט דיענען אין דער ארמיי? ניט דערפאר, ווייל זיי זיינען געגען דער טערקישער רעגיערונג. דאָס איז ניט אמת. זאָגט אין אמעריקא, זאָגט אַלעמען, אז עס איז ניט אמת, אז דיא אידען פון טערקיי זיינען ניט מיט דער טערקישער רעגיערונג, יעדער איינער פון דיא 60,000 אידען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געארבייט אין דער רעוואָלוציאָן, און יעדער איינער פון זיי איז היינט פונקט אזוי פאר דעם גייסט פון דער רעוואָלוציאָן וויא פריהער.

„דיא אידען דיענען ניט גערן אין דער ארמיי, ווייל דאָרט איז ניטאָ קיין געלד צו קויפען פאר זיי שיך, קליידער. זיי זיינען ניט געוואוינט צו געהן הונגעריג און באָרוועס וויא דיא אנדערע וואָס דיענען גערן. אָבער דיזע שוועריגקייט וועט אויך פארבייגעהן. עס איז נור א פראַגע פון צייט.

„איהר ווילט וויסען וואָס איך דיינק וועגען דעם איצטיגען רעזשים אין טערקיי? צי איך גלויב אויך אז דיא איצטיגע רעגיערונג וועט פריהער אָדער שפּעטער פאלען?

„עס איז א הארבע קשיא, און איך וויים ניט צי איך דארף

עס בעאנטוואָרטען. דאָך מעגט איהר וויסען, און אלע מעגען ווי־סען, אז ווען אפילו עס זאָל פאלען דיא איצטיגע רעגיערונג, וועלען נור פאלען פערזאָנען, פיעלייכט א פארטיי, ניט אָבער דער נייער רעזשים, ניט דיא נייע אָרדנונג אין טערקיי.

„זאָגט אייערע לעזער אין אמעריקא, אז טערקיי וועט שוין מעהר קיין מאָהל, קיין מאָהל זיך ניט צוריק קעהרען צו דער אל־טער בארבאריי, צו דעם אלטען דעספּאָטיזמוס. דאָס פערגאנגענע איז פערגאנגען, און וועט זיך קיין מאָל ניט צוריקקעהרען, קיין מאָל ניט. אפילו דיא מענשען, דיא פּארטייען, דיא צדדים וואָס זיינען דיא גאנצע צייט געשטאנען געגען דער פארטיי פון דיא יונגע טער־קען, און וועלכע בעקעמפּפען זיי נאָך היינט צו טאָג און ווילען זיי שטירצען, — אפילו זיי פיהלען איצט און פארשטעהען אז טערקיי

דיא רואינען פון אקראָפּאָליס אין גריכענלאנד.

מוז בלייבען א לאנד פון פרייהייט און געהן שולטער ביי שולטער מיט דער גאנצער נייער ציוויליזאציאן.

„וואס איך דיינק וועגען ציוניזמוס? איך דיינק אז זיי שטערען מעהר דיא אידען פון טערקיי אין פאלעסטינא, וויא זיי העלפען זיי. זייערע רייד וועגען א אידישע מלוכה, וועגען א אידישער פאלעסטינא, וועגען אן אונאבהיינגיגען אידישען שטאאט האט ארויסגערופען דיא ביסעל יודען־אונפריינדליכקייט וואס עס איז דא. איך דארף אייך ניט זאגען, אז קיין רעגירונג וויל ניט מען זאל ביי איהר אוועקנעהמען לאנד אדער מאכט, אדער טהיילען זיך מיט'ן לאנד אדער מיט דער מאכט.

„וואס דיא טערקישע אידען דיינקען וועגען דעם? איך גלויב ניט אז אויף דער גאנצער וועלט איז דא נאך א לאנד וואו דיא אידען זיינען אזוי שטארק געגען ציוניזמוס, וויא אין טערקיי. און ניט נור אין טערקיי אליין, אפילו אין פאלעסטינא גופא זיינען דיא אידען געגען דעם ציוניזמוס".

איך האב איהם צוגעגעבען אז דאס איז אמת. איך האב איהם אבער אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם אז דיא רייד וועגען א אידישען שטאאט, וועגען א אידישע מלוכה מיט ירושלים אלס הויפט שטאדט זיינען אלטע רייד, אז דיא איצטיגע ציוניסטען אין פאלעסטינא האבען קיין אנדער זאך ניט אין זינן וויא דאס וואס זיי רופען — א אידישער קולטור־שטאאט, אדער קולטור צענטער.

„דאן ווען זיי זיינען אויפריכטיג און אינערליך, זאלען זיי ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט, און ערקלעהרען דאס, זאלען זיי פריהער פאר אליז זיך אבזאגען פון זייער באזעלער פראגראם, און דאן זאלען זיי קלאהר מאכען גענוי וואס זיי מיינען מיט דעם קולטור צענטער. ווען דאס איז נור א וואונש צו שאפען אין פא־לעסטינא אידישע קאלאניעס, שוהלען, פאליטעכניקומס, אוניווער־זיטעטען, ארויסגעבען צייטונגען, בראשורען, אויפקלעהרען פון דארט דאס אידישע פאלק, קולטיווירען העברעאיש, ארבייטען פאר אידישע אידעאלען, דאן, וועלען ניט נור מיר, דיא אידען פון טער־קיי ניט האבען גארניט דאגעגען, איך בין זיכער, אז אפילו דיא רעגיערונג פון טירקיי וועט מיט זיי זיין אין סימפאטהיע.

„אבער זאל קיינער ניט זיין געניארט. איהר אליין קומט איצט פון פאלעסטינא. איהר האט דארט געזעהען דעם באדען, איך דארף

איך ניט זאָגען וויפיעל עס קענען דאָרט געשאפען ווערען אידישע קאָלאָניעס.

„פאר וואָס זאָל א איד, ווען ער וויל לאַנד, צאָהלען 1200 אָדער 1500 פראנק א דונאם אין פתח תקוה (און דאָס לאַנד שטייגט דאָרט פון טאָג צו טאָג) ווען ער קען פאר א צעהנטעל געלד פערשאַפען פאר זיך בעסערע לאַנד אין אַנדערע טערקישע פראָווינצען, וואו דיא בעדינגונגען פאר אַגריקולטור זיינען פיעל גינסטיגער? פאר וואָס?

„אָבער ווען זיי איז ליעב איז דאָס אַלעמען ניחא. נור זאָלען קלאָהר געמאכט ווערען דיא אבזיכטען, און זאָל מען זיך ניט מאַכען קיינע שונאים, דאָרט, וואו עס איז ניט נויטיג”.

מיר זיינען אַריבער צו דיא באַנקראָטבטוועס און די סקאַנדאַלען פון ירושלים.. איך האב דערצעהלט דעם רבי'ן וואס איך האָב ערפאהרען און אויך דיא אויסערונגען און דיא האנדלונגען פון דער טערקישער רעגיערונג אין ירושלים. ער האט מיר מיטגעטהיילט פון זיין זייט, אז ער בעאבזיכטיגט צוזאמענצורופען א אינטערנאציאָנאַלען אידישען קאָנגרעס וואו עס זאָל בעשפּראָכען ווערען דיא פראגע פון דער חלוקה, אָרגאניזירט ווערען אַן אלגעמיינע אידישע וועלט־אויטאָריטעט וואס זאָל אריינברענגען אָרדנונג אין דער יעצטיגער אַנארכיע און איבערהויפּט זעהען אז דאס, וואס האָט געזאלט זיין א ברכה פאר דיא אידען אין ירושלים, זאָל זיך ניט פערוואנדלען אין א קללה און א שאנדע.

איך בין געווען ביי דעם רב, אקוראט א פּאָר טעג פאר פסח, ווען ער איז געווען זעהר בעשעפטיגט מיט דער פראגע פון מצות פאר פערשיעדענע וואָהלטהאַט אַנשטאַלטען און געפענגניסע.

איך האב זיך פעראינטערעסירט צו וויסען, וויא עס שטעהט אין טערקיי מיט אידישע פארברעכער און פארברעכענס.

און דער רב האט געעפענט דיא ביכער און מיר בעוויזען אז פון א בעפעלקערונג פון 60,000 אידען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיינען אין דיא געפענגניסע דאָ אין גאנצען 12 אידען.

אָה, וויא מיר האָט זיך דאן געוואלט צו קריגען בינגהעם'ן און טוירנער'ן אין א טערקישער געפענגניס!

29

·ירושלים של מעלה און ירושלים של מטה

עס איז דאָ א ירושלים וואָס ווערט מיט רעכט גערופען ירושלים של מעלה, און עס איז דאָ א ירושלים וואָס איז אויך א ירושלים של מטה.

איך האָב, וויפיעל איך האָב געקענט, געזוכט צו שילדערן פאַר אייךביידע ירושלים'ס, ביידע ירושלים'ס וויא איך האָב זיי געזעהען און פערשטאַנען.

בעפאָר איך נעהם אָבער אָבשיעד פון דער אייביגער שטאָדט מוז איך זאָגען א פּאָאר ווערטער וועגען יענעם שטיק ירושלים וואָס איז ניט מעלה, ניט מטה, וואָס איז אָבער א שטיק גרויסעס לעבען פון ירושלים, א גרויסער שטיק צוקונפט פון אידישען פאָלק אין פאַלעסטינא.

דאָס זיינען דיא שוהלען פון ירושלים, יענע גרויסע אָדערען פון דער פערהייליגטער ערד וואָס טראָגט דאָס יונגע בלוט צו דער אַלטער הארץ פון ציון.

איך מוז אָפען געשטעהן אז מיין בעקאַנטשאַפט מיט דיא שוהלען פון ירושלים איז ווייט, ווייט ניט דאָס וואָס איך וואָלט געוואָלט עס זאָל זיין. דאָך האָב איך געזעהען גענוג צו קריגען א קליינע פאַרשטענדניס פון זיי.

איך האָב אייך געזאָגט, אַז דיא שוהלען וואו עס ווערט ערצויגען דער יונגער דור פון ירושלים, שטעלען פאָר ביידע זייטען פון ירושלים'ער לעבען, — אי דעם של מעלה, אי דעם של מטה.

איך וואָלט דאָ דארפען זיין אביסעל גענויער. דיא לינקע זייט און דיא רעכטע, דער אויבען און דער אונטען פון לעבען וואָס ווערט פאָרגעשטעלט אין דיא שוהלען פון ירושלים, איז ניט דער של מעלה און של מטה פון ירושלים, עס איז דער של מעלה און דער של מטה פון גאַנצען אידישען פאָלק, עס איז דער אויבען און דער אונטען, דיא גוטע זייט און דיא שלעכטע פון גאַנצען יודענטהום פון אַלע לענדער.

איך האָב אייך פיעל געשריבען וועגען דעם בצלאל. איך האָב אייך אייך געגעבען א געוויסע אידעע וועגען דיא אידישע גימנאַזיע

פון יפו, דאָס הייסט פון תל אביב. איך ווייס ניט וואָס עס וועט ארויס פון דעם גרויסען אידישען פּאָליטעכניקום אין חיפה. קענענדיג אביסעל דיא מענשען און דעם גייסט, גלויב איך, אז דער פּאָליטעכניקום, וויא דיא גימנאַזיע, וויא בצלאל, וויא מייסטען פון דיא פאָלקס שוהלען אין דיא קאָלאָניעס, וועט אויך אימער פארטרעטען ארץ ישראל של מעלה.

איך האָב בעזוכט דיא גרויסע שוהלען פון אליאנס איזראעליט. דאָס הייסט, אלע שוהלען פון דיזער אָרגאַניזאציאָן.

איך געפין אויס, אז דער גרינדער פון דיזע שוהלען, דער מענש וועמען ירושלים און גאנץ ארץ ישראל האָט צו פערדאַנקען וואָס דאָרט איז געגרינדעט געוואָרען דיא ערשטע אמת'ע שוהלע צו בילדען אידישע קינדער, צו ערציהען זיי, ציוויליזירען זיי, און אויך לערנען זיי פערשיעדענע טריידס, און ווער עס האָט א נייגונג אָדער טאלאנט צו קונכט, צו געבען א מעגליכקייט צו ענטוויקלען דעם טאלאנט, איז דער אלעמען גוט בעקאַנטער ניסים בעהאר.

איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט, און מיר האָט זיך קיין מאָהל ניט גע'חלום'ט, אז אונזער גוטער אַלטיטשקער ניסים בעהאר, אָט דערזעלבער בעהאר, וואָס האָט זיך אַזוי בענאַרישט אויף פארשיעדענע אופנים, האָט אַזא גרויסע, ווען איהר ווילט, היסטאָרישע פארדיענסט אויפצו־ווייזען אין זיין פערגאַנגענהייט.

און ווען איך האָב בעטראכט דיא וואונדערבאַרע אינסטיטוציאָן פון דעם אליאנס איזראעליט מיט איהרע ריזיגע טעכנישע און מעכאנישע איינריכטונגען מיט איהרע גרויסע שעפער, און הויפטזעכליך מיט דיא 1800 יונגע אידישע קינדער, וועלכע ריידען און לעזען און שרייבען שנעל, פריי און פליסיג אי העברעאיש, אי פראנצויזיש, און וועלכע זיינען אויך ציעמליך פאָרטגעשריטען אין אנדערע געגענשטענדען, האָב איך בעשלאָסען אז וויפיעל אונזער אלטעטשקער פון אליאנס בלאָנדזשעט ניט ארום אָפט אין דער אידישער פראַגע און וואָס פאר שווערע עבירות ער זאָל ניט האָבען בעגאַנגען אין נויאָרק מיט דיא ניט געבעטענע און ניט געווינשטע שתדלנות; פאר זיין ארבייט אין ירושלים מוז איהם אָבגעגעבען ווערען א דאנק פון אלעמען, אי פון דיא וואָס זיינען מיט איהם, אי פון דיא וואָס זיינען געגען איהם.

און ווען איהר וואָלט געוואוסט ווי מען האָט איהם פער־

פאָלגט, וויא מען האָט איהם געהעצט, וויא דיא אַלטע אידען פון ירושלים האָבען מיט אלע שווארצע כחות פון אלטערטהום געזוכט איהם צו פערטרייבען, טויט מאַכען, דערפאר וואָס ער איז געקומען „אָב'שמד'ען" דיא קינדער, וויא זיי האָבען געשריען אויף אלע עקען, און וויא ער, דיזער אַלטער מענש, ניט אַכטענדיג אויף אַלץ איז גע־גאַנגען זיין וועג, און געקומען צו זיין ציעל, דאַן וועט איהר פער־שטעהען דיא אונגעהייערע פאַרדיענסט זיינע פאר דיא אידען פון ארץ־ישראל, און דאַן וועט איהר אויך בעגרייפען פאר וואָס איך בין אַביסעל אוועק אָן אַ זייט צו זאָגען אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגען ניסים בעהאַר.

ווען איהר, לעזער, וועט אָבער אויף איין ווייל דיינקען אז איך בין זעהר בעגייסטערט פאר דיא גרויסע שוהל פון אליאנס איזראעליט, וועט איהר דיינקען פאלש, ווייל נתפעל פון איהר בין איך וויית, וויית ניט.

איך מיין ניט פון דער אַלגעמיינער שוהלע, דאָס הייסט, פון דער שוהלע וואו דיא אידישע קינדער פון ירושלים קריגען זייער אַל־געמיינע בילדונג. דיזע איז ניט שלעכט. זיא איז ניט דיא גימנאזיע פון תל אביב, זיא שטעהט אָבער פיעל העכער פאר דיא שוהלע פון דעם דייטשען הילפס־פערבאנד, פיעל העכער איז זיא און בעסער וויא דיא „לעמעל שוהלע" אין ירושלים.

איך רייד וועגען דיא טעכנישע אבטהיילונגען פון דער שוה־לע. פונקט וויא דיא גאַנצע אינסטיטוציאָן, איהר איניציאַטיווע און ערשטער ערפאָלג, איז אַ נאָבעלער מאָנומענט פאר ניסים בעהאַר, איז דיא טעכנישע אָבטהיילונג פון דער שוהלע אַ מאָנומענט מיט'ן שפּיץ אין דער, פאר דער גאַנצער אָרגאַניזאציאָן פון אליאנס.

איך בין דורכגעגאַנגען דיא אַלע גרויסע שעפּער מיט דער ריזיגער מאַשינערי, מיט דיא אונגעהייערע לעהר און פּראָדוקציאָן מיטעל פון דעם אינסטיטוט. וואָס פאַר אַ גייסט, וואָס פאר אן אַט־מאָספערע, וואָס פאַר אַן אַלגעמיינע שטימונג,—אַ בית עולם אין פער־גלייך מיט דער אַטמאָספערע, מיט דעם גייסט, מיט דער שטימונג פון בצלאל. איך בין ויקומען צו דער גאַנץ לעצטער פון דיא פיעלע גרויסע געביידען פון דער אינסטיטוט.

צוויי צימערן האָב איך געפונען אין דיזער געביידע.

איין צימער איז א גרויסער, א הויכער, מיט פיעלע פּאָליצעס,

אויף דיא פּאָליצעס אין קעסטעלעך, אין פּאַקעטקעס, שרויפען, זאַ־וויסעס, פיילען, בויערס, העק, האַמערס, רעדער, אַלע סאָרטען מאַשי־נען, אינסטרומענטען, אַפּאַראַטען אין דער שעהנסטער אָרדונג, פיעל, און רייך.

אין צווייטען צימער אויף דער ערד האָבען זיך געוואַלגערט עטליכע שטיקער קופּערנע געפעס, א פּאָר ניט געענדיגטע שטיק מע־בעל, עטליכע שטיק געגאָסענע קונסט ארבייט פון טשוגון ניט צו־זאַמענגעשטעלט און פעראָסטעט.

איך האָב געפרעגט וואָס עס איז אין ערשטען צימער, און וואָס עס איז אין צווייטען.

אין ערשטען האָט מען מיר מיטגעטהיילט איז דער מאַטע־ריאַל, דיא אינסטרומענטען פאַר דער ארבייט.

אין צווייטען צימער האָט מען מיר ערקלעהרט איז דער פּראָדוקט פון דער ארבייט.

און דאָס האָט מיר געגעבען דיא גאַנצע געשיכטע, א גאַנצע בילד פון דער טעכנישער שוהלע פון דער אַליאַנס.

פיעל געלד, גוטע געלד, פיעלע מיטעל, רייכע מיטעל, ענד־לאָזע מיטעל געהן אין דיא שוהלע, און זעהר א קליינער, אָן אונבע־דייטענדער, א ווערטהלאָזער פּראָדוקט קומט ארויס פון דער שוהלע, פאַר דיזע געלד, פאַר דיזע מיטעל.

און דאָך שטעהט דיא שוהלע אין גרויסען, אין גאַנצען הע־כער פאַר דיא שוהלען פון דעם הילפס פעראיין.

איך האָב עקזאַמינירט איינינע שילערינען און שפּעטער אויך שילער פון דיא שוהלע פון הילפס פאַראיין. וואָס פאַר טרויעריגע גע־פיהלען.

דיא הערצען, וואָס שטעהען אויף דער שפּיצע פון פעראיין זייענדיג זעלבסט דייטשען, — דאָס הייסט, דייטשע יהודים פון בער־לין, האָבען בעשלאָסען אז דיא אידען פון ירושלים דאַרפען אָבגעבען זייער גרעסטע צייט אויף דייטש.

אָבער אין ירושלים רעדט מען ניט קיין דייטש, אין גאַנץ פּאַלעסטינא רעדט מען ניט קיין דייטש. אין טערקיי רעדט מען אויך ניט קיין דייטש, אין עגיפּטען רעדט מען אויך ניט קיין דייטש. פראַנצויזיש ווערט גערעדט איבעראל, דייטש אין ערגעץ ניט. און ווען א יונגער מענש פון פּאַלעסטינא קלייבט זיך צו עמיגרירען,

געהט ער וואו איהר ווילט, אָבער ניט אין דייטשלאַנד, און ניט דאָרט וואו מען קען געברויכען דייטש.

און דאָך צווינגט מען דיא קינדער צו לערנען דייטש, און אויסער העברעאיש, ווערט ווייניג וואָס געלערנט מיט זיי אויסער דייטש.

און פאר וואָס ?

ווייל דיא הערען פילאַנטראָפען וואָס ווילען זיי העלפען ווי־לען געפעלען דער רעגיערונג, ווילען חנפ׳ענען דיא פריצים פון לאַנד וואו זיי וואָהנען און טהוען זייערע געשעפטען.

אָבער דאָס איז נור א טהייל פון דיא אנשטאַלטען, וואו עס גיסען זיך אין פורעמס דיא נשמות פון דער יונגוואַרג אין פאַלעסטי־נאַ. עס זיינען דאָ אַנדערע שוהלען, אנדערע אַנשטאַלטען, זיי האָבען אויך א וואָרט צו זאָגען, און אַ גרויסען וואָרט אין דער קולטור־בע־וועגונג פון פאַלעסטינאַ׳ס יודענטהום.

אין ירושלים אליין, ווערט געמעלדעט, זיינען דאָ ישיבות און תלמוד תורות מיט 200 לעהרער און 4000 שילער, אלע צוזאַ־מען. דאָס הייסט ניט, וויא ביי איך, אַ אינגעל געהט אין פּאָבליק־סקוהל, וואו ער קריגט אַן אַלגעמיינע בילדונג, און דאַן געהט ער אין חדר צו לערנען תורה. דאָס הייסט, אַז אַליין וואָס ער לערנט, אַלין וואָס ער קען, אַלין וואָס ער וויים, אליין וואָס ער וועט ווען עס איז וויסען איז צו קוועטשען דיא באַנק, דרעהען מיט׳ן גראָבען פינ־גער. נעהמען חלוקה, חתונה האָבען און אָנפלאָדען נאָך און נאָך, און נאָך ביינק־קוועטשערליך און חלוקה נעהמערליך.

און אָט איז אייך א בילד פון איינער פון דיעזע „שוהלען," וואו עס ווערט געהאָדעוועט דער קומענדער דור, פון איינער וואָס איז דיא גרעסטע.

א קליינצינקער, 4 עקיגער צימער, מיט פארשמירטע ווענט, וועגען וועלכע איהר וואָלט געקענט זאָגען, אז זיי האָבען אלע פארבען פון דעם רעגען־בויגען, ווען דיא פּאַסען און דיא פלאמעס וואָלטען געהאַט וואָס עס איז פאר א בעשטימטע פארב.

גאַנץ הויך איבער דיא ביינק, און אונטער דעם באַלקען, זיי־נען פענסטערליך, קליינע, פאַרשמירטע, שמוציגע.

אין מיטען ביי אַ סטענדער איז א איד מיט א צושמאַטעטען חומ״ש, און ארום איהם זיינען אינגלעך, פאַרשמירטע, אָבגעריסענע,

פיעלע בארוועס, אלע מיט לאנגע געגרייזעלטע פאות, בלאסינקע, געלינקע, גרינינקע פנים'לעך פון יונגענקע קינדער.

— „דו שליימקע (אין גימנאזיע רעדט דער לעהרער העברע־איש, דא אין תלמיד תורה — אידיש) — די שליימקע, נאך אמאל: דער פסוק זאגט, ולקחתם, איהר זאלט נעהמען — וואס זאלט איהר נעהמען? נו, נאך אמאהל. איז וואס־זשע מאכט רש"י: זאגט דער פסוק: ולקחתם, איהר זאלט נעהמען, פרי עץ הדר, א שעהנע פרי. נו, היים'קע, וואס שווייגרט דוא? זאגט אלע, מיט איין מאהל! יאשקע, העכער! ולקחתם, איהר זאלט נעהמען..."

דיא לופט שטיקט, דער גערוך, אדער ריכטיגער א ים פון אלע מעגליכע גערוכען, פערבאפט דעם אטהעם; דיא קולות פון שרייענ־דיגע, קוויטשענדיגע היילזעלעך, איבערגעמיישט מיט דעם הייזערי־גען הונגעריגען קול פון מלמד, מאכט אייך פיהלען וויא אין א דול־הויז.

— זאגט מיר רבי, פרעג איך, פאר וואס עפענט איהר ניט דיא פענסטער. אין דרויכען איז דאך אזוי שעהן און ווארעם, און דא קען מען דאך דערשטיקט ווערען:

— געוויס, עפענען מיר דיא פענסטער, וואס הייסט, ביי אונז איז אלע מאל דיא פענסטער אפען.

— אבער זיי זיינען דאך אלע פערמאכט?

— איהר ווילט דאך ניט, מיר זאלען האלטען דיא פענסטער אפען, ווען דיא קינדער לערנען, און זיינען פערשוויצטע. ווען זיי געהען אוועק אהיים, עפענען מיר דיא פענסטער, וויא זשע דען?!

איז דאס ירושלים של מעלה אדער של מטה?

רעדט מיט זיי, מיט דיא אידען פון ירושלים. אויף זייערע תלמיד תורות, אויף זייערע ישיבות ליגט ביי זיי די גאנצע האפנונג, זייער גאנצער גלויבען איז משיח קומט פון דאנען.

30

אידיש און חרם ביי דיא סאַמע אידישע אידען

און מיט וואָס עס נעהמט זיך מעהר פאר אלץ איבער אין אמת'ער פאַטריאָט פון פאַלעסטינא, וואו ער זעהט זיין שטאָלץ און זיין גדולה, זיין נחת און האָפנונג; אויף וואָס ער לייגט זיין כח, און וואו ער זעהט זיין צוקונפט — איז דיא העברעאישע שפּראך — אָדער א י ד י ש, וויא זיי רופען דאָרט העברעאיש אין פאַלעס־טינא.

אידיש, הייסט ביי זיי העברעאיש, און דיא אידיש, וואָס איהר לעזער רעדט, וואָס איך שרייב, דאָס, זאָגען זיי, איז ניט אידיש. דאָס איז „זשאַרגאָן," דער פערשאָלטענער זשאַרגאָן פון דעם פער־שאָלטענעם גלות. עס איז קיין לשון ניט און וואָס עס ווערט געשריי־בען אין דיזען זשאַרגאָן איז ניט געשריבען, נור געפּאַטשקעט. גע־פּאַטשקעט איז דאָס און ניט געשריבען, ווייל שרייבען קען מען נור אין א שפּראך, און זשאַרגאָן איז ניט קיין שפּראך. דיא זשארגאָן ליטעראַטור איז אלזאָ קיין ליטעראַטור ניט, דיא זשאַרגאָן־פּאָעזיע איז דאַרום קיין פּאָעזיע ניט און עס איז נור א גרויסער שאדען וואָס א מענש וויא פּרץ, אָדער גאָרדין, יהואש אָדער שלום עליכם האָבען אזוי פיעל פון זייער לעבען און טאַלאַנטען ארויסגעוואָרפען אין זשארגאָן ארוים.

אמת'ע אידיש איז דיא „א י ד י ש" וואָס זיי ריידען, דיא פּאַטריאָטען פון ציון, אין פּאַלעסטינא, דאָס הייסט העברעאיש, דיא העברעאיש פון דיא ספרדים. נור דאָס זיינען זיי איינפערשטאַנען צו בעטראַכטען אַלס אידיש, צו רופען אידיש, צו בעהאַנדלען אלס אידיש. און וואָס איך רייד, איהר רעדט, אונזערע מאַמעס האָבען גערעדט, פּאַרוואָס אונזערע און זייערע זיידעס האָבען אזוי שווער געליטען, — דאָס איז א פּאַסקודנער זשאַרגאָן — א זשאַרגאָן, אייך אויף להכעים, זיי אויף להכעים, אויף להכעים דער גאַנצער גרויסער אידישער און ניט אידישער וועלט.

און מיט התלהבות דערצעהלען זיי וויא זיי רודף'ן דעם

זשאַרגאָן. וויא דער פּאָטער פון'ם העבראיזמוס אין ירושלים, בן־יהודה, האָט זיך אויפגעבאַפּט אויף מאָרגען נאָך זיין חתונה און האָט מיט זיין גאַנץ יונגער פרוי, אָקאָרשט אַריבערגעבראַכטער אין פּאַלעסטינא, וועלכע האָט קיין וואָרט ניט געוואוסט לשון קודש, וויא ער האָט זיך ענטזאַגט איהר צו ענטפערן אן איינציגען וואָרט וועגען דיא נויטהווענדיגסטע און דרינגליכסטע זאַכען — אויסער וויא אין לשון קודש. און וויא אזוי דיא יונגע פרויענצימער, וועלכע אן אימה איז בעפאַלען אין איהר גרויזאַמער איינזאַמקייט, האָט געמוזט אָנהויבען צו לערנען העברעאיש, פאַרדאָן — דאָס הייסט אי ד י ש.

אָבער ווער רעדט איצט וועגען אַ פרוי פון בן־יהודה. די הינד, דיא עזלען אין פּאַלעסטינא מוזען היינט פערשטעהען העברעאיש. אַ הונד בעליידיגט זיך ניט דאָרט ווען מען רופט איהם „הונד.“ ער הייבט אָבער אָן צו וואַרפען דעם עק וויא א פּאָמפּעדריקעל ווען מען רופט איהם כלב ; אן עזעל ריהרט זיך ניט פון אָרט ווען מען זאָגט איהר „ניאָ“, לויפט אָבער וויא אַ רוח, ווען מען זאָגט איהר „לך לך“.

אזוי שילדערט מען אייך האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט דיא גרויסע פאָרטשריטע פון העברעאיש.

וואָס מיר אַנבעטרעפט מוז איך צוגעבען אַז אין אַלע מיינע רייזען און וואַנדלונגען פאַר דיא לעצטע 4 מאָנאַט, האָב איך זיך אָפּט אין ערגעץ ניט געפיהלט אזוי הילפלאָז און פרעמד אין דער שפּראַכע, וויא צווישען דיא אידען פון פּאַלעסטינאַ, וועלכע האָבען אריינגעוואָרפען אונזער אידיש אין חרם אריין.

איך זאָג אריינגעלייגט אין חרם אריין און מיין דאָס נישט, וואָס מען רופט „פיגוראַטיוו“. אַ חרם איז ערקלעהרט געוואָרען געגען אידיש, און א חרם ליגט אויף דיא מענשען וואָס געברויכען דעם אידיש אין עפענטליכען לעבען.

און איך וועל דאָ אייך ניט מאַטערען מיט ביישפּיעלע און אילוסטראַציאָנען. איין פאַקט וועט זיין גענוג:

דאָרט איז דאָ אַ מחבר אנכי, וויא אלע אנדערע פון זיין פּראָפעסיאָן איז ער אויף גרויסענע צרות. און מען האָט איהם דאָרט ליעב, אָבער ניט זיין „זשאַרגאָן.“ מען האָט בעשלאָסען צו געבען אן עהרען־אַבענד. ער האָט געזאָלט לעזען זיינע ווערקע. אין יפו, אין גימנאזיום, האָט דער אַבענד געזאָלט שטאַטפינדען.

ווערקע אין אידיש — דאָס הייסט, אין זשאַרגאָן ? ניט אין

דעם גימנאַזיום פון אַ תל אביב, וואו אפילו דער סטראַזש מוז קעה־רען דיא פּאָדלאָגע אין לשון קודש.

און אזוי האָט מען בעשלאָסען צו נעהמען אַ פּריוואַט זאַאַל. דאָס האָבען אָבער אויסגעפונען דיא חסידים פון „אידיש“, און דער רעזולטאַט איז געווען, אז דער בעל הבית פון האָלל האָט זיך ענט־זאַגט צו ערפיללען זיין קאָנטראַקט.

שליעסליך האָבען דיא מיטגליעדער פון דעם קליינטשינקען פּועלי ציון קלוב זיך מרחם געווען און האָבען אָבגעגעבען זייער פּלאַץ פאַר דעם צוועק. דער חרם האָט אָבער געטהאָן זיין ארבייט און ווען מען האָט געדאַרפט עפענען דעם זאַאַל איז קיינער ניט געקומען, און אַלץ, ווייל עס איז „זשאַרגאָן.“

און דיזער פאַקט ווערט אויך דאָרט איבערגעגעבען ניט נור אָהן אַ געפיהל פון שאַנדע, עס קלינגט אַ געוויסע צופריעדענהייט, אַ שטאָלץ ביי דיא מענשען, וואָס האָבען דאָס אויפגעטהאָן. זיי גיבען דאָס איבער מיט דעם יעלבען טאָן, מיט וועלכען זיי דער־צעהלען אייך, אז אפילו אין דעם רוסישען פּאָסט אָפיס אין דעם טערקישען, מוזען דיא בעאַמטע קענען לעזען העברעאיש, ווארום ווען ניט, קענען זיי ניט לעזען דיא אדרעסען, אין וועלכע אידען שיקען דאָרט זייערע בריעף צו אידען.

איך וויל זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין דיא חקירה וועגען דעם נוטץ, וועגען דיא נויטווענדיגקייט פון העברעאיש אין פּאַ־לעסטינאַ. איך בין ניט אויטאָריטעט גענוג אין דיעזען ענין. איך מוז צוגעבען, אז עס איז דאָ פיעל פּאָעטישעס, און נאַציאָנאַל פּאַטריאָטישעס אין דעם, וויא דיא אידען פון פּאַלעסטינאַ גראָבען אויף און מאַכען לעבעדיג און רייך דיא שפּראַכע, מיט וועלכער עס זיינען פאַרבונדען דיא בעסטע עראינערונגען פון אונזער פער־גאַנגענהייט.

און עס קען זיין, אז זיי זיינען גערעכט דיא הויכע און ניט הויכע פּריסטער פון אַלטען לשון קדוש, אז ווען אידען זאָלען ווען עס איז ווידער ווערען דאָס, וואָס זיי זיינען געווען אַמאָל, און ווען זיי ווילען פערבלייבען אַ פּאָלק און אַ נאַציאָן פאַר זיך זעלבסט, דאַן מוזען זיי אויך האָבען אַן אייגענע שפּראַך, וואָס זאָל זיין זייער שפּראַך, דאַן דאַרפען זיי האָבען אַ ליטעראַטור און אַ קונסט אין דיעזער שפּראַך, וואָס איז זייער נאַציאָנאַלע.

דאָס אַלץ קען זיין איז וואהר, און אויף וויא ווייט איך מעג וואגען אויסצושפּרעכען א מיינונג און אויסדריקען א געפיהל אין דער פראַגע, דאַכט זיך מיר, אז עס איז גוט און שעהן דיעזער וואונש צוריקצוגעבען דיא איצטיגע אידען פון פּאַלעסטינאַ דיא אַמאָהליגע שפּראַכע פון פּאַלעסטינאַ, וועלכע האָט פאַראייביגט דאָס לאַנד און זיא ליעב געמאַכט און טהייער אין דיא עראינערונגען פון פאָלק.

אָבער יעדע אידעע, יעדער פּרינציפּ איז נור שעהן און גוט, ווען עס געהט ניט אוועק פון דעם צוועק, פאַר וועלכען עס איז בעשאַפען, ווען עס פאַרדאַרבט ניט דעם באָדען, אויף וועלכען עס איז אויסגעוואַקסען. דיא ערעלסטע וואָהלטהאַט ווערט א ברוטאַלער אונזינן, ווען אין הענד פון פאַנאַטיקער הייבט עס אָן צו שעדיגען דעם אידעאַל, אין וועמעס נאָמען עס ווערט געפּרעדיגט.

דיא טהעאָריע פון דער העברעאיש איז צו שאַפען א באָדען, אויף וועלכען דיא אידען פון אַלע לענדער זאָלען זיך קענען פעראייניגען אין דער שפּראַך. א גייסטיגע קאַסע, וואו דיא גייסטיגע עשירות פון פאָלק פון דער גאַנצער וועלט זאָלען קענען צוזאַמענגעבראַכט ווערען און געהאַלטען אין זיכערהייט פאַר דיא אידישע דורות פון אַלע קומענדע צוקונפטיגע צייטען.

דיא שפּראַך, וויא יעדע שפּראַך, איז ניט קיין צוועק פאַר זיך זעלבסט; ניט קיין ענדע־ציעל, נור א מיטעל, א וועג וויא דעם צוועק צו דיענען, וויא דיא ענדע־ציעל צו עררייכען.

וואָס איז דער צוועק, וואָס איז דער ענדע־ציעל פון דיא אידען, וואָס גלויבען אין דיא צוקונפט פון אידישען פאָלק, וואָס ווילען ארבייטען פאַר דיא ווידער־געבורט פון אַ אידישער נאַציאָן?

דאָס איז דיא פעראייניגונג פון אַלע אי ען; דאָס איז דיא ענטוויקלונג פון בעוואוסטזיין ביי אַלע אידען, אז א פאָלק זיינען זיי געוועזען, א פאָלק זיינען זיי, א פאָלק מוזען זיי און וועלען זיי פערבלייבען, מיט זייערע אייגענע היסטאָרישע פּראָבלעמען, אינדיווידואַליטעט און שיקזאַל.

און דאָס וואָס דיא פאַנאַטיקער פון העברעאיש אין פּאַלעסטינאַ טהוען, שטרעבט ניט נור צו פאַרבינדען, צו פעראייניגען דיא אידען אין איינעם, נור שאַפען אַ וואַנד, אַ נייע שטערונג אידען זאָל זיך קענען פאַרשטעהן איינע דיא אַנדערע, העלפען איינע דיא אַנדערע.

דען נײנציג אידען פון הונדערט רײדען ניט העברעאיש, און װעלען אויך קײן מאָל אין זײער לעבען ניט רײדען העברעאיש. צי מיט רעכט, צי מיט אונרעכט, איז דאָ איצט ניט דיא רעדע. זײ רײדען ניט, און װעלען ניט רײדען, און דאָס איז אַ פאַקט, מיט װעלכען מען מוז זיך רעכענען.

אײנציגע מענשען קענען אין נאמען פון אַ אידעע, פון אַ אידעאַל קריכען אויף גלײכע װענד און קרומע, ברעכען זײער אײגענע געװאָהנהײט און נאַטור, און אָפּפערן זײערע אײגענעם לעבען און בעקװעמליכקײטען פון לעבען.

דיא גרויסע מאַסע האַנדעלט ניט אַזױ. זיא געהט אַהין, װאו נויטה טרײבט איהר, זיא טהוט נאָר דאָס װאָס נויטה צװינגט זיא, דיא גרויסע מאַסען פון אידישען פאָלק װעט ניט אויפגעבען דיא שפּראַכע פון זײערע טאַטעס און מאַמעס. װעט זיך ניט אָבזאָגען פון זײער געשמאַק און געװאָהנהײטען, װעט ניט פאַרברענען דיא װערקע פון איהרע דיכטער און שרײבער, אין נאמען פון אַ טהעאָריע װאָס איז ביז הײנט אין בעסטען פאַל, נור אַ אידעאַליזירטער געפיהל פון אַ קלײנע צאָהל אוטאָפּיסטישע אידעאַלאַגען.

דיא גרויסע מאַסע פון אידישען פאָלק רעדט הײנט אידיש, און אידיש װעט עס רײדען נאָך פיעלע עטליכע דורות.

און װאָס־זשע טהוען דיא פאַנאַטיקער פון העברעאיש װאָס האָבען אַרײנגעלײגט אידיש אין חרם?

זײ טהײלען זיך אָב, זײ שנײדען אָב דיא פּאַלעסטינער יו־גענד פון דיא גאַנצע גרויסע מאַסע פון אידישען פאָלק, װעלכע פערשטעהט זײ ניט, און װעלכע װערט אויך פון זײ ניט פערשטאַנען.

זײ, דיא פאַנאַטיקער פון העברעאיש אין פּאַלעסטינא, נעה־מען אַװעק בײ דעם נײעם דור יעדע מעגליכקײט װען עס איז אָנגע־הויבען צו לעבען מיט דיא אינטערעסען פון דיא גרויסע מאַסען פון אידישען פאָלק, צו פערשטעהען דיעזע אינטערעסען, צו פיהלען דיא אינטערעסען פון אידישען פאָלק.

ניט אַ נײעם דור האָדעװען זײ, דיא העברעאיקער אין פּאַ־לעסטינאַ, נור אַ נײעס פאָלק, אָדער ריכטיגער, אַ פאַלשע עליט, אַן אַריסטאָקראַטיע פון אידישען פאָלק. װיא דיא אַמאָליגע רוסישע אַדעליגע װעלכע האָבען נור גערעדט פראַנצויזיש, האָבען געמוזט אָנקומען צו דאָלמעטשערס װען זײ האָבען געדאַרפט רײדען מיט

זייערע מוזשיקעס, ווע̇לען דיא יונגע מענשען פון פּאַלעסטינא, מו־זען אָנקומען צו פרעמדע איבערזעצער, ווען זיי ווע̇לען עפּעס וועלען וויסען וועגען זייער פאָלק. פרעמד וועט זיי זיין דער גייסט, פרעמד וועט זיי זיין דיא ליטעראַטור, פרעמד דאָס שטרעבען פון דער נאַציאָן, פאַר וועמעס ניט געקרוינטע מלכים זיי זאָלבען זיך זע̇לבסט אין פּאַלעסטינא.

און וואָלטען זיי געווען מלכים, וואָלטען זיי געווען גרויס אין צאָהל, שטאַרק אָדער כאָטש רייך.

אָה, ניין, זיי קענען קיין טאָג ניט עקזיסטירען אָהן דיא מאָראַלע, אָהן דיא מאַטעריעלע שטיצע פון אידישען פאָלק אפילו. אין דעם הארצען פון אידישען פאָלק וואָס וואָהנט אין רוסלאַנד, וואָס לײדעט אין גאַליציען, וואָס שטרעבט אין אַמעריקאַ האָבען זיי דיא וואָרצלען וואָס גיט זיי לעבען, וואָס מאַכט זייער עקזיסטענץ פאַר אַ מעגליכקייט.

און נעהמענדיג זייער לעבען פון פאָלק און זויגענדיג דיא זאַפט, און ציהענדיג דיא לעבענס־סאָקען פון דעם גוף און נשמה פון דיא אידישע מאַסען, פערשפּאָטען זיי דיא מאַסען און פער־שטויסען זיי דיא שפּראַכע פון דיזע מאַסע, וועלכע זיי רופען זשאַרגאָן און פאַרביעטען זייער יונגוואַרג צו לערנען.

טערקיש ווערט געלערענט אין זייערע שוהלען, אַראַביש מו־זען דיא אידישע קינדער פון דיא אידישע שוהלען אין פּאַלעסטינאַ לערנען, אַזוי איז דער גזר פון דיא העברעאיסטען. אָבער ניט אידיש, ניט דעם „זשאַרגאָן" פון זייער פאָלק, וועלכער ווערט נור ערלויבט צו געברויכען אין איין פאַל, אין וועלכען מען בעט שטיצע פאַר פּאַלעסטינאַ.

איך האָב אָפט געהאַט דיסקוסיאָנען מיט זיי, מיט דיזע פאַנאַטיקער פון העברעאיש און האָב זיי אָפען אויסגעדריקט מיין מיינונג, איך האָב זיי געזאָגט, אַז מיט זייערע וואנדרונגען נאָך שטיצע צו אידען פון „זשאַרגאָן", און גלייכצייטיגען חרם אויף דאָס אידיש פון דיזע אידען, דערמאָהנען זיי אַביסעל יענע חיה פון פאַבעל, וואָס עסענדיג דיא ניס פון אַ בוים, האָט אויך גלייכצייטיג געגריזשעט דיא וואָרצלען פון דעם בוים.

און אַלץ וואָס זיי האָבען געקענט ענטפערן איז געווען, אַז „מען עסט ניט אַזוי הייס וויא מען קאָכט", אַז חרם אָדער ניט חרם,

אידען וועלען אַלע מאָל קענען אידיש.

אָבער ווען מען עסט ניט אַזוי היים וויא מען קאָכט, פאַר וואָס זאָל מען קאָכען אַזוי היים וויא מען עסט ניט?

פאַר וואָס זאָל אַ אינגעל פון ירושלים, אָדער אַ מיידעל פון תל אביב ניט קענען לעזען פּרץ איידער אימיצער איבערזעצט איהם אין העברעאיש, אָדער זעהען גאָרדין אויף דער ביהנע פון גימנאַזיום איידער דיא ליטווישע ברידער לוריע לערען זיך אויס אָבצוגעבען כבוד אייע דעם צווייטען אין העברעאיש?

און פאַר וואָס זאָל דיא יונגוואַרג פונקט וויא דיא אַלטוואַרג ניט וויסען, וואָס עס טהוט זיך אויף דער אידישער וועלט, וואָס עס טהוט זיך אויף דער אידישער גאַס, וואָס עס טהו זיך היינט אין דעם גרויסען אידישען גלות פון אַלע לענדער, פון דער פּרעסע, פון דער ליטעראַטור און פון אַלע איבריגע קוועלען פון אידישען וויסען און קענען?

פאַר וואָס?

פאַר וואָס ניט?

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

דער שילער קלוב
פון דער טאראנטער
נאציאנאל-ראדיקאלע שולע

Presented to the
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO

by

THE MULTICULTURAL HISTORY SOCIETY OF ONTARIO

3 1761 05058637 9